STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06068

# DI YIDN-SHTOT LUBLIN

Majer Balaban

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. ד״ר מאיר באַלאַבאַן

# די יידן-שטאָט לובלין

די הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך איז באַשטימט
פאַר די פאָרשונגס־אַרבעטן פון דער צענטראַלער
יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש.

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווישאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן - י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב
8) ד"ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון אַ רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ישראל אפרת: היימלאָזע מענטשן
דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
ד"ר הלל זיידמאַן: טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ.
נח גריס: קינדער־מאַרטיראָלאָגיע
פרידע זרובבל: נע־ונד (פאַרצייכנונגען פון אַ פליטה)
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען

## עס גרייט זיך צום דרוק:

נחום סאָקאָלאָוו: פּויליש־יידישע פּערזענלעכקייטן
טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג דורך אָקופּירטע לענדער
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין וואַרשע
ד"ר יצחק שיפּער: יידן אין אַלטן פּוילן
צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
זלמן וואַסערצוג: יאַנוש קאָרטשאַק
א. ל. שוסהיים: סילועטן און עפּיזאָדן פון גאַליציע
שמואל צעסלער: זאַבלודאָווע — די לעגענדע פון אַ יידיש שטעטל

---


ווענדט אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע
„דאָס פּוילישע יידנטום" זיך ווענדן:
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Pueyrredón 667 Buenos Aires

פּראָפ. ד״ר מאיר באַלאַבאַן

# די יידן-שטאָט לובלין

איינלייטונגס־וואָרט און איבערזעצונג
פון א. ל. שוסהיים

צייכענונגען אין טעקסט
פון קאַרל ריכאַרד הענקער

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
פאַרלאַגס-לייטונג: א ב ר ה ם מ י ט ל ב ע ר ג

בוענאָס איירעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

**Prof. Dr. Maïer Balaban**

**DI IDN-SZTOT LUBLIN**

(La ciudad judía de Lublín)

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Buenos Aires, 1946

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

# אינהאַלט:


אַריינפיר־וואָרט פונעם איבערזעצער — — — — — — — — 7
איינלייטונג־וואָרט פונעם מחבר — — — — — — — — — 15
1. די יידן־שטאָט לובלין און איר אויפבלי אין 16טן יאָרהונדערט — — — — — — — — — — — — 19
2. די יידישע געמיינדע אין לובלין, אירע רעכטן און פליכטן — — — — — — — — — — — — 30
3. צו דער קולטור פון די יידן אין לובלין אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט — — — — — — — — — — 42
4. דער קרוינטריבונאַל — — — — — — — — — — 53
5. דער יידישער סיים אין לובלין — — — — — — — — 63
6. יידן אין לובלין בשעת דער גרויסער מלחמה אין די יאָרן ת"ח—ת"ך — — — — — — — — — — — 76
7. נאָך דער גרויסער מלחמה — — — — — — — — — — 98
8. דער קאַמף וועגן יידישן האַנדל אין לובלין אין 18טן יאָרהונדערט — — — — — — — — — — — — 96
9. די בעלי מלאכות — — — — — — — — — — — — 110
10. אברהם היילפּערן און זיין צייט — — — — — — — — 118
11. דער חוזה פון לובלין — — — — — — — — — — — 133
12. אַ שפּאַציר דורך דער יידן־שטאָט — — — — — — — — — 148



פראָפ. ד״ר מאיר באַלאַבאַן

# וועגן אַ דערמאָרדעטער שטאָט און איר דערמאָרדעטן היסטאָריקער

(אַריינפיר־וואָרט פונעם איבערזעצער)

איבערגעבנדיק דאָס דאָזיקע בוך דעם יידיש־לייענענדיקן עולם, האָבן מיר דאָס געפיל, וואָס אַ מענטש האָט ביים אויפשטעלן אַ מצבה נאָך אַ טייערן מת, מיט וועלכן מען איז געווען אינערלעך צונויפגעבונדן דורך טויזנטערליי פעדים און לאַנגע יאָרן. און דאָס איז טאַקע די כוונה פונעם איבערזעצער ווי פון די ארויסגעבער פון דעם דאָזיקן בוך: דאָס דאַרף זיין אַ מאָנומענט נאָך אַן אויסגעשטאָרבענער, אַ דערמאָרדעטער „שטאָט מיט יידן" און פאַר איר דערמאָרדעטן היסטאָריקער. פאַרטיפנדיק זיך אין די דאָזיקע בלעטער פון דער געשיכטע פון דער יידישער לובלין און באַטראַכטנדיק אירע גאַסן, הייזער, בראַמעס און שולן, וועלכע אַ האַנט פון אַ קינסטלער האָט געצייכנט, פילן מיר אין דער דאָזיקער פאַרשוווּנדענער יידישער שטאָט אַ סימבאָל פון אַלע די הונדערטער און הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלאַך אין פוילן, וועלכע דער שונא האָט דערהרגעט, אויסהרגענדיק אַלע זייערע יידן און פאַרברענענדיק, צעשטערנדיק און פאַרשווּעכנדיק זייערע שולן, בתי מדרשים, ביבליאָטעקן און דאָס גאַנצע קאָכעדיקע, באַוועגטע און שיינע יידישע לעבן. לובלין, די שטאָט פון יידישע גדולים און גאונים, די שטאָט פון תורה און אַלט יידישער טראַדיציע, די שטאָט פונעם מהרש"ל, פונעם מהר"ם, פונעם חוזה און פון די

יידישע דאָקטוירים, די שטאָט ווו ס'איז געווען דער צענטער פונעם יידישן אויטאָנאָמען לעבן אין פוילן, האָט דער שונא צום שפּאָט פאַרוואַנדלט אין אַ צענטער פון אויסראָטונג און פאַרלענדונג פונעם יידישן לעבן.

* * *

דאָס דאָזיקע בוך איז נישט קיין טיף גרינטלעכע היסטאָריע פון דער יידן - שטאָט לובלין. פאַר דער פיר-הונדערט-יאָריקער געשיכטע פון דער יידישער לובלין איז דאָס דאָזיקע בוך צו קורץ. ס'איז אויך נישט געווען די כוונה פון מאיר באַלאַבאַן צו געבן אין דעם דאָזיקן בוך אַ פולע געשיכטע פון די יידן אין לובלין. מער ווי אַ היסטאָרישע פאָרשונג איז דאָס אַ שפּאַציר-גאַנג פון אַ היסטאָריקער דורך אַן אַלטער שטאָט מיט אַלטע מאָנומענטן, וועלכע ציען צו זיך דאָס אויג און דאָס האַרץ פונעם היסטאָריקער קינסטלער. און לאָזנדיק זיך אין וועג אַריין אויף אַזאַ היסטאָריש-קינסטלערישן שפּאַציר, האָט באַלאַבאַן — ווי ער זאָגט דאָס אונז אין זיין אַריינפיר צו דעם דאָזיקן בוך — געוואָלט פריער אַ בליק טון אין דער פאַרגאַנגענהייט פון דער דאָזיקער שטאָט. „מיר מוזן — זאָגט דער מחבר — וועקן פון די קברים די נשמות פון די גדולים, וועלכע האָבן דאָ געלעבט און געווירקט, צוריקרופן אין אונזער זכרון זייערע מעשים און זייערע ליידן און מיט זיי צוזאַמען באַזוכן די גאַסן, די הייזער און די שולן...

אַזוי איז דאָס אַ בוך פון אַ היסטאָריקער אַ קינסטלער, וועלכער האָט זיך דערצו פאַרבונדן מיט אַ קינסטלער פונעם בלייַשטיפט, דעם אַרכיטעקט קאַרל ריכאַרד הענקער, וועמעס קינסטלערישן אויג די אַלטע יידן-שטאָט האָט צו זיך צוגעצויגן און וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די שיינע צייכענונגען פון די לובלינער גאַסן, פון די אַלטע הייזער און שולן. און כדי לכתחילה אָפּצוואַרפן אַלע פּרעטענזיעס, דערקלערט באַלאַבאַן אין דעם אַריינפיר, אַז „דאָס בוך איז אַ קריגס-אַרבעט און אַלס אַזאַ דאַרף דאָס אָפּגעשאַצט ווערן". אָבער, נישקשה: טאָקע אַ קריגס-אַרבעט, אָבער אַ קריגס-אַרבעט פון אַ היסטאָריקער אַ קינסטלער, אַ קריגס-אַרבעט פון פּראָפעסאָר באַלאַבאַן.

* * *

מאיר באַלאַבאַן איז נישט געווען דער היסטאָריקער, וואָס פאַרלירט

זיך אין די פארשטויבטע, פארדומפּטע אַלטע ארכיוון צווישן פארשימלטע, פונעם וואָרעם פון דער צייט צעפרעסענע אַלטע דאָקומענטן, ווערנדיק דער־ביי אַליין א פארשימלטע אַלטע מומיע; ער איז געווען דער היסטאָריקער־קינסטלער, וועלכער האָט פארבונדן דאָס געשעענע אין אַלטע צייטן מיטן לעבעדיקן לעבן. אלס אזא, אלס א היסטאָריקער קינסטלער, ווייזט ער זיך באזונדערס ארוים אין זיינע מאָנאָגראַפיעס וועגן איינצעלנע פערזאָנען, וועגן שטעט און גאסן און אפילו וועגן איינצעלנע הייזער. מיר דאָ אין די אַמעריקאַנער לענדער קענען זיך נישט פאָרשטעלן, אז הייזער זאָלן האָבן זייער געשיכטע און אז עס זאָל כדאי זיין צו פארשרייבן אזא געשיכטע. דאָ בויט מען הייזער אין דער גיך צו א באשטימטן צוועק, און אין א צוואַנ־ציג - דרייסיק יאָר ארום דעמאָלירט מען זיי און מען בויט אויף אַנדערע, גרעסערע און שענערע אויף זייער אָרט. אין דער אַלטער וועלט אָבער זע־נען הייזער געשטאַנען טיילמאָל הונדערטער יאָרן. דורות נאָך דורות זענען געבוירן געוואָרן, געלעבט און געשטאָרבן אין די דאָזיקע הייזער. יעדעס פון די דאָזיקע הייזער האָט זיך זיין אייגענע געשיכטע, זיין אייגענע נשמה, וואָלט איך זאָגן. באַלאַבאַן האָט אָנגעשריבן די „ביאָגראַפיעס" פון איניקע אַזעלכע הייזער פון דער ברייטער גאס אין לעמבערג. די דאָזיקע „ביאָגראַפיעס" פון הייזער זענען אמתע קונסטווערק. באַלאַבאַן האָט קינסטלעריש פאָראייביקט די נשמה פון די דאָזיקע הייזער.

בכלל האָט באַלאַבאַן געהאַט אַן אינטערעס פאַר איינצעלנע עפּיזאָדן פון דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן, פאַר איינצעלנע פערזענליכקייטן, פאַר איינצעלנע שטעדט, גאסן און הייזער. דער דאָזיקער אינטערעס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דער גרויסער צאָל מאָנאָגראַפיעס, פון וועלכע איך וויל דאָ דערמאָנען נאָר איניקע, ווי צ. ב. וועגן „ר' שאול וואַל, דער יידישער מלך אין פוילן", „דר. שמחה מנחם מיונה, הויף־דאָקטאָר פון מלך יאַן סאָביעסקי", „ר' בצלאל בן הקדוש ר' נתן, דער מוכסן אין דער רייסישער מדינה", אַן ארבעט וועגן די יידישע דרוקערייען אין פוילן, די געשיכטע פונעם לעמבערגער „פאָרשריטלעכן" טעמפּל (פויליש; אַן אר־בעט פון אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס), א בוך, אויך אין פויליש, וועגן דעם „יידישן פערטל" פון לעמבערג, וכדומה מאָנאָגראַפיעס. צו די דאָזיקע מאָנאָגראַפיעס, איינע פון די גרעסערע, געהערט אויך „די יידן־שטאָט פון לובלין".

* * *

מאיר שמואל באלאבאן איז געבוירן געוואָרן אין לעמבערג אין יאָר 1877. די באלאבאנס זענען געווען אַ מיוחסדיקע משפּחה אין לעמבערג, ר' ליבוש באלאבאן, אַ ייד אַ תקיף, איז געווען פּרנס הודש אין לעמבערג אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט (דעם דאָזיקן באלאבאן האָט אונזער היסטאָריקער געשילדערט אין איינעם פון זיינע היסטאָרישע סקיצן). פעסל באלאבאן האָט געהאַט אַ גרויסע העברעאישע דרוקעריי און אַ ספרים געשעפט אין לעמבערג, וועלכעס האָט עקזיסטירט נאָך אין אָנפאַנג פון 19-טן יאָרהונדערט. עס זענען פאַראַן תלמוד-אויסגאַבן און חומשים בדפוס של פעסל באלאבאן. דאָס הייסט, אַז אונזער היסטאָריקער קומט פון אַ משפּחה, וועלכע האָט געהאַט צו טון מיט ספרים און ביכער. מאירס פאָטער איז געווען אַ ייד אַ משכיל, וועלכער האָט, לויטן נוסח פון יענער צייט, גערעדט דייטש. מאיר באלאבאן איז שוין דערצויגן געוואָרן אין דער פּוילישער שולע מיט אַ צוגאַב פון יידישע לימודים אין דער היים. אלס אַ יונגער מאַן ווערט ער אַ לערער אין אַ פאָלקס-שול אין גלינע (גליניאַני, ביי לעמבערג), דאָס איז איינע פון די שולן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין גאַליציע פון דער פונדאַציע פון די באַראָנען מאָריץ און קלאַרא הירש. שפּעטער ווערט ער יידישער רעליגיע-לערער אין די אַלגעמיינע (מלוכהשע) שולן אין לעמבערג.

שוין אלס צוואַנציק יעריקער בחור האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע אַרבעט מיט אַרטיקלען אין דעם לעמבערגער ציוניסטישן בלאַט „פשישלאָשטש" (די צוקונפט) און אין אַ יאָרבוך, וואָס די לעמבערגער ציוניסטן האָבן דאַן אַרויסגעגעבן אין פּויליש. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זיינע ערשטע היסטאָרישע אַרבעטן וועגן די לעמבערגער יידן. זיין היסטאָריש הויפּטווערק איז „די לעמבערגער יידן אין דער תקופה צווישן 16-טן און 17-טן יאָרהונדערט". דאָס דאָזיגע בוך האָט באַקומען אַ פּרעמיע פון דער לעמבערגער אוניווערזיטעט. פון זינט 1903 האָט באלאבאן געהאַט דעם רעפעראַט וועגן יידישער געשיכטע אין פּוילן אין דעם היסטאָרישן פערטל-יאָר-בוך (קוואַרטאַלניק היסטאָריטשני) פון דער לעמבערגער אוניווערזיטעט.

פון באלאבאנס גרעסערע היסטאָרישע אַרבעטן דאַרף מען באַזונדערס דערמאָנען די „געשיכטע פון די יידן אין קראָקע". דאָס דאָזיקע בוך האָט באלאבאן געשריבן אין אויפטראַג פון דער קראָקעווער קהילה אין

1910 אין פּויליש, פּונקט ווי די געשיכטע פֿון די יידן אין לעמבערג. קיין איבערזעצונג פֿון די דאָזיקע ביכער אין יידיש אָדער אין אַן אנדער שפּראַך איז נישטאָ.

א לערן-בוך, וועלכעס באַלאַבאַן האָט אָנגעשריבן וועגן דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור אין דריי בענד פֿאַר די פּוילישע מיטלשולן אין גאַליציע, איז אַרויס אויך אין אַ העברעאישער איבערזעצונג. דאָס דאָזיקע בוך געהערט צו באַלאַבאַנס פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, וועגן וועלכער מיר ווילן נאָך דערמאָנען, אַז ער איז געווען דירעקטאָר פֿון „בית מדרש לרבנים תחכמוני" אין וואַרשע און לעקטאָר פֿון אינסטיטוט פֿאַר יידישע וויסנשאַפֿט אין וואַרשע.

מיר האָבן נישט פֿאַר דער האַנט קיין ביבליאָגראַפֿיע פֿון מאיר באַלאַבאַנס היסטאָרישע און ליטעראַרישע אַרבעטן. עס האַנדלט זיך דאָ וועגן הונדערטער אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, מאָנאָגראַפֿיעס, וואָס באַלאַבאַן האָט געשריבן אין משך פֿון עטלעכע און פֿערציק יאָר פֿון זיין ליטעראַריש וויסנשאַפֿטלעכער טעטיקייט. די דאָזיקע אַרבעטן זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פּויליש, דייטש, יידיש, העברעאיש, און אויך אין רוסיש אין באַזונדערע ביכער און אין זשורנאַלן, ענציקלאָפּעדיעס און צייטונגען. עס וואָלט געווען אַ יושר צונויפֿצוזאַמלען כאָטש אַ טייל פֿון די דאָזיקע ווערק אין אַ יידישער אויסגאַבע. באַזונדערס די ביכער וועגן די יידן אין לעמבערג און אין קראָקע, די געשיכטע פֿון די עלילת דם פּראָצעסן, וכדומה. אַן אויסגאַבע אין יידיש, כאָטש עטלעכע פֿון די גרעסערע ווערק פֿון מאיר באַלאַבאַן, וואָלט געווען אַ שיינער מאָנומענט פֿאַר דעם היסטאָריקער, וועלכער איז ווי דובנאָוו, ווי שיפּער, ווי דער יונגער היסטאָריקער רינגעלבלום, דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים. דערווייל אָבער זאָל דאָס דאָזיקע בוך, „די יידן-שטאָט פֿון לובלין", זיין אַ מאָנומענט, נישט בלויז פֿאַר דער אַלטער יידישער קהילה, וועלכע איז פֿאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַציס, נאָר אויך פֿאַר איר טראַגיש אומגעקומענעם היסטאָריקער.

באַלאַבאַן איז געווען אינערלעך פֿאַרבונדען מיט לובלין פֿון זינט ער איז אהין געקומען אַלס עסטרייכישער מיליטערישער ראַבינער בשעת דער ערשטער וועלט-מלחמה. די יידן פֿון לובלין האָבן דאַן שטאַרק געליטן, חוץ די אַלגעמיינע צרות פֿון דער מלחמה, פֿון דעם אומבייט פֿון דער רוסישער אויף דער עסטרייכישער אָקופּאַציע, אויך פֿון אַ מין „היגיענישן"

אנטיסעמיטיזם פון די עסטרייכישע מיליטאַריסטן. אין יענער צייט, אַרום 1915, זענען אין יידישן קריגס־אַרכיוו אין ווין אָנגעקומען ידיעות וועגן דעם דאַזיקן „היגיעניישן" אַנטיסעמיטיזם, וועגן אַ ברוטאַלער באַציאונג פון אַ טייל עסטרייכישע אָפיצירן צו דער יידישער באַפעלקערונג, און ספּעציעל צו יידישע פרויען. לובלין איז דאַן געווען אַ זייער אָפּגעשטאַנענע שטאָט אויפן סאַניטאַרן געביט. זי האָט נישט געהאַט קיין קאַנאַליזאַציע, און אין דער יידן־שטאָט איז אויך קיין וואַסערלייטונג נישט געווען. צוליב דעם שמוץ האָבן דאָ די קראַנקהייטן קיינמאָל נישט אויפגעהערט. „ווען די רוסן האָבן פאַרלאָזן לובלין — שרייבט באַלאַבאַן — האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ מגיפה אין דער „אַלטער" און אין דער יידן־שטאָט". די עסטרייכישע מיליטער קאָמאַנדע האָט פאַרבאָטן די סאָלדאַטן אַריינצוגיין אין די יידישע גאַסן. אין אַזאַ צייט האָט באַלאַבאַן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַלטער יידישער לובלין, מיט אירע גאַסן, איר אַרכיטעקטור און איר געשיכטע. ס'האָט זיך געשאַפן אַ מין ליבע פאַרהעלטעניש צווישן דעם היסטאָריקער און דער באַשריבענער שטאָט.

* * *

אין דער געשיכטע פון די יידן אין לובלין זעען מיר דאָס פּאַראַדאָקסאַלע פון דער געשיכטע פון די יידן אין גאַנץ פּוילן: פון איין זייט באַקומען זיי ברייטע פּריווילעגיעס, אָפטמאָל גלייכע האַנדלס־רעכט מיט די קריסטן, אפילו אַ פּריווילעגיע נישט צו טאָלערירן קיין קריסטן אין זייער שטאָט־טייל אַלס אַ מין רעקאָמפּענסאַציע פאַר דער פּריווילעגיע פון די קריסטן אין לובלין, נישט צו טאָלערירן קיין יידן; די יידישע קולטור, דער יידישער גייסט האָבן די ברייטסטע און אומבאַשרענקטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן און אַ דאַנק די דאָזיקע מעגלעכקייטן, ווערט טאַקע לובלין אַ צענטער פון תורה און גרויסע גאונים געפינען דאָ אַ פרוכטבאַרן ווירקונגס־פּלאַץ, דערציענדיק אין די ישיבות נייע דורות לומדים. לובלין, אַלס זיץ פונעם ועד ארבע ארצות, ווערט אַ צענטער פונעם יידנטום פון דער גאַנצער וועלט; אָבער אין דער זעלבער לובלין מיט דער ברייטער יידישער אויטאָנאָמיע, מיט יידישע געריכטן, מיט אַן אויטאָנאָמער יידישער שטייער־אַדמיניסטראַציע זענען יידן שוצלאָז קעגן די בלוט־בלבולים און אין באַרבאַרישע פּראָצעסן מיט טאָרטור־מעטאָדן ווערן אומשולדיקע יידן פאַר־

משפט צום טויט דורך די מערדעריש בלוטיקע מעטאָדן פון יענער צייט. און — אָן אַנדערער באַראַקס: די יידן, וועלכע זענען מאַכטלאָז קעגן די בלוט-בלבולים, זענען דאָך אין דער לאַגע צו פאַרטיידיקן זייערע האַנדלס-רעכט און זייער רעכט צו אַרבעטן און זיי געפינען זיך אין שטענדיקן קאַמף מיט די מאַגיסטראַטן, מיט די קריסטלעכע האַנדלס-גרעמיעס און מיט די צעכן, און זיי לאָזן זיך נישט צונעמען זייער רעכט אויף אַרבעט. און אפילו אין דער קריסטלעכער שטאָט-געגנט, וווּ די קריסטן האָבן אַ רעכט זיי נישט אַריינצולאָזן, ציען זיי זיך אַריין קודם מיט זייערע געוועלבן און דערנאָך דינגען זיי דאָרט אויך זייערע דירות. דער דאָזיקער קאַמף פון די יידן פאַר זייער רעכט מאַכט אונדז די געשיכטע פון די יידן אין לובלין באַזונדערס אינטערעסאַנט.

* * *

דאָ האַלטן מיר פאַר נויטיק צו מאַכן די פאָלגנדיקע באַמערקונגען:

באַלאַבאַן האָט דאָס דאָזיקע בוך געשריבן אַרום 1917 — די הקדמה איז דאַטירט פון 3-טן מערץ 1918 — און וועגן פאַרשידענע בנינים און אינסטיטוציעס אין לובלין רעדט ער ווי וועגן זאַכן, וועלכע עקזיסטירן נאָך. דאַן, אין 1918, האָבן זיי נאָך עקזיסטירט. אָבער די יידישע באַפעלקערונג, די יידישע אינסטיטוציעס, שולן, קולטור-אַנשטאַלטן — דאָס גאַנצע יידישע לעבן, וואָס האָט עקזיסטירט אין 1918 און וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און אויסגעוואַקסן ביז 1939, דאָס דאָזיקע יידישע לעבן עקזיסטירט היינט אין לובלין נישט מער. מיר ווייסן נישט, וואָס ס'איז אין לובלין געבליבן פון דער יידישער ירושה פון מער ווי פיר יאָרהונדערטער. מיר האָבן דעריבער די אַלע שטעלן, וווּ עס רעדט זיך וועגן זאַכן, אינסטיטוציעס און בנינים, וועלכע „עקזיסטירן נאָך היינט", נישט געענדערט, דער לייענער דאַרף דאָ פאַרשטיין דעם „היינט" אַלס די צייט פאַר דעם חורבן.

די דאָזיקע אויסגאַבע פון באַלאַבאַנס בוך איז נישט באַשטימט פאַר פאַך-געלערנטע היסטאָריקער, נאָר פאַר פשוטע אינטעליגענטע לייענער, וועלכע האָבן אַ גייסטיקן אינטערעס פאַר אַזעלכע זאַכן. מיר האָבן דעריבער אויסגעלאָזט די נומערירטע אָנווייזונגען אויף אַרכיוואַלע דאָקומענטן, האַנט-שריפטן און אַלטע ביכער, וועלכע באַלאַבאַן ווייזט אָן אַלס זיינע

מקורים, אָבער וועלכע דער נישט־פאך־געלערנטער האָט נישט קיין אינטע־רעס און נישט קיין מעגלעכקייט נאָכצוזוכן. מיר גלויבן מיט אונזער פאָלקסטימלעכער פאָרם צו דערגרייכן אונזער צוועק, אז דאָס דאָזיקע בוך זאָל זיין א מאָנומענט פאר דער דורך די דייטשן צעשטערטער יידישער שטאָט און פאר איר דורך רוצחישע הענט דערמאָרדעטן היסטאָריקער.

א. ל. שוסהיים.

בוענאָס איירעס, דעצעמבער, 1946.

# אריינפיר

הויך צום הימל ציען זיך די טורעמס פון די אור-אלטע קירכעס פון לובלין, און טיף, זייער טיף, ביים פוס פינעם שלאָס-בארג, איז איינגע-קוועטשט די אלטע לובלינער שול; הויך, אויף א ברייטן בארג-רוקן דער-הויבט זיך די לובלינער אלט-שטאָט מיט אירע אלטע בראמעס, שמאָלע געסלעך, רעשטן פון אלטע באשטן און טורעמס, מיט די אלטע קירכעס, קלויסטערס, אריסטאָקראטישע פאלאצן און הייזער פון מיעשטשאנעס, און טיף, אין פייכטקייט און שמוץ, צווישן זומפּן און בלאָטעס ארום דעם שלאָס-בארג ליגט די לובלינער יידנשטאָט. ליבלעך און מעכטיק קלינגען די גלאָקן אין דער אלט-שטאָט. אָבער הייזעריק און אומהארמאָניש רייסט זיך ארויס צום אַלטן מאַרק דאָס געשריי פון דער יידנשטאָט. „ממעמקים קראתיך ד׳״ — „פון דער טיפעניש רוף איך צו דיר, גאָט״, האָט אַמאָל מיט טויזנטער יאָרן צוריק מתפלל געווען דער זינגער פון תהילים, און פון דער-זעלבער טיפעניש, פון די פינסטערע גאַסן, פונעם שמוץ פון די געטאָס און פון דער אונטערדריקונג פונעם מיטלאלטער האָבן די נאָכפאָלגער פונעם תהילים-זינגער געדאַוונט דריי מאָל אין טאָג אין זייערע שולן.

און שולן זענען פאַראַן אין דער יידנשטאָט אַ סך — אזוי פיל ווי קירכעס אין דער אלט-שטאָט. כמעט אין יעדן הויז אין דער יידנשטאָט געפינט זיך אַ שולעכל אָדער אַ בית מדרש, וועלכע ווערן אויך באַנוצט אַלס חדרים. דאָ קומען זיך צונויף אין דער פרי און אין אָוונט די פרומע יידן צום דאוונען, און דאָ זיצן אַ גאַנצן טאָג די קינדער, לערנענ-

דיק תורה ביי די מלמדים. דאָ, אין אַן אַטמאָספער אָן ליכט און אָן לופט, זיצט דאָס קליינוואַרג פון דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט און לערנען תנ"ך און גמרא אויף דעם באַוווסטן זינגענדיקן שטייגער און דאָס געזאַנג קלינגט אַריבער ווייט אין גאַס אַריין, וווּ עס מישט זיך אויס מיטן גאַסן-טומל, מיטן געשריי פון די אַלטוואַרג־הענדלער און קרעמער. מיט דעם דינ־גען זיך פון די ווייבער ביים איינקויפן און מיטן הילך פון די שווערע וועג־נער, וואָס פאָרן דורך דער יידישער גאַס און גיבן דעם ליאַרמענדיקן טאָן.

אין אַנדערע, אַ פיל ערגערע כאַראַקטעריסטיק פון דער יידן־גאַס איז דער מוראַדיקער שמוץ, פון וועלכן עס פאַרשפּרייטן זיך כלערליי קראַנק-הייטן. לובלין האָט נאָך נישט קיין קאַנאַליזאַציע, און ריין וואַסער איז פאַראַן נאָר אין דער נייער שטאָט. אין דער אַלט-שטאָט און אין דער יידנ-שטאָט ווערט דאָס וואַסער פאַרקויפט אויף אַ מאָס, און פון די הייזער רינט אַרויס אין אָפענע רינשטאָקן מענטשלעכער אָפּפאַל און אַלערליי שמוץ. איז טאַקע נישט קיין חידוש, וואָס די קראַנקהייטן הערן דאָ קיינמאָל נישט אויף און וואָס זיי רייסן אַרויס פון לעבן די סאַמע געזונטסטע מענטשן.

ווען די רוסן האָבן פאַרלאָזן לובלין, האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ מגיפה אין דער אַלט־שטאָט און אין דער יידנשטאָט. די עסטרייכער האָבן ביים אָקופּירן די שטאָט אויף דעם שטאָט-טויער אויפגעקלעפּט אַ שילד מיט טויטן־קעפּ — אַלס וואָרענונג, און פאַרבאָטן די סאָלדאַטן צו באַ־טרעטן דעם דאָזיקן שטאָט-געגנט.

איצט איז דאָרט בעסער געוואָרן. די קראַנקהייטן האָבן אויפגעהערט און די וואָרענונג־שילדן זענען פאַרשוווּנדן. איצט קאָן מען רואיק אַריינ־גיין אין דער אַלטער שטאָט, אַרומשפּאַצירן אין אירע גאַסן און אָבסער-ווירן דאָס לעבן און אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר.

אָבער אײדער מיר גרייטן זיך צו דעם דאָזיקן וועג, מוזן מיר געבן אַ קוק צוריק אויף דער פאַרגאַנגענהייט פון דער דאָזיקער שטאָט און אויף איר יידישער קהילה, מיר מוזן אַ בליק טון אין די קוועלן פון דער דאָ־זיקער פאַרגאַנגענהייט און זי ברענגען צום באַוווסטזיין פון דעם הייַנטיקן דור. מיר מוזן אויפוועקן פון די קברים די נשמות פון די, וואָס האָבן דאָ געלעבט און געווירקט, צוריקרופן אין אונזער זכרון זייערע מעשים און זייע־רע ליידן און מיט זיי צוזאַמען באַזוכן די גאַסן, די הייזער און די שולן — אַלע פּלעצער פון זייער אַקטיוון לעבן. ערשט דאַן וועלן מיר פאַרשטיין

די שפּראַך פון די ענגע גאַסן און פון די אַלטע הייזער, דאָס געשריי פון די געטאָס, און אויך אויף די מענטשן, וועלכע דרייען זיך אַרום אין די דאָזיקע גאַסן, וועלן מיר דאַן מיט אַנדערע אויגן קוקן.

און אַז מיר וועלן שוין האָבן אַנגעקוקט די פּלעצער פון די לעבעדיקע, וועלן מיר זיך אַוועקלאָזן צום אָרט פון די טויטע, אויף דעם אַלטן בית עולם, אַוועקבייגן די צווייגן, וואָס פאַרשטעלן אונז דעם וועג, אָפּשאַרן אַ זייט דאָס גראָז און ווילד-געוויקס פון די מצבות און איבערלייענען די אויפשריפטן, וואָס זענען טיף איינגעקריצט אין די שטיינער. די דאָזיקע פאַרציקטע אותיות און מליצהדיקע אויפשריפטן אויף די מצבות וועלן אונז באַלערנען, ווער עס זענען געווען די מענער, וועלכע האָבן אַמאָל אין דער דאָזיקער שטאָט געלעבט און געווירקט, אָנגעפירט מיט דער קהילה, גאָטס וואָרט געלערנט, קראַנקע געהיילט, קינדער דערצויגן, דאָס יידנטום ליב געהאַט און פאַר אים געליטן און געבלוטיקט.

אַרויסרייסן די דאָזיקע מענער פון פאַרגעסן, דאָס איז די אויפגאַבע פון אונזער בוך, וועלכעס וויל בילדן אַ וועג-ווייזער פאַר דער געטאָ פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער געטאָ פון דער איצטיקער צייט, אפשר וועט די איצטיקע בלוטיקע מלחמה. אַראָפּרייסן די מויערן פון די לעצטע געטאָס, און אַזוי וועלן די קומענדיקע דורות פון דעם דאָזיקן בוך געוווּר ווערן, ווי אַזוי זייערע אבות האָבן אין אַלטע צייטן געלעבט און געליטן.

* * *

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ קריגס-אַרבעט און אַלס אַזאַ דאַרף מען דאָס אָפּשאַצן. די מלחמה האָט מיך געבראַכט קיין לובלין, ווו איך האָב אין פרייע שעהן. וועלכע איך האָב נישט געהאַט קיין סך, צונויפגעזאַמלט די מאַטעריאַלן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט און זיי געבראַכט צו אַ סדר. ווער עס האָט אַמאָל וויסנשאַפטלעך געאַרבעט, וועט וויסן, וואָס דאָס הייסט, זיך צי פאַרנעמען מיט היסטאָרישע אַרבעטן אָן אַ ביבליאָטעק און אָן איי-גענע פאַרצייכענונגען. פאַר אַ ביישפּיל וויל איך באַמערקן, אַז אין גאַנץ לובלין איז נישט געווען צו באַקומען קיין לוח צום איבעררעכענען אַ יידישן דאַטום אויף דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג. איך האָב צוליב דעם גע-מוזט וואַרטן לאַנגע וואָכן, ביז איך האָב געקאָנט פאָרן קיין וואַרשע, ווו איך האָב ערשט אַזאַ פאַרגלייכנדיקן לוח באַקומען. ביי אַזאַ לאַנגע האָב

איך לכתחילה געמוזט מוותר זיין צו שרייבן א געשיכטע פון די יידן אין לובלין און איך האָב מיך באשרענקט אויף דער טאָפּאָגראַפיע פון דעם יידישן שטאָט-טייל אין לובלין. אָבער די טאָפּאָגראַפיע פון א שטאָט קאָן נישט דערוועקן דעם אינטערעס פון א דרויסנדיקן, אויב ער איז נישט באקאנט לפּחות מיט די ראשי פּרקים פון דער שטאָט-געשיכטע; דערפאר האָב איך געפונען פאר נויטיק, קודם צו געבן עטלעכע בילדער פון דער געשיכטע פון די יידן אין לובלין, און ערשט דאן צוצוגיין צו דער באַשרייבונג פון די יידישע גאסן און הייזער. מיטן שרייבן איז די ארבעט געוואקסן און דער ציל האָט זיך אביסל ארויסגערוקט. די היסטאָרישע בילדער פון לובלין זענען געוואָרן וואָס אמאָל אויספירלעכער און צאָלרייכער, ביז זיי האָבן דערגרייכט עלף קאפיטלען. דאָס לעצטע צוועלפטע קאַפּיטל בילדעט א שבאציר דורך דער אלטער שטאָט און דער יידן-שטאָט, וואָס איז לכתחילה געווען דער הויפּט-צוועק פון דעם דאָזיקן בוך.

מיין מיטאַרבעטער, דעם ארכיטעקט קאַרל ריכארד הענקער פון שאר-לאָטנבורג, האָב איך באַגעגנט אין לובלין. אויך אים האָט די מלחמה אהער געבראכט און אויך ער האָט זיין זייער קנאפּע פרייע צייט געווידמעט צו שטודירן דאָס געטאָ פון לובלין. אין די שמאָלע און שמוציקע געסלעך האָט הער הענקער געמאַכט זיינע צייכענונגען, אָפט אונטער דער ברענענדיקער מיטאָג-זון, ארומגערינגלט פון א מחנה טומלדיקע קינדערלעך, וועלכע האָבן אים דעם בליישטיפט ממש פון די הענט ארויסגעשלעפּט. מיר האָבן זיך אָפּטמאָל באַגעגנט אין די דאָזיקע גאסן און דאָ האָבען מיר געשלאָסן אונזער חברשאַפט.

אזוי גייט ארויס דאָס דאָזיקע בוך אין דער עפנטלעכקייט אלס איינציקער אָנדענק פאר די אלע, וועלכע האָבן אין לובלין א לענגערע צייט געוויילט אָדער דורך לובלין אמאָל דורכגעפאָרן און אויך אלס א קליינער ביי-טראג צו דער קענטעניש פון די געטאָס אין פּוילן מיט אלע זייערע סימנים און כאראקטעריסטישע שטריכן, וואָס דערמאָנען נאָך אזוי שטארק דעם מיטלאלטער.

ד"ר מאיר באלאַבאַן.

לובלין, דעם 3-טן מערץ, 1918.

ערשטער קאפיטל

# די יידנשטאָט פון לובלין און איר אויפבלי אין 16-טן יאָרהונדערט

די לובלינער אַלטע שטאָט שפּרייט זיך אויס אויף א הויך-פלאַך, וועלכע איז אין דרום ברייט און דאָרט פאַרבינדט זי זיך מיט דער הינטער נײַ־שטאָט, אָדער קראָקעווער פאָרשטאָט; אין צפון אָבער ווערט זי וואָס ווייטער, אַלץ שמעלער. אויף דער דרום - זײַט פון דער אַלטער שטאָט זענען געווען צוויי שטאָט-טויערן — דער קראָקעווער, און דער אריאַנער טויער, וועלכע זענען געבליבן ביז אין אונזער צײַט; אויף דער מערב זײַט איז אַמאָל געווען דער פישער-טויער און אין צפון געפינט זיך נאָך דער אַזוי גערופענער שלאָס אָדער יידישער טויער (זע די צייכענונגען). הינטער דעם יידישן טויער איז געפלאַסן איינער פון די פילע אָרעמס פון דעם טײַך ביסטזשיצע, איבער וועלכן ס'איז געלייגט א בריק, וואָס פירט צום שלאָס-באַרג. דער שלאָס־באַרג געפינט זיך אויף צפון-מזרח פון דער אַלטער שטאָט, און ער איז אַמאָל געווען שטאַרק באַפעסטיקט. דאָ, אינ-מיטן פון די באַפעסטיקונגען, טורעמס און באַשטן האָט זיך געשטרעקט אין דער הויך דער אוראַלטער קעניגלעכער שלאָס מיטן טורעם און דער קירכע. אויף מזרח און מערב פונעם שלאָס־באַרג האָבן זיך געצויגן טײַכן און

זומפּן, פון וועלכע די אויף דער מזרח-זייט זענען פאַראַן נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

לובלין איז אַן אור־אַלטע שטאָט. זי האָט עקזיסטירט שוין אין 13טן יאָרהונדערט, און אין 14טן יאָרהונדערט איז זי שוין באַקאַנט און באַרימט. די יידישע קהילה פון לובלין געהערט נישט צו די עלטסטע אין פּוילן, וואָרום ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יאָרהונדערט ווערט זי דערמאָנט. אויך איינצלנע יידן ווערן דערמאָנט אין דאָקומענטן פון דער זעלבער צייט. ווו די דאָזיקע אַלטע קהילה האָט געהאַט איר פּלאַץ, ווו ס'איז געווען דער ערשטער יידישער בית עולם אין לובלין און ווו די שול, איז אומבאַקאַנט. ערשט אין די ערשטע יאָרן פון 16טן יאָרהונדערט דערוויסן מיר זיך, אַז אַ סך יידן האָבן געוווינט אויף צפון-זייט און אויף צפון־מזרח פונעם קעניגלעכן שלאָס, בעת די שטאָט גופא האָט געהאַט די אַלטע (*"Privilegium de non tolerandis Judaeis"

ווי אַלע יידישע געמיינדעס אין פּוילן, האָט אויך די לובלינער זיך באַמיט צו באַקומען רעכטן און פּריווילעגיעס, און דעם ערשטן רעכט־סטאַטוט האָבן די לובלינער יידן באַקומען דעם 27סטן פעברואַר 1523. אַדאַנק דער השתדלות פונעם סטאַראָסטע יאַן פּילטשאַ, וועלכער האָט באַשטעטיקט, אַז די יידן לייסטן נוצלעכע אַרבעטן פאַרן שלאָס, דערמיט וואָס זיי רייניקן דעם טייך און זיי העלפן דערהאַלטן די דאַמבעס, האָט דער קעניג זיגמונט געגעבן די לובלינער יידן גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע יידן אין פּוילן.

דער האַנדל אַנטוויקלט זיך אין לובלין אין 16טן יאָרהונדערט זייער שנעל, עס ווערן דאָ אָפּגעהאַלטן גרויסע יאַרידים, אויף וועלכע עס פאָרן זיך צונויף סוחרים פון אַלע לענדער. מען ברענגט אַהער מאַנופאַקטור-סחורה פון דייטשלאַנד, איטאַליע און פראַנקרייך, לייוונט פון דער ריין-געגנט, פון פלאַנדערן און פראַנקרייך, זייד און סאַמעט פון אי-

*) אַ פּריווילעגיע, נישט צו טאָלערירן קיין יידן אַלס איינוווינער; אַזעלכע פּריווילעגיעס האָבן געהאַט אַ סך שטעט אין פּוילן; אָבער אויך יידישע שטאָטגעגנטן האָבן געהאַט די „פּריווילעגיע״ נישט צו טאָלערירן קיין קריסטן צווישן זיך. אַזאַ פּריווילעגיע האָט אויך געהאַט די יידנשטאָט אין לובלין. (אַנמערקונג פונעם איבערזעצער).

טאַליע און פראַנקרייך, טעפּיכער פון פערסיע און טערקיי, בשמים און פאַרבן פון די מזרח־לענדער, פעלצן פון ליטע, ווייַן פון אונגאַרן, פון דער מאָלדעווע און פון אינזל קיפּערן, זאַלץ פון רייסן און פון וויעליטשקע נעבן קראָקע, און די אַלע סחורות געפינען דאָ זייערע קונים. דייטשן, פראַנצויזן, איטאַליענער, פערסער, טערקן, טאַטערן, אַרמענער און קאַצאַפּן קומען קיין לובלין, כדי דאָ צו פאַרבייטן זייער סחורה פאַר אַנדערע. מזרח און מערב דערלאַנגען זיך די הענט אויפן גרויסן לובלינער יאַריד, און די שטאָט ווערט אַ וויכטיקער קאָמוניקאַציע־פּונקט און איינער פון די וויכטיקסטע האַנדלס־מערק. באַרשידענע פּריווילעגיעס פונעם קעניג זיגמונט אויגוסט, ווי די פרייהייט פון צאָל פאַר די לובלינער בירגער אין אַ סך גרעניץ פּלעצער, דאָס רעכט צו דעפּאָזיטירן סחורות, וכדומה, האָבן צוגעצוינגן פרעמדע סוחרים, געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל און געבראַכט דער לובלינער באַפעלקערונג רייכטום און צופרידנקייט.

דאָס זענען געווען די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פאַר אַ רייכער יידישער געמיינדע, דאָס זענען געווען די לעבנס־באַדינגונגען פאַר אַ סך יידישע סוחרים. און פאַקטיש האָט זיך די יידישע קהילה אין לובלין אין 16טן יאָרהונדערט זייער שנעל אַנטוויקלט און באַלד דעריאָגט די שוועסטער קהילות פון לעמבערג און קראָקע. די קריסטלעכע סוחרים באַמערקן אָבער באַלד די יידישע קאָנקורענטן און שוין אין יאָר 1521 קומט פאָר אַ פּראָצעס פאַרן קעניגלעכן אַסעסאָרן־געריכט. די קריסטלעכע סוחרים טראָגן אַריין אין געריכט אַן אָנקלאַגע קעגן די יידן, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מסחר, אַז זיי פאַרקויפן סחורות אויף מאָס און וואָג, דאָס הייסט לאחדים, אַז זיי האַנדלען מיט פעפער און אַנדערע בשמים, אַז זיי קויפן צונויף די תבואה אין די פאַרשטעט, צאָלנדיק העכערע פּרייזן, וכדומה.

דעם 30סטן דעצעמבער 1521, געפינענדיק זיך אויפן סים אין פּיעטרעקאָוו, גיט אַרויס דער קעניג אַ פאַרבאָט די יידן צו האַנדלען מיט תבואה און ער באַשטימט אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די אַנדערע באַשולדיקונגס־פּונקטען. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אורטייל פון דער קאָמיסיע איז געווען גינציק פאַר די יידן און מען האָט זיי דערלויבט ווייטער צו פירן זייער מסחר. זייער לאַגע האָט זיך נאָך אַזוי פיל פאַרבעסערט, וואָס דער

קעניג האָט זיי באפרייט פון צאָלן צאָל, גלייך ווי אלע אנדערע לובלינער בירגער. נאָר פאר ארייגפירן אָקסן האָבן זיי ווייטער געמוזט באַצאָלן א צאָל, פון וועלכן די קריסטלעכע בירגער זענען געווען באפרייט.

די דאָזיקע צאָל-פרייהייט האָבן די יידן געוואָלט האָבן אויך פאר דעם אזוי גערופענעם „שטריגאָלד״, און זיי האָבן געוואָלט באפרייט ווערן פון צאָלונגען פאר דער שטאָט פארן ארייגברענגען מאַנופאקטור סחורות, גלייך ווי די אַנדערע בירגער. ווידער איז געקומען צו א פּראָצעס מיט דער שטאָט: אויפן פּראָצעס האָבןביידע צדדים פאָרגעלייגט זייערע טענות און תביעות: די יידן האָבן געפאָדערט באפרייאונג פון צאָלן גלייך מיט די אַנדערע בירגער, די בירגער ווידער האָבן געטענהט, אז די יידן זענען נישט קיין שטאָטישע בירגער, אז זיי ווינען מחוץ פון דער שטאָט, און אז זיי צאָלן נישט די שטאָטישע שטייערן. דעם 15טן סעפּטעמבער 1531 האָט דער קעניג זיגמונט ארויסגעגעבן א פּסק קעגן די יידן. אָבער דעם קעניגס אנטשיידונג האָט נישט געשטערט דער אנטוויקלונג פונעם יידישן מסחר, ווייל אין די ווייטערדיקע יאָרן האָבן די יידן דערגרייכט וואָס אמאָל גרעסערע צאָל-פרייהייטן. אזוי ווערן זיי אין יאָר 1543 באפרייט פון אָפּצאָלונגען ביי די צאָל-קאמערן אין קראסנאסטאוו און בעלז, דורך וואָס זיי באַקומען א פרייע האנדלס-פארבינדונג מיט לעמבערג און מיט ווייטערדיקע פּראָווינצן פון דרום-מזרח, און אין יאָר 1550 ווערן זיי גלייכגעשטעלט מיט די קריסטלעכע בירגער בנוגע פארקויפן אויף מאָס און אויף וואָג און בנוגע שטייערן.

דער האנדלס-צענטער אין לובלין איז, גלייך ווי אין אנדערע שטעט אין יענער צייט, געווען דער מארק-פּלאַץ און די ארומיקע גאסן; דאָ איז געווען די שטאָטישע וואָג, דאָ זענען געשטאנען די דאלמעטשער, דאָ די מעקלערס, וועלכע האָבן צוגויפגעפירט דעם קונה מיטן פארקויפער. די יידן האָבן אָבער געוווינט ווייט מחוץ פון דער שטאָט, און אין שטאָט האָבן זיי נישט געטאָרט דינגען, נישט קיין דירה, נישט קיין געשעפט. נישט איין ייד האָט געפּרוווט עובר זיין אויף דעם דאָזיקן פארבאָט. אָבער דאָס האָט זיך איינגעגעבן נאָר איין איינציקן יידן, דעם רייכן קעניגלעכן צאָל-פּאַכטער יאָשקע. אנדערע יידן האָבן אין שטאָט נישט געטאָרט ווינען, האָבן

זיי געוואָלט לפּחות האָבן זייערע דירות נאָענט פון דער שטאָט. די דאָזיקע שטרעבונגען האַלטן אָן דעם גאַנצן 16טן יאָרהונדערט. די איינציקע מעג־לעכקייט דערצו איז געווען, אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן אַרום דעם שלאָס-באַרג, דאָרט, וווּ עס האָבן זיך געצויגן די פייכטע ערדן און זומפּן. די יידן האָבן נישט געקוקט אויף דעם, און אין יאָר 1550 האָבן זיי געדונגען ביים שלאָס-סטאַראָסטע פון לובלין אַנדזשעי טענטשינסקי אַ שטח באָדן





דער קראָקעווער טויער

(געזען פון דער אַלטשטאָט) (געזען פון דער פאָרשטאָט)

פאַר אַ יערלעכן אָפּצאָל פון 3 פּוילישע גילדן אַ יאָר, דער שטח, וואָס ליגט „ביי דער גאַס, וואָס פירט צום טייך טשעכאַווקאַ", כדי דאָרט אויפצו־שטעלן אַ שעכט-הויז. אַ צווייטן פּלאַץ פאַר אַ הקדש האָט זיי פאַרקויפט דערזעלבער סטאַראָסטע, האַרט ביים שלאָס-באַרג און דערצו האָט ער זיי נאָך געשענקט אַ דריטל פונעם באַרג גראַדזשיסקאַ, וווּ עס האָט זיך דאַן געפונען דער יידישער בית עולם.

דעם 11טן אָקטאָבער 1557 האָט דער יידישער מעדיקער ד״ר יצחק מאי געקויפט ביי דעם זעלבן סטאַראָסטע אַ פּייכטן שטח באָדן „נעבן דעם גרויסן טייך, ביים פוס פונעם שלאָסבארג״ מיטן רעכט דאָרט אויפצו־בויען אַ הויז. דאָס אויסטרוקענען האָט געמוזט דויערן עטלעכע יאָר, און דערפאר האָט דער דאָקטער באַדארפט אָנהויבן צאָלן צו דעם יערלעכן צינז ערשט צען יאָר נאָך דעם קויף. אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט די קהילה אויפגעבויט אַ ישיבה און אַ שול, פאר וועלכער זי האָט באַקומען אַ באַ־זונדערע פּריווילעגיע פונעם קעניג דעם 23סטן אויגוסט 1567.

די שול, וואָס מען האָט אויפגעבויט אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, איז געווען אַ מאַסיווער בנין, גרויס און שיין און זי האָט באַקומען דעם נאָ־מען נאָך דעם ערשטן ראש ישיבה פון לובלין, ר׳ שלמה לוריא (די מהרש״ל־שול). אין דעם זעלבן בנין איז עטלעכע יאָר שפּעטער איינגע־אָרדנט געוואָרן אַ צווייטע, קלענערע שול, וועלכע איז געוואָרן אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם גאון ר׳ מאיר בן גדליה מלובלין, וואָס איז באַ־קאַנט אין דער יידישער וועלט מיט דעם נאָמען „מהר״ם מלובלין״ (די מהר״ם־שול).

אזוי האָט די לובלינער קהילה געהאַט אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט אירע בתי כנסיות, שולן, בתי מדרשים, אַ ישיבה און צדקה־אַנשטאַלטן ביים פוס פון שלאָסבארג, דאָרט ווו זיי געפינען זיך נאָך היינט, און ארום דעם שלאָסבארג זענען אויפגעבויט געוואָרן די הייזער פון די רייכערע יידישע סוחרים. די דאָזיקע הייזער האָבן אין צוויי רייען ווי אַ קראַנץ ארומגענומען דעם שלאָסבארג און זיי האָבן געבילדעט די ברייטע גאַס (אוליצא שעראָקא), פּאָדזאַמטשע, די קראַקויעצקא גאַס און אַ סך קליינע געסלעך, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין נאָמען.

און וואָס אַמאָל ענגער און ענגער האָבן די יידן זיך צונויפגעדרענגט ארום דעם שלאָסבארג, און ווען ס׳איז דאָ שוין נישט געווען קיין פּלאַץ, האָבן זיי זיך ארויסגערוקט צום יידישן טויער און צו דער יידישער בריק. באַלד זענען אינעם טויער גופא, אויף דער יידישער זייט געעפנט געוואָרן אַן אַ שיעור געוועלבלעך, וועלכע געפינען זיך נאָך היינט דאָרט. אין יאָר 1936 ווערט דאָ ביים יידישן טויער אויף שעראָקא נומער 2 אויפגע־

שטעלט א נייע שול דורך הערש דאָקטער. די שול געפינט זיך אויפן עק פון דער שעראָקא גאס און צירולניטשא, אויפן ערשטן שטאָק פון הינטערשטן הויף. הינטער דעם דאָזיקן הויז האָט זיך אמאָל געצויגן א גרויסער טייך. היינט איז דאָרט די טייך-גאס, אוליצא נאדסטאוונא.

* * *

קעגן סוף פון 16טן יאָרהונדערט איז די יידישע געטאָ פון לובלין שוין געווען אויסגעבויט. די הייזער ארום דעם שלאָס האָבן געהערט צו די יידן, און דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט דורך א באזונדערע פּרי-ווילעגיע אין יאָר 1568 פאַרזיכערט די יידישע רעכט און גלייכצייטיק פאַר-באָטן אלע נישט-יידן דאָרט צו קויפן אָדער צו ארענדירן באָדן. דאָס דאָ-זיקע רעכט צו נישט טאָלערירן קיין קריסטן de non tolerandis Christianis האָבן דערגרייכט די קראָקעווער יידן פאַר זייער געטאָ שוין אין יאָר 1564, די פּויזנער יידן אין יאָר 1633 און אלע יידי-שע געמיינדעס אין ליטע דעם 31סטן דעצעמבער 1645.

אזוי האָט די שטאָט לובלין געהאט דאָס רעכט נישט צו טאָלערירן קיין יידן, און די יידנשטאָט די פּריווילעגיע נישט צו טאָלערירן קיין קריסטן. אָבער די ביידע „פּריווילעגיעס" זענען נישט געוואָרן אָפּגעהיט זייער שטרענג, ווארום אין דער יידישער געטאָ האָבן געוווינט קריסטן, פאַר וועלכע ס'איז אין יאָר 1611 אויפגעבויט געוואָרן די קירכע פונעם הייליקן וואָיציעך מיטן לאַזאר-קלויסטער, און אין דער שטאָט האָבן זיך ארייגעכאַפּט יידישע סוחרים און האָבן זיך דאָרט געדונגען געוועלבן און דירות אין די קלויסטער-געביידעס און אין די אריסטאָקראטישע פּאַ-לאַצן. אויך רייכע מיעשטשאנעס האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פאַר א גוט דירה-געלט ארייצונעמען אין זייערע הייזער יידן, און זיי צו פאַרדינ-גען מאַגאַזינען, קעלערס וכדומה. באַלד איז דער אַלטער מארק געווען פול מיט יידישע געוועלבן — לויט דעם באַריכט פון א מיטצייטיקן פון 1618, וועלכן מען קאָן גלויבן. ארום דעם קרוין-טריבונאַל, וואָס איז גע-ווען די העכסטע אינסטאַנץ פאַר אלע שטרייטן, זענען געשטאַנען לוב-לינער און פרעמדע יידן און דאָ געפירט זייערע מסחרים; אויך די

מעקלערס, וועלכע פּלעגן זיך פריער אויפהאלטן ביי דער בריק און ביים ייִדישן טויער, האָבן זיך אַריבערגעקליבן אהער און געפירט די קונים אין די געוועלבן. יידישע האנטווערקער, באזונדערס שניידער און קירזשנער, קומען אהער זוכן אַרבעט און סחורה, נישט קוקנדיק אויפן פאַרבאָט פון די צעכן און אָפּטמאָל קומט עס דאָ, אין פּנים פונעם העכסטן געריכט, צו געשלעגן צווישן יידישע און קריסטלעכע בעלי מלאכות און צו קאָנפיסקאציע פון סחורות, און די דאָזיקע פּאסירונגען באַקומען שפּעטער אַן עפּילאָג אינעם קרוין-טריבונאַל אָדער אינעם אסעסאָרן־גערִיכט. ווי אין אַלע פּוילישע שטעט, ווילן אויך אין לובלין די צעכן און גרעמיעס נישט דולדן די יידישע קאָנקורענץ און זיי פאָדערן פון די ראַטמענער און פון די ריכטער, אַז מען זאָל די יידן פון שטאָט אַרויסטרייבן. די יידן אָבער פאַרשטייען ווי צו געווינען פאַר זיך די שטאָט-פּאַטריציער, כדי פון זיי צו באַקומען האַנדלס-פּריוויליעס. די דאָזיקע פּריוויליעס ווערן פאַרשריבן אין אזוי גערופענע באַקטן (Pacta cum Judaeis inita), אין וועלכע עס ווערן אַלע פּאָר יאָר פאַרשריבן די ראַמען און גרעניצן פונעם יידישן האַנדל, די שטראָפן פאַר עובר זיין אויף דעם פּאַקט און דעם טערמין ביז וואַנען דער פּאַקט איז גילטיק. אָבער מסחר לאָזט זיך נישט אַריינצווינגען אין באַשטימטע גרעניצן. ווער עס קויפט אמאָל, למשל, טויזנט אָקסן, דער קויפט טיילמאָל, ווען עס טרעפט זיך, אויך צוויי טויזנט, און אַזוי קומט עס צו חלוקי דעות, צו מחלוקתן, וועלכע פירן דערצו, אַז נאָכן ענדיקן זיך פון יעדן פּאַקט, ווייל דער מאַגיסטראַט ניט אָפּשליסן קיין נייעם. די דאָזיקע צייט איז געווען די אומגליקלעכסטע פאַר ביידע צדדים. די קריסטלעכע בירגער זענען געווען מיט דער מיינונג, אַז ס׳איז די יידן לגמרי פאַרבאָטן יעטוועדער מסחר אין שטאָט, די יידן אָבער האָבן גע־טענהט, אַז זיי האָבן פולע האַנדלס־פּריוויליעס, ווייל זיי זענען איצט נישט געבונדן דורך קיין שום פּאַקטן. געוויינלעך פלעגט דאַן קומען צו געשלעגן און געוואַלט-אַקטן; די בירגער האָבן אויפגערייצט דעם המון צו ראַבירן די יידישע געשעפטן און נישט לאָזן אַרויספאָרן און קאָנפיסקירן די פול־געלאָדענע וואָגנס מיט סחורה, מיט וועלכע די יידן האָבן זיך גע־גרייט אַרויסצופאָרן אויף די יאַרידים. די יידן פלעגן כמעט תמיד געפינען אַ וועג צו די ראַטמענער; דער אַדל איז געווען אויף דער זייט פון די יידן,

ווייל ער איז געווען צוגעווינט צום יידישן סוחר, און אזוי זענען, נאָך לאנגע פארהאנדלונגען, באניט געוואָרן די אָפּמאכן, אין וועלכע די גרע-ניצן פאר יידישן האנדל זענען געוואָרן אויסגעברייטערט, אָבער גלייכצייטיק זענען געהעכערט געוואָרן די שטייערן, וואָס די יידן האָבן געדארפט צאָלן דעם שטאָטראט

די אָפּמאכן האָט דער שטאָטראט געשלאָסן שטענדיק קעגן דעם ווילן פון די קריסטלעכע סוחרים-גרעמיעס און פון די צעכן. דאָס האָט נאָך מער פארשטארקט דעם סיי ווי פאראנענעם האס צו די יידן און אין צאָרן האָט דער „פּשוטער מענטש פון לובלין" נאָכגעטראכט, ווי צו נעמען נקמה אָן די יידן. די קלענסטע געלעגנהייט האָט געקאָנט ווערן א מאָטיוו פאר ראבירונגען פון יידישע געשעפטן און פאר פּאָגראָמען, וועלכע פלעגן זיך איבערחזרן אלע פּאָר יאָר מיט אן אלץ וואקסנדיקער גרויזאמקייט. די דאָזיקע פּאָגראָמען פלעג מען רופן אין פּוילן „שילער-געלויף", ווייל זיי פלעגן אָרגאניזירט ווערן דורך די שילער פון די יעזואיטן-שולן און דורך דער האנטווערקער-יוגנט. ביי איינעם אזא „שילער-געלויף" אין לובלין אין יאָר 1646 זענען דערהרגעט געוואָרן 8 יידן, 50 זענען פארוווּנדעט געוואָרן און 20 הייזער זענען געוואָרן אינגאנצן אויסגעראבירט.

* * *

דאָס איז וועגן יידישן האנדל און וואנדל אין דער שטאָט. אין דער יידנשטאָט ווידער זענען געווען צוויי פארשידענע געריכט-דיסטריקטן. אויף צפון פונעם שלאָס (די גאסן שעראָקא, צירוליטשא, יאטעטשנא) איז דער סטאראָסטע פון שלאָס געווען דער, וואָס האָט געהאט צו באפעלן, און אויף דרום-זייט פון שלאָס, אויף פּאָדזאמטשע, קראוויעצקא, פּאָדוואל א. אז. וו. איז געווען א באזונדערע געמיינדע מיט אייגענע געריכט-ביי-זיצער. די געמיינדע האָט געהייסן פּאָדזאמטשע (אונטער דעם שלאָס) און זי האָט געהאט פארשידענע רעכט און פּריווילעגיעס, צווישן אנדערע, דאָס שענק-רעכט אויף מעט, ביר און בראָנפן, דאָס מילן - און בעקער-רעכט. די יידן האָבן אָבער נישט רעספּעקטירט די דאָזיקע פּריווילעגיעס פון דער געמיינדע, זיי האָבן געבאקן ברויט, געברייט ביר און געברענט בראָנפן

און דאָס פאַרקויפט צו יידן און קריסטן; זיי האָבן זיך אויך געמאַכט נישט וויסנדיק וועגן די פאַרבאָטן פון זיגמונט דעם דריטן פון די יאָרן 1590 און 1594 און זיי האָבן דורך דעם געצוווּנגען די ראַטמענער פון פּאָדזאַמטשע צו שליסן מיט זיי אָפּמאַכן — גלייך ווי דער מאַגיסטראַט פון לובלין. דורך די דאָזיקע אָפּמאַכן האָבן די קריסטן באַקומען דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו ברייען ביר און ברענען בראָנפן, און די יידן איז דערלויבט געוואָרן צו פאַרקויפן ביר און בראָנפן צו די קאָנסומענטן, אויב זיי האָבן דאָס געקויפט ביי די אָרטיקע קריסטן. א קאָמיסיע פון 8 קריסטן און 2 יידן האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַשטימען די הורט־פּרייזן פון די דאָזיקע משקאות. דער יידישער שענקער, וואָס האָט נישט געוואָלט איינקויפן זיין סחורה ביי די אָרטיקע קריסטן, האָט באַדאַרפט איינצאָלן 100 גילדן יערלעך אין דער קאַסע פון דעם וואָיט. מעל און ברויט האָבן די יידן נישט געטאָרט פאַרקויפן צו קיין קריסטן. חוצדעם האָבן די יידן געהאַט די פליכט צו געבן יעדן פון די ראַטמענער יערלעך 35 איילן פיינעם שטאָף און אויסערדעם, צוויי מאָל אין יאָר, צו ניטל און צו פאַסכע צו געבן דעם וואָיט, די 7 ראַטמענער און דעם געמיינדע־שרייבער צו 1 פונט פעפער און איין לויט זאַפרען (סאַפּראַן). דער דאָזיקער אָפּמאַך איז אַלע פּאָר יאָר באַנייט געוואָרן, ווי, צום ביישפּיל, אין 1628 אויף 5 יאָר און אין 1633 אויף 15 יאָר.

די דאָזיקע אַלע אָפּמאַכן מיט דער געמיינדע פון פּאָדזאַמטשע האָבן געמוזט האָבן די באַשטעטיקונג פון דעם סטאַראָסטע פונעם שלאָס, ווייל ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַלע קעניגלעכע גיטער און באָדן־שטחים און ער האָט געהאַט די פליכט צו פאַרטיידיקן די יידן און צו דערהאַלטן די אָרדענונג אין דער שטאָט און אין דער אומגעבונג. די יידן האָבן אים געצאָלט באָדן־שטייערן פאַרן שלאָס 700 גילדן יערלעך. די יידן זענען געווען אָנגעוויזן אויף דער גוטסקייט און דער פּריינטשאַפט פונעם סטאַראָסטע, און מיט יעדן נייעם סטאַראָסטע האָבן זיי געשלאָסן אָפּמאַכן, אין וועלכע זיי האָבן אויף זיך גענומען דעם חוב צו צאָלן באַ־שטימטע שטייערן, און דערפאַר האָבן זיי זיך פון אים געלאָזט באַשטע־טיקן זייערע פון פריערדיקע צייטן דערוואָרבענע רעכט. עס זענען גע־

בליבן עטלעכע אזעלכע באשטעטיקונגען: פון די סטאראָסטעס זביגניעוו־סקי, קאראָל פירלעי און יעזשי אסאלינסקי (ארום 1640). אין די באַ־שטעטיקונגען פונעם סטאראָסטע ניעזאביטאָווסקי פון יאָר 1668 און פון סטאראָסטע דאניל‏אָוויטש פון יאָר 1675 ווערט איבערגעגעבן די יידישע פריווילעגיע ווערטערלעך:

פאראגראף 1. דער גרונט־צינז פון אלע הייזער צוזאמען, איינ־שליסלעך די הייזער פונעם רב, פונעם שמש, די שולן, שפיטאָלן, בית עלמין, יאטקעס, שעכט-הויז און דעם באָד באטרעפט ווי ביז אהער 700 גילדן יערלעך.

פאראגראף 2. עס ווערן באשטעטיקט די אָפּמאַכן מיט די איינ־וווינער פון פּאָדזאמטשע וועגן דעם פארקויף פון ביר און בראָנפן.

פאראגראף 3. די יידישע הייזער וועלן, אזוי ווי ביז איצט, אויך ווייטער זיין פריי פון רעקוויזיציעס פארן מיליטער, און מען זאָל פאר די סאָלדאטן זוכן קווארטירן ערגעץ אנדערש.

פאראגראף 4. די שלאָס-סאָלדאטן האָבן ביי די יידן גאָר נישט וואָס צו זוכן, זיי טאָרן ביי זיי אויך קיין געלט נישט ארויספּרעסן.

פאראגראף 5. דער בית עולם זאָל ווי ביז אהער רעספּעקטירט ווערן.

פאראגראף 6. אין מיין (דעם סטאראָסטעס) אָפּוועזנהייט וועט מיין פארטרעטער געבן די יידן יעדע נויטיקע שוץ.

פאראגראף 7. ווען וועלכער ס'איז פון מיינע לייט וועט ווערן גערופן צום שלאָס-געריכט, מוז מען אים לאָזן די פרייהייט צו רעקלאמירן צו מיר.

צווייטער קאפיטל

# די יידישע געמיינדע אין לובלין, אירע רעכטן און פליכטן

די יידישע קהילה אין לובלין איז אנטשטאנען שפעטער ווי די אנ־דערע גרויסע קהילות אין פוילן, זי האט דערפאר ביי איר ארגאניזירונג גע־האט פאר זיך פארטיקע מוסטערן. די קהילות פון פויזן, קראקע, לעמבערג און צויזמער (סאנדאמיעזש) האבען דאן שוין געהאט זייערע קאנסטיטו־ציעס, וועלכע האבן זיך געשטיצט אויף די אזוי גערופענע גענעראל-פרי־ווילעגיעס פון די פוילישע קעניגן. אויפן סמך פון די דאזיקע פריווילעגיעס, וועלכע האבן געהאט זייער מקור אין דער פריווילעגיע פון באלעסלאוו „דעם פרומען" פון קאליש, זענען די יידן געווען קאמערקנעכט פונעם קעניג, זיי האבן געצאלט זייערע שטייערן דעם קעניג און זיי זענען געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם קעניגס משפטים. כאטש די יידן זענען גע־ווען שטאט-איינוווינער, האבן זיי דאך געהאט נאר א קנאפע שייכות מיט די שטאטישע אמטן, און זיי זענען נישט געווען אפהענגיק פונעם שטא־טישן געריכט נאר פונעם געריכט פון וואיעוואדע. דער וואיעוואדע אדער זיין פארטרעטער, דער וויצע-וואיעוואדע, זענען געווען די קאמפעטענטע ריכטער פאר די יידן (Judices judaeorum). די לובלינער יידן האבן

באַקומען זייערע גענעראַל־פּריווילעגיעס אין יאָר 1523, אין אַ צייט, ווען די קעניגן האָבן, צוליב פיסקאַלע טעמים, אָנגעהויבן צו צענטראַליזירן די יידישע קהילות פון די איינצעלנע פּראָווינצן און אפילו פון דער גאַנצער מלוכה. צו דעם צוועק זענען באַשטימט געוואָרן שטייער־איינמאָנער („עקזאַקטאָרעס") פאַר פּוילן און ליטע; פאַר גרויספּוילן: אברהם דער בעם; פאַר קליינפּוילן פראַנטשעק, דער זון פון משה פישל און פאָטער




דער הויף פון מאַרק־גאַס נומער 16

פון דעם רב דר. משה פישל; פאַר ליטע: מיכאל עזאָפּאָוויטש, דער ברוד־דער פון דעם געשמדטן פּוילישן פינאַנץ־מיניסטער. מיכאל און אברהם האָבן באַקומען אדלס־טיטלען מיטן הערב „לעליוואַ".

אַלס געהילפן פון די הויפּט שטייער־איינמאָנער זענען נאָמינירט געוואָרן פאַר די איינצעלנע פּראָווינצן אָדער לענדער הויפּט־רבנים אָדער

סעניאָרן, וועמעס אויטאָריטעט איז געווען אַ זייער ברייטע. אלס הויפּט־רבנים פאַר גרויספּוילן ווערן אין יאָר 1518 נאָמינירט די רבנים משה און מענדל פּראַנק. און אין 1522 ווערט נאָמינירט פאַר די פּראָווינצן לובלין, בעלז און כעלם דער לובלינער רב דר. יהודה אהרן. אין יאָר 1527 ווערט, אויף דער ביטע פון דער לובלינער קהילה, דער רב הראשי פון גרויספּוילן, משה, באַשטימט אלס רב הראשי פון לובלין, אויפן אָרט פון דר. יהודה אהרן. נאָך אים פאַרנעמט די כסא הרבנות פון לובלין, אין יאָר 1532, ר׳ שלום שכנא, וועלכער ווערט אין יאָר 1541 נאָמינירט אלס הויפּט-רב פאַר גאַנץ קליינפּוילן צוזאַמען מיטן קראַקעווער רב ר׳ משה פישל.

* * *

שוין פון די עלטסטע צייטן אָן געפינען זיך אין פּוילן רייכע יידן, וועלכע האָבן נאָענטע באַציאונגען צו די קעניגן. זיי זענען הויף־באַנקירן און פאַכטערס פון שטייערן און פון צאָל, זיי גיבן דעם קעניג גרויסע קרעדיטן און פון זייערע מיטלען דעקן זיי די אויסגאַבן פונעם קעניגלעכן הויף און צומאָל פון די מלחמות.

אין דער צייט פון קאַזימיעזש דעם גרויסן זעען מיר דעם הויף־שאַצמייסטער לעווקאָ, דעם זון יאָרדאַנס, וועגן וועלכן עס ווערן אין קראָקע דערציילט וואונדערלעכע מעשיות: אז ער באַזיצט אַ פאַרכישופטן רינג, דורך וועלכן ער באַהערשט דעם קעניג פולשטענדיק, און אז ער איז א כישופמאַכער, וועמעס מאַכט מען קאָן נישט בייקומען. נאָכן טויט פון קאַזימיעזש דעם גרויסן איז לעווקאָ געווען דער הויף־באַנקיר פון די קעניגן לואיס פון אנזשו און פון וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ, און ער איז געווען אזוי מעכטיק, אז אפילו דער פּויפּסט באַניפאַציוס דער ניינטער, וועלכער האָט קעגן אים ארויסגעגעבן א באַזונדערע „בולע”, האָט אים נישט געקאָנט אראָפּנידערן פון זיין מאַכט.

אין רייסן (לעמבערג) האָט וולאַדיסלאַוו יאַגיעלאָ געהאַט אן אנ־דערן ייד, דעם צאָל-איינגעמער וואָלטשקאָ (וואָלף). וואָלטשקאָ האָט גע-פאַכטעט אלע צאָלן און שטייערן אין רייסן, ער האָט אויך פונעם קעניג



דער לובלינער חזן ר' יחיאל מיכל בן ר'
נתן ממדינת רוסיא". שפעטער (1700) חזן
אין אַמסטערדאַם (יידיש מוזעאום אין ווין).

באקומען א סך באָדן, וועלכן ער האָט פארשטאנען גוט צו קאָלאָניזירן. ארום סוף פון 15טן יאָרהונדערט לעבט אין קראָקע די רייכע יידישע באנקירן־פאמיליע פישל, וועמעס שטאמפאָטער משה פישל איז פארהיי־ראט מיט ראסקא, א „הויף־יודין" פון די פוילישע קעניגן יאן אלבערט און אלעקסאנדער.

אין דערזעלבער צייט לעבט אין לעמבערג דער צאָל-פאכטער יאָש־קע. ער איז דער רייכסטער מענטש אין מזרח פוילן, שוין זיין פאָטער, שכנא, פאכטעט די קעניגלעכע שטייערן אין לעמבערג און גריידינג (גראָ־דעק) אין די יאָרן 1440 — 1448. יאָשקע נעמט איבער דאָס געשעפט פון זיין פאָטער בשותפות מיט זיין ברודער יצחק, אָבער באלד האָבן די ברידער אויפגעגעבן די שותפות, און יאָשקע דינגט אָפּ אין יאָר 1484 אויף זיין אייגענעם חשבון די שטייערן אין הרוביעשאוו, לעמבערג און בוסק און אין די יאָרן 1502 — 1505 אלע שטייערן אין לעמבערג און בעלז פאר 500 מארק יערלעך. כדי איהם צו פארלייכטערן דאָס איינ־מאָנען די שטייערן און די שטייער עקזעקוציעס, גיט אים דער קעניג פאר־שידענע פריווילעגיעס, צווישן זיי די פריווילעגיע, אז ער איז פאראנט־וואָרטלעך נאָר פארן קעניג דירעקט, אָבער נישט פאר קיין שום באאמטן און זיינע אייגענע אָנגעשטעלטע האָט ער אליין דאָס רעכט צו משפטן. דעם סכום געלט פאר דער שטייער-פאכט האָט יאָשקע נישט געמוזט איינ־צאָלן אין דער קעניגלעכער קאסע, נאָר ער האָט געהאט די אויפגאבע אויסצוצאָלן פארן קעניג פארשידענע געהאלטן און מתנות. אזוי האָט ער אויסגעצאָלט דעם ערצבישאָף פון לעמבערג יערלעך 40 מארק, דעם וואָיעוואָדע פון רייסן 100 מארק, דעם בישאָף פון קאמיעניעץ פאָדאָלסק 20 מארק, און דער לעמבערגער הויפט-קירכע 40 מארק.

יאָשקע דינגט אויך אָפּ די שטייערן אין לובלין און הרוביעשאוו און ער גיט דעם קעניג פאראויס 425 גילדן. א יאָר שפעטער (1503) נעמט ער אויך איבער די צאָל-קאמער אין בעלם.

יאָשקע איז רייך און ער האָט א גרויסע מאכט, ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס די קרייץ־פארער אין רייסן טרעטן ארויס קעגן אים און זיי פארניכטן זיין פארמעגן (1504). אָבער יאָשקע ווערט אנט־

שעדיקט פונעם קעניג און באַלד ברייטערט ער אוים זיינע געשעפטן, ער דינגט אָפּ אַלע שטייערן אין גאַנץ פּאָדאָליע, אין האַליטש, לעמבערג, סאַנאָק, פּשעמישל, בעלז, כעלם און לובלין. דער קעניג איז געצוווּנגען צו פאַרמשכנען ביי אים די דאָזיקע שטייערן, ווייל ער איז אים שולדיק גרויסע סומען געלט, ארום 504 מאַרק, אָדער גאָר 790 מאַרק, און ער איז נישט אין דער לאַגע דעם חוב צו באַצאָלן. דער קלער קוקט מיט קרומע אויגן אויף דעם ייד, וועלכער פאַרנעמט אזא הויכע פּאָזיציע, און באַלד הייבט זיך אָן קעגן יאָשקען אַ ווילדע העצע. דער קעניג מוז נאָכגעבן דעם קלער און ער נעמט צו ביי יאָשקען די לעמבערגער צאָל־קאַמער און ער פאַרפּאַכט זי צו מיקאָלאַי לאַנצקאָראָנסקי. אזוי ווי דער פּאָליאַק האָט נישט גענוג געלט, גאַראַנטירן פאַר אים צוויי בישאָפן: מאַטעאוש פון פּשעמישל און יאַן לאַסקי און זיי פאַרפליכטן זיך אָפּצוגעבן יאָשקען די 680 גילדן, וואָס ער האָט פאַראויסגעגעבן דעם קעניג.

באַלד פאַרלירט יאָשקע אויך די אַנדערע פּאַכטונגען און ער באַזעצט זיך אין לובלין, ווו ער — דער איינציקער ייד, וועמען דאָס איז דערלויבט — האָט אַ הויז אין צענטער פון שטאָט. דאָ וווינט ער מיט זיין ווייב גאָלדע און זיינע נאָך גאַנץ יונגע קינדער און ער פאַרנעמט זיך דאָ מיט זיינע געשעפטן. אָבער באַלד ווערט ער קראַנק, און פילנדיק אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף פון זיינע טעג, גייט ער צום לעצטן מאָל ארויף צום שלאָס און דאָ לאָזט ער ביים סטאַראָסטע מיקאָלאַי דאָמבראָוויצא פּראָטאָקאָלירן זיין צוואה. אַלס איינציקע יורשטע באַשטימט ער זיין ווייב גאָלדע, איר פאַרשרייבט ער זיינע הייזער און די חובות, וואָס עס קומט אים ביי יידן און קריסטן אין לעמבערג, לוצק, כעלם א. אז. וו. איר זאָגט ער אויך אָן צו דערציען זיינע זין, פּסח און שכנא.

די צוואה איז פאַרשריבן געוואָרן אין יוני 1507 און אין דעצעמבער פון דעם זעלבן יאָר איז גאָלדע שוין אַן אַלמנה. אין איר שוואַרצן אַלמנה־קלייד קומט זי קיין קראָקע צום ניי־געווילטן קעניג זיגמונט דעם ערשטן און בעט אים צו באַשטעטיקן די צוואה. דער קעניג נעמט זיך אָן פאַר דער יונגער אַלמנה, ער באַשטעטיקט די צוואה, און ער זאָגט־צו גאָלדען, זי צו באַשיצן קעגן די רייכע בעלי חובות און אויך קעגן דער ווילקיר פון די ראַטמענער און די ריכטער פון לובלין.

צוויי מאָל (1510 און 1518) באַפעלט דער קעניג „די פון לובלין", צו לאָזן די אלמנה רוּאיק לעבן אין דער שטאָט און ביידע מאָל באַשטימט ער אַליין דעם יערלעכן שטייער, וואָס גאָלדע דאַרף צאָלן, אויף 10 מאַרק.

* * *

גאָלדע איז געשטאָרבן אַרום 1532. זי האָט דערפילט די אויפגאַבע פון איר לעבן, דערציִענדיק אירע קינדער, אַזוי ווי איר מאַן האָט געבעטן אין זיין צוואה.

מיטן גרויסן פאַרמעגן, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט, האָבן זיך צע־טיילט די צוויי זין פסח און שכנא ווי אויך די טעכטער, וועלכע זענען דאַן שוין געווען פאַרהייראַט. די פאַרוויקלטע געשעפטן פון דעם הויז האָט איבערגענומען פסח, וועלכער איז געבליבן וווינען אינעם פאָטערס הויז אין דער שטאָט, כאָטש דאָס איז זייער נישט געפעלן די ראַטמענער און ריכטער פון לובלין. זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי אים, דעם איינציקן יידן, פון דער שטאָט צו פאַרטרייבן; חוץ אים, איז לובלין גע־ווען אין יענער צייט „יידן-ריין".

פסח האָט פאַרטיידיקט זיין רעכט ווי וויט ער האָט נאָר געקאָנט, ער האָט באַוויזן אַ קעניגלעכע פּריווילעגיע, אין וועלכער דער קעניג האָט אים צוגעזאָגט זיין באַזונדערן שוץ און וווּ ער האָט באַשטימט דעם יערלעכן שטייער פון 5 מאַרק, וואָס פסח האָט באַדאַרפט צאָלן. אָבער דאָס האָט ווייניק-וואָס געהאָלפן, און ער האָט שוין געזאָלט פאַרקויפן זיין הויז, פאַרלאָזן די שטאָט, און זיך אַריבערציִען אין דער יידישער געטאָ. דער קאַשטעלאַן און סטאַראָסטע פון לובלין האָט אים באַפוילן, אין משך פון 7 וואָכן דאָס הויז צו פאַרלאָזן ביי אַ שטראָף פון 500 גילדן. אָבער פסח איז געווען צו רייך און צו כיטרע, כדי זיך אַזוי גיך אונטער־צוּוואַרפן אונטער אַזעלכע באַפעלן. ער איז געבליבן אויף זיין פּלאַץ און האָט געטראַכט וועגן מיטלען, ווי צו געווינען די שטיצע פונעם קעניג, און דעם 8טן סעפּטעמבער 1535 האָט אים דער קעניג געגעבן די דערלויִ־בעניש צו בלייבן וווינען אין שטאָט צוזאַמען מיט זיין ווייב אסתר ליובע ביז צום סוף פון זיין לעבן. זיין הויז האָט פסח געמוזט פאַרקויפן דעם

פריערדיקן באַלעבאָס און ער האָט דאָס פון אים באַקומען אויף א לעבנס־לענגלעכער פאַכט, מיט דער התחייבות צו צאָלן אַלע שטאָטישע שטייערן גליַיך ווי אַלע אַנדערע בירגער.

פסחס ברודער שלום שכנא איז געווען א געלערנטער און. איינער פון די גרעסטע תלמודיסטן פון יענער צייט אין פוילן. אפילו דער קעניג אנערקענט די נישט געוועגלעכע געלערנטקייט פון דעם דאָזיקן מאַן (non vulgarem scienciam), ער לאָזט אים אראָפּ די קעניגלעכע שטייערן אויף 3 גילדן א יאָר און ער גיט אים וווינרעכט אין אַלע שטעט פון פוילן. אין די אַקטן ווערט שכנא אָנגערופן: “Doctor Judaeorum Lubliniensum”, וואָס באַווייזט, אַז ער איז געווען רב אין זיין פאָטערשטאָט לובלין. אַלס תלמיד פון ר׳ יעקב פּאָלאַק (באַרימטער תלמו־דיסט, ראש ישיבה אין פּראג, שפּעטער רב אין לובלין) איז ר׳ שלום שכנא מפורסם געוואָרן אין פוילן און אין רוסלאַנד, און ער ווערט צו־זאַמען מיט זיין רבין און זיין גרויסן תלמיד ר׳ משה אסרלש (איסערלס), באַקאַנט אַלס רמ״א, באַטראַכט אַלס איינער פון די, וואָס האָבן בייגע־טראָגן צום אויפבלי פונעם תלמוד לערנען אין פוילן. דער רמ״א האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט א טאָכטער פון ר׳ שלום שכנא.

דער כסא הרבנות אין לובלין איז אבער נאָר געווען פאַר ר׳ שלום שכנאן בלויז א שטאַפּל צו א פיל העכערער פּאָזיציע. ווי מיר האָבן דאָ שוין דערמאָנט, איז ר׳ שלום שכנא דעם 12טן דעצעמבער 1541 נאָ־מינירט געוואָרן צוזאַמען מיטן קראָקעווער רב, דר. משה פישל אַלס עלטסטער (סעניאָר) פון אַלע יידן אין קליינפוילן, אָדער אַלס רב הכולל פון דעם דאָזיקן גאַנצן לאַנד. די ביידע רבנים האָבן געהאַט די יורים־דיקציע איבער אַלע יידן אין די וואָיעוואָדסטוועס פון קראָקע, צווזמער (סאַנדאָמיעזש), רייסן, פּאָדאָליע, לובלין, בעלז און כעלם, דערביי האָט ר׳ שלום שכנא געהאַט צו אַדמיניסטרירן דריי פערטל פון דער דאָזיקער טע־ריטאָריע, און דר. פישל נאָר איין פערטל. דאָס רעכט אַלס עלטסטע (סעניאָראַט) איז די צוויי רבנים געגעבן געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן און זיי האָבן דערצו באַקומען א גרויסע אויטאָריטאַטיווע מאַכט. זיי האָבן גע־האַט דאָס רעכט צו באַשטראָפן פאַר עובר זיין וועלכן עס איז דין פון

יידישקייט, און אויך צו לייגן אין חרם אַריין; זיי האָבן אויך געהאַט דאָס רעכט צו ווינען אין אַלע שטעט פון זייער טעריטאָריע און אויך אָן אַ באַזונדערער דערלויבעניש זיך אַריבערצוציען פון איין שטאָט אין דער אַנדערער. די פון די איינצעלנע קהילות אין די אנגעוויזענע וואָיעוואָד־סטווען אויסגעקליבענע רבנים האָבן געמוזט פון זיי באַקומען די דער־



פּאָדוואַל־גאַס, געזען פון דער אַלטשטאָט

לויבעניש אָנצונעמען דעם כסא הרבנות (היתר הוראה) און אָן דעם האָט קיין שום רב אין די דאָזיקע קהילות נישט געטאָרט געבן קיין חופּה וקדושין און נישט גטן. זיי אליין האָט מען ניט געקאָנט רופן צו קיין שום געריכט, זיי זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַרן קעניג. זייער

געהאַלט איז זיי באַצאָלט געוואָרן פון די קהילות פון א ספּעציעלער שטייער, וועלכע ווערט אין די לאַטיינישע אַקטן אָנגערופן „טערנאַריום״.

ר׳ שלום שכנא האט זיך געפונען אויף דער העכסטער מדרגה פון זיין געלערנטער אויטאָריטעט; פון גאַנץ פּוילן און אויך פון אויסלאַנד האָבן זיך געצויגן יונגע לייט, כדי צו הערן תורה פון זיין מויל. אויף די גרויסע יארידים אין לובלין האָבן די סוחרים זיך געסטאַרעט צו באַקומען פון אים א פּסק דין אין זייערע שטרייטן. אין זיין שטאָלץ און זעלבסטבאַוווסטזיין האט זיך שכנא נישט אינטערעסירט וועגן די אנדערע רבנים, וועלכע פלעגן קומען צו די לובלינער יארידים און ער האט אַליין געפּסקנט די הארבסטע דיני תורה. דאָס האָט ארויסגערופן א געוויסע פאַרביטערונג, אַזוי, אז דער קעניג האט זיך אריינגעמישט, און פאַרבאָטן שכנאן צו פּסקענען אויף זיין אייגענער אחריות. פאַר הארבע דיני תורה איז פאַרן לובלינער יאריד באַשטימט געוואָרן א יידישער מלוכה־בית־דין, וועלכער איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט פון זעקס דיינים, צו צוויי פון לעמבערג, פּויזן און קראָקע. די לובלינער קהילה האָט נישט געהאט קיין פאַרטרעטונג אין דעם בית דין.

ר׳ שכנאס גלאַנץ איז אבער דורך דעם נישט געוואָרן אָפּגעשוואַכט, אפילו ניט דאַן, ווען זיין אמט אלס רב המדינה איז אָפּגעשאַפט געוואָרן און זיין רבנישע יוריסדיקציע איז געוואָרן באַשרענקט נאָר אויף דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע. פון אַלע זייטן אין תפוצות ישראל האָט מען זיך געווענדט צו אים מיט שאלות און מען האט געבעטן זיין מיינונג וועגן הארבע תלמודישע און רבנישע ענינים, און ער האט אַלעמען געענטפערט. און ווען ס׳איז אין יאָר 1558 באַקאַנט געוואָרן זיין פּטירה, איז געפאַלן א טרויער אויף דער פּוילישער יידנשאַפט, און אַלע רבנים האָבן געוויינט איבערן „היכן מזבח, וועלכער האָט זיך אומגעקערט צו זיין פאַטער אין הימל, דעם מאור הגולה, דעם אָטעם פון אונזער לעבן, דעם געזאַלבטן פון גאָט, דעם גרויסן צווישן די רבנים, דעם שר אין ישראל, וועמעס נאָמען ס׳איז געווען שלום און וועלכער האָט זיך גערופן שכנא...״

ר׳ שלום שכנא ליגט אויפן אַלטן בית עולם אין לובלין. אויף זיין קבר האָט מען אויפגעשטעלט אַ נייע מצבה אויפן אָרט פון דער אַלטער,

און פרומע יידן קומען צו דעם קבר, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם אָנדענק פון דעם גרויסן רב.

* * *

ר'שלום שכנא איז געווען דער לעצטער רב הכולל פאַר קליינפּוילן. אין יאָר 1551 איז דאָס דאָזיקע אַמט ליקווידירט געוואָרן, און אויף זיין אָרט זענען געשאַפן געוואָרן די קלענערע לאַנד־ראַבינאַטן אין לעמבערג, קראָקע, פּויזן, לובלין און כעלם. דעם רב־המדינה פון איין קרייז איז געוואָרן שטרענג פאַרבאָטן זיך אריינצומישן אין די ענינים פון די אַנדערע קרייזן. דאָס צענטראַליסטישע סיסטעם האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן פאַר בעסטן, דעריבער האָט איצט דער קעניג געגעבן ברייטע אויטאָנאָמיע די איינצעלנע קהילות און דורכדעם בייגעטראָגן צו זייער אַנטוויקלונג און אויפבלי. די רעכט פון די איינצעלנע קהילות זענען געוואָרן באַשיצט דורך באַזונדערע פּריווילעגיעס, וועלכע מיר באַצייכענען אַלס ספּעציעלע פּריווילעגיעס, צום אונטערשייד פון די גענעראַל־פּריווילעגיעס פאַר דער גאַנצער פּוילישער יידנשאַפט. די עלטסטע ספּעציעלע פּריווילעגיעס האָט באַקומען די קהילה פון קראָקע, נאָך איר האָט לובלין באַקומען אירע פּריווילעגיעס מיט די פאָלגנדע פּונקטן:

פּאַראַגראַף 1. די יידן אונטערליגן אונטער דער יוסטיץ פונעם וואָיעוואָדע, וועלכער באַשטימט אַלס זיין פאַרטרעטער אַ שליאַכטשיץ אַלס יידן-ריכטער. דער יידן-ריכטער מוז האָבן באָדן־באַזיץ אין לובלינער קרייז, כדי ער זאָל קענען די אָרטיקע מנהגים; ער גלייכט אויס אַלע סכסוכים, אין וועלכע אַ ייד ווערט אָנגעקלאָגט פון אַ קריסט ווי אויך אין סכסוכים צווישן יידן גופא.

פּאַראַגראַף 2. דאָס יידן־געריכט מוז אַמטירן אין דער שטאָט און ביי יעדער פאַרהאַנדלונג דאַרפן בייזיין יידישע אַסעסאָרן. אַן אורטייל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אָן דעם הסכם פון די אַסעסאָרן, איז אומגילטיק.

פּאַראַגראַף 3. די געריכטס־אַקטן (ביכער און פּראָטאָקאָלן) דאַרפן זיך געפינען ביים עלטסטן פון די יידן.

פּאַראַגראַף 4. סכסוכים צווישן יידן וועגן יידן־רעכט און וועגן

אנדערע יידישע ענינים ווערן אנטשידן פונעם יידישן בית דין, אָבער די צדדים האבן א רעכט צו אפעלירן צום וואַיעוואָדע קעגן א פסק דין.

פאראגראף 5. די יידן האָבן דאָס רעכט צו וויילן יערלעך זייערע ראשי הקהל און די באאמטע לויט זייער איינזען.

פאראגראף 6. דער וואַיעוואָדע און דער יידן־ריכטער טאָרן נישט ארויפלייגן קיין העכערע געלט־שטראָף, ווי די וואָס ווערט באשטימט אין געזעץ.

פאראגראף 7. דער ייד שווערט אויף די תורה לויט דעם מוס־טער פון די יידן אין קראָקע און פויזן.

אויפן יסוד פון דער דאָזיקער ספעציאַל־פריווילעגיע האט זיך די יידישע קהלה אין לובלין שנעל אנטוויקלט, און א דאנק איר רייכטום און אירע גרויסע געלערנטע איז זי געוואָרן אַן עיר ואם בישראל, א מוסטער פאר אנדערע, עלטערע קהילות. דער אומשטאנד, וואָס דאָ זענען גע־וואָרן אָפּגעהאלטן די גרעסטע פוילישע יארידים, האט געבראכט קיין לו־בלין סוחרים פון אלע לענדער און עס זענען דאָ פארפלאנצט געוואָרן יידישע מנהגים פון דער גאנצער וועלט. אזוי זענען דאָ אויפגעבויט גע־וואָרן אין דער צווייטער העלפט פונעם 16טן יאָרהונדערט די שוין דער־מאָנטע גרויסע און קליינע שול (מהרש״ל שול און מהר״ם שול), די ישי־בה, א שפיטאָל, א. א. וו. פאר דער באקוועמלעכקייט פון די פרעמדע סוחרים איז אין יאָר 1540 געשאַפן געוואָרן אין לובלין דאָס מארק־בית־דין. דאָ האבן די תלמידים פון דער לובלינער ישיבה געהאט די מעג־לעכקייט צו לערנען אויף א פראקטישן אופן ווי מען האלט א דין תורה, חוצדעם האָבן זיי געהאט די געלעגנהייט אין דער צייט פון די יארידים צו הערן תורה פון די בעסטע מגידים און פון די באקאנטסטע רבנים.

די וואַיעוואָדן האבן נאָך ווייטער אויסגעבויט די רעכט פון דער יידישער געמיינדע דורך די אזוי גערופענע וואַיעוואָדן־אָרדענונגען. אין די דאָזיקע אָרדענונגען ווערן פארשריבן אלע תקנות פון דער געריכטס־פראקטיק (וועגן דאָס רופן די צדדים, דאָס פּראָטאָקאָלירן, שטראָפן) און עס ווערן אויך באשטימט די געהאלטן פונעם וואַיעוואָדע, פונעם יידן־ריכטער, פונעם שרייבער, די דיינים א. א. וו. דער וואַיעוואָדע טאָראָ

האָט אין יאָר 1630 אויסגעאַרבעט אַן אויספירלעכע יידן־אָרדענונג פאַר דער לובלינער קהילה און פון איר דערוויסן מיר זיך, אַז די יידן האָבן אים באַדאַרפט באַצאָלן יערלעך 300 גילדן.

די לובלינער יידן־ריכטער זענען געווען מערסטנס פשוטע מענטשן, אינגאַנצן אָפּהענגיק פון דער יידישער קהילה. זיי זענען געווען פאַרפליכטעט צו קומען צוויי מאָל אין דער וואָך אין יידישן מאַגיסטראַט (קהל־שטוב) און דאָ אָפּצוהאַלטן דאָס געריכט. ס'איז אויך געווען זייער חוב, די יידן אומעטום אין שוץ צו נעמען. איין יידן־ריכטער קענען מיר פון די אַקטן, וועלכער איז געווען באַקאַנט ווייט איבער די גרעניצן פון לובלין. דאָס איז געווען דער פּוילישער סאַטיריקער סעבאַסטיאַן פאַביאַן קלאָנאָוויטש. כאָטש ער איז געווען אַ יידן־ריכטער, איז ער אָבער דאָך ניטש געווען קיין יידנפריינט, פונקט אַזוי האָט ער זיך דאָס גאַנצע לעבן אַרומגעריסן מיט די יעזואיטן, כאָטש ער איז געווען אַ שטרענג גלויביקער קאַטאָליק.

זיין באַציאונג צו די יידן דערקענען מיר אַמבעסטן אין זיין פּאָעמע „ראָקסאָלאַניאַ אָדער די באַשרייבונג רויטרוסלאַנדס". אין דער דאָזיקער פּאָעמע געפינען זיך די וויטערדיקע שורות וועגן דעם לעמבערגער יידישן פערטל, וואָס קאָן אויך פּאַסן אויף לובלין:

> דאָ אין דעם שמוץ, אין די טיפענישן פון דער פאָרשטאָט
> שטייען די הייזקעס פון די עלנטע בעטלערס.
> אַזוי ווי דער באָק מיט דער העסלעכער באָרד
> איז יעדער פון זיי מיטן טויטבלאַסן פּנים.
> ווילדער געשריי הערט זיך פון זייער שול.
> מיט הונדערט קולות באַגריסן זיי דעם שבת,
> מאַכן חוזק פון גאָט, וואָס אין הימל
> און בעטן פאַר דעם, וואָס שוין לאַנג איז געשען. *)

---

*) דער מחבר מיינט דאָ, אַז די יידן בעטן אויף משיחן, וועלכער איז לויט זיין מיינונג שוין לאַנג געקומען. (אָנמערקונג פונעם איבערזעצער).

ד ר י ט ע ר   ק אַ פּ י ט ל

# צו דער קולטור פון די יידן אין לובלין אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט.

אין יאָר 1567 האָט די לובלינער קהילה באַקומען די דערלויבע־ניש אויפצובויען אַ ישיבה און אַ שול אויפן פּלאַץ פונעם דר. יצחק מאַי. דער ראש פון דער דאָזיקער ישיבה האָט געזאָלט באַקומען דעם טיטל „רעקטאָר" און נישט בלויז זיין אומאָפּהענגיק פונעם לובלינער רב ר' ישראל, זון פון ר' שלום שכנאן, נאָר ער האָט באַדאַרפט באַקומען אַ העכערן ראַנג פון אַלע אַנדערע רבנים.

די ראשי הקהל פון לובלין האָבן לאַנג אַרומגעזוכט, ביז זיי האָבן געפונען אַ פּאַסיקן מאַן פאַר דעם הויכן אַמט. אין פּוילן האָט אין יע־נער צייט אויפגעבליט דאָס לערנען: אין קראָקע האָט געלעבט דער רמ"א (ר' משה איסערלש), אין גראָדנע ר' מרדכי יפה (דער בעל הלבושים) און אין לובלין גופא איז געווען רב ר' ישראל, דער זון פון ר' שלום שכנאן. די שטעלע אַלס ראש ישיבה האָט באַקומען ר' שלמה לוריא (מהרש"ל), וועלכער איז דאַן געווען רב אין אָסטראָג. ר' שלמה האָט געשטאַמט פון וואָרמס, דייטשלאַנד, פון וואַנען עס האָט אים געבומען פאַר אַן איידעם דער אָסטראָגער רב, ר' קלמן. ווען זיין שווער האָט איבערגענומען דעם

כסא הרבנות אין בריסק, איז ר׳ שלמה לוריא געוואָרן אויסגעוויילט אַלס רב אין אָסטראָג. אַ דאַנק זיין לומדות און זיין אומגעוויינלעכער חריפות איז ער מפורסם געוואָרן אין גאַנץ פּוילן און אין אויסלאַנד. פון אַלע לענדער זענען געקומען יונגע לייט קיין אָסטראָג, כדי ביי ר׳ שלמהן צו לערנען, אַזוי אַז זיין בית מדרש איז געווען איבערפולט פון לערנער און תלמידים. ר׳ שלמה לוריא האָט געהאַט אַ נייגונג צו קבלה און ער איז געווען אַ קעגנער פונעם טרוקענעם פּלפּול, וואָס איז געווען דער דרך פונעם רמ״א אין קראָקע. ווען דער רמ״א האָט אַמאָל אין אַ רבנישער תשובה געבראַכט אַ ראיה פון אַריסטאָטלען, איז ר׳ שלמה אַריין אין כעס און ער האָט געמאַכט דעם רמ״א אַ שאַרפן פאָרוואורף, שרייבנדיק אים: „די תורה הילט זיך איין אין טרויער, וואָרום עס זענען פון איר אָפּגעפאַלן אירע זין און טעכטער... דו האָסט דיך געווענדט צו דער חכמה פון אַריסטאָטלען, דעם ערל? ווי איז צו מיר, וואָס מיינע אויגן זעען דאָס און מיינע אויערן הערן דאָס... איך האָב אויך אין די סידורים פון דיינע תלמידים געזען תפילות פון אַריסטאָטלען און דאָס איז אַ שאַנד פאַר זייער שר און נשיא, דאָס הייסט פאַר דיר, וואָס דו קוקסט-צו צו דעם און שווייגסט!“ ר׳שלמה לוריא האָט נישט געהאַט קיין חוש פאַר פילאָזאָפיע, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער געהאַט אַ שאַרפן שכל און ער האָט געהאַט דעם מוט צו אונטערשיידן צווישן דער שאַלעכץ און דער פּרוכט אין דער תורה. ער איז אויך געווען אַ גרויסער ענוו, וואָס ווערט כאַראַקטעריזירט דורך דער פאָלגענדער לעגענדע:

ווען ער איז געוואָרן אויסגעוויילט אַלס רב אין אָסטראָג, האָט ער געבעטן איינעם אַ מוטיקן יידן, ער זאָל צו אים קומען יעדן טאָג אין שטוב אריין און אים זאָגן דעם אמת וועגן די פעלערן אָדער עוולהס, וואָס ער, ר׳ שלמה, באַגייט. און פּאַקטיש, יעדעס מאָל, ווען דער דאָזיקער ייד איז געקומען, פלעג זיך ר׳ שלמה אָנטון דעם טלית און זיך צוהערן מיט ענוות צו די מוסר-רייד, וואָס יענער האָט אים געהאַלטן.

אַלס ראש ישיבה פון לובלין האָט ר׳ שלמה אַנטוויקלט אַ פּרוכטבערענגענדיקע טעטיקייט. די ישיבה, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון דער לובלינער קהילה, נישט שפּאָרנדיק קיין שום מיטלען, האָט זיך אונ־

טער זיין פירונג גוט אנטוויקלט. זיין פּערזאָן האָט צוגעצויגן די גרעס־טע לומדים אלס לערער און די בעסטע תלמידים. עס האָבן אבער אויך נישט געפעלט קיין צרות. אין לובלין איז מען געווען געוווינט צו לער־נען לויטן פּלפּול־סיסטעם, וועלכן עס האָט דאָרט איינגעפירט ר׳ יעקב פּאָלאַק און וואָס איז געוואָרן ווייטער אַנטוויקלט דורך ר׳ שלום שכנאן און זיין זון ר׳ ישראל. מען האָט זיך ביים לערנען פאַרנומען מיט פּלפּול צו־ליב פּלפּול, עפּעס ווי א מין מוח־גימנאַסטיק, און מען האָט זיך נישט געקימערט וועגן דעם ענין גופא, וועגן וועלכן מען האָט זיך געפּלפּולט. ר׳ שלמה האָט דאָס אָפּגעשאַפט, און תחילת איז אים דאָס נישט לייכט געגאַנגען. אָבער א דאַנק זיין אנערקענטער אויטאָריטעט האָט ער געקאָנט בייקומען די דאָזיקע מניעה און ווען ער איז נאָך א קורצער ווירקונג אין לובלין געשטאָרבן אין יאָר 1573, האָט די גאַנצע שטאָט באַוויינט זיין טויט. זיין קבר געפינט זיך אויפן אלטן בית עולם אין לובלין, נעבן דעם קבר פון ר׳ שלום שכנאן און אויף זיין מצבה זענען איינגעקריצט אזעלכע לויב־ווערטער:

פה נקבר דער שטאַרקער פון אלע שטאַרקע,<br>
דער קעניג פון אלע חכמים און לערער;<br>
שטאַרק ווי דער סיני און צעמאַלנדיק בערג<br>
—די גרויסע מנורה, וועלכע האָט געגעבן איר ליכט אויף אייביק<br>
אינעם ספר „ים של שלמה" און פיל אנדערע.<br>
זיין נאָמען איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט,<br>
וואָרום פיל תלמידים האָט ער דערצויגן און מפורסם געמאַכט.<br>
ער איז, דער גרויסער, א וואונדער פון דער וועלט,<br>
מורינו ר׳ שלמה בן מורינו ר׳ יחיאל לוריא.<br>
ער איז גערופן געוואָרן אין דער ישיבה של מעלה,<br>
י״ב כסלו ה׳של״ד.

די דאָזיקע מצבה איז געשטאַנען דריי הונדערט יאָר אויף זיין קבר; ערשט אין יאָר 1876, ווען די אלטע מצבה איז שוין געווען צעבראָכן און אָפּגעריבן, האָט מען אויפגעשטעלט א נייע.

נאָכן מהרש״ל איז געקומען קיין לובלין אלס ראש ישיבה און רב,

ר' מרדכי יפה, איינער פון די גרעסטע יידישע געלערנטע אין פוילן און דער מחבר פון אַ באַרימט ספר פון שאלות און תשובות.

ער איז געווען אַ זון פון אברהם בעם (פון בעמען), וועלכער איז געווען דער גענעראַל-שטייערקאָלעקטאָר אין גרויס פוילן און הויף-פּאַקטאָר ביים קייזער מאַקסימיליאַן און ביים קעניג פון בעמען און אונגאַרן. געבוירן אין פּראַג, האָט ר' מרדכי דאָרט געלערנט ביי די גרויסע לומ-



אַ הויז ביים עק פון דער אַלטשטאָט

(קאַוואַלסקאַ 5 און ריבנאַ)

דים און רבנים. ווען די יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון בעמען (1561), איז ער אוועק קיין איטאַליע, ווו ער האָט ווייטער געלערנט אויך וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אין יאָר 1571 געפינט ער זיך אין גראָדנע, און אין יאָר 1574 קומט ער קיין לובלין אלס נאָכפאָלגער פון מהרש"ל.

אלס תלמיד פון די יידישע געלערנטע אין איטאליע איז ר׳ מרדכי יפה נאָך אַ גרעסערער קענגער פונעם פּוילישן פּלפּול ווי ס׳איז געווען ר׳ שלמה לוריא, און ער באַקעמפט אים אויף שריט און טריט. חוץ תל־מוד האָט ר׳ מרדכי זיך אויך פאַרנומען מיט מאַטעמאַטיק. אין לובלין איז ר׳ מרדכי געבליבן נאָר אַ קורצע צייט פון עטלעכע יאָר. ער איז שפּעטער געוואָרן רב אין זיין געבורט-שטאָט, פּראָג.

ר׳ מרדכים שטעלע האָט דאַן פאַרנומען ר׳ מאיר בן גדליה, וועל־כער האָט זיך גערופן ר׳ מאיר לובלין (דער מהר״ם לובלין). ר׳ מאיר האָט דאָ געווירקט אלס ראש ישיבה און רב ביז צום סוף פון זיין לעבן (1616). ער איז געשטאָרבן אין זיין פאָטערשטאָט און זיין קבר געפינט זיך אויפן אלטן בית עולם אין לובלין. זיין מצבה איז פארלוירן געגאַנ־גען. אין דער שול, וועלכע טראָגט זיין נאָמען (די מהר״ם-שול) און וועלכע געפינט זיך אונטער איין דאַך מיט דער מהרש״ל-שול, ווערט נאָך ביז היינט אָפּגעהיט דער פּלאַץ, אויף וועלכן ער פלעגט זיצן. קיינער טאָר זיך נישט אוועקזעצן אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, חוץ דעם אָרטיקן רב.

נאָכן מהר״ם האָט פאַרנומען דעם אמט פון ראש ישיבה און פון לובלינער רב דער מהר״שא (ר׳ שמואל אליעזר הלוי איידלס), איינער פון די גרעסטע תלמידי חכמים פון פּוילן.

* * *

חוץ די רבנים, וועלכע פלעגן קומען קיין לובלין פון אלע געגנטן פון דער וועלט און דאָ פאַרשפּרייטן יידישע חכמה און וויסנשאַפט, האָ־בן געלעבט אין לובלין אויך אנדערע געבילדעטע מענער, וועלכע האָבן ארייגעבראַכט אַ סך ליכט אין דער אזוי פיל פאַרשריענער געטאָ. אין די פּייכטע גאַסן פון דער יידישער געגנט פון לובלין האָבן זיך געפונען יידישע דאָקטוירים, וואָס זענען געווען באַרימט אין אייראָפּע. מלכים און פירשטן פלעגן בעטן זייער ראַט, און האָבן זיי דערפאַר איבערגע־שיט מיט גאָלד און מיט דאַנק-אויסדרוקן.

שוין צום אָנפאַנג פון 16טן יאָרהונדערט האָט געלעבט אין לובלין ד״ר יחזקאל, וועלכן דער קעניג אלעקסאנדער האָט אין יאָר 1503 באַ־

פרייט פון אַלע מלוכה־שטייערן אַלס „אנערקענונג פון זיין מעדיצינישער קונסט ווי אויך פאַר זיין אויסערגעווענלעכער קענטעניש פון דער לאַטייניש שפּראַך". אין דער צווייטער העלפט פון דעם זעלבן יאָרהונדערט לעבן און ווירקן אין דער לובלינער יידנשטאָט מערערע באַרימטע דאָקטוירים. אזא איינער איז געווען דער שוין דערמאָנטער דר. יצחק מאַי, וועלכער האָט געקויפט ביים סטאַראָסטע פונעם שלאָס א סך בוי פּלעצער




אַ בליק פונעם מאַרק אויף דער גראַדזקאַ־גאַס צום יידן־טויער

אונטן ביים שלאָסבאַרג און זיי איבערגעגעבן דער קהילה פאַרן בוי פון דער שול, דער ישיבה און שפּיטאָל. דר. מאיס פּרעסטיזש איז אַזוי גרויס, אז דעם 23טן אָקטאָבער 1538 באַקומט ער פונעם קורפירשט אלבערט פון בראַנדענבורג דאָס רעכט אלס ערשטער ייד זיך צו באַזעצן אין קע-ניגסבערג. דאָס איז געשען ביי אַזעלכע אומשטענדן: די פרוי פון א הויפ-דינער פון דעם קורפירשט איז געוואָרן געפערלעך קראַנק אויף אן אויג,

און ווען די אַנדערע דאָקטוירים האָבן איר נישט געקאָנט העלפן, האָט מען געשיקט קיין לובלין נאָכן דר. יצחק מאַי. אין דער פּריווילעגיע, וואָס דער קורפירשט האָט געגעבן דעם דר. מאַי, שרייבט ער, אז ער איז גע־ וויר געוואָרן וועגן דעם ליידן פון דער דערמאָנטער פרוי פון זיין הויפ־ דינער, און אַז צום ערשט גאָט און דערנאָך די „געשיקלעכקייט, ראַט, מי און פליים" און די גוטקייט פון דעם דר. מאַי האָבן געהאָלפן דער קראַנ־ קער געזונט ווערן און אַ שטענדיקע געזונטקייט צו דערגרייכן. דער הויפ־ דינער האָט דעריבער געבעטן און געפּועלט, אז דער קורפירשט זאָל דער־ לויבן דעם דר. מאַי קיין קעניגסבערג צו קומען און דאָרט צו בלייבן. און כאָטש — זאָגט זיך ווייטער אין דער פּריווילעגיע — מיר האָבן דיר דיין ביטע נישט לאַנג אָפּגעזאָגט, אָבער אַזוי ווי מיר וויסן איצט, אז דיין מיינונג און כוונה איז, קראַנקע און שוואַכע לייט צו העלפן מיט דיין קונסט און מיט גאָטס הסד פאַר אַ באַשיידענער און גערעכטער באַלוינונג, מעגסטו אין גאָטס נאָמען אהערקומען". דר. מאַי איז אָבער קענטיק נישט לאַנג געבליבן אין קעניגסבערג, ווארום באַלד זעען מיר אים ווידער אין לובלין, ווו ער טוט אַ סך גוטס פאַר די לובלינער יידן.

גלייכצייטיק מיט דר. מאַי לעבט און ווירקט אין לובלין דער מע־ דיקער דר. משה, אָדער ווי ער ווערט גערופן אין די לאַטיינישע אַקטן Spectabilis Mojses medicinae Doctor, Judaeus Lublinensis, וועמעס זון צבי הערש איז געווען דער הויף־מעקלער פון קעניג זיג־ מונט דעם דריטן און פון וולאַדיסלאַוו דעם פערטן. אלס אַלטער מאַן איז צבי הערש געקומען אין אַ סכסוך מיט דער קהילה, ער וויל זיך דער־ פאַר אויפבויען אַן אייגענע שול. דער קעניג וולאַדיסלאַוו דער פערטער דערלויבט אים די שול צו בויען און ער גיט ארוים דער קהילה אַ פאַר־ באָט זיך אַריינצומישן אין דעם סדר התפילה פון דער נייער שול

ארום סוף פון 16טן און אָנהויב 17טן יאָרהונדערט האָבן גע־ לעבט אין לובלין די דאָקטוירים שלמה לוריא, דר. שמואל בן מתתיהו און דר. משה מאָנטאַלטאָ. דיביידע ערשטע זענען געווען קהילה־פאַר־ שטייער פון לובלין און גרויסע תלמודיסטן, דער דריטער האָט געשטאַמט פון מאַראַנען און ער איז שוין אין די עלטערע יאָרן געקומען קיין לובלין.

וועגן דעם דאָזיקן דר. משה מאָנטאַלטאָ און זיין יחוס איז כדאי צו פאַרצייכענען די פאָלגענדיקע דאַטעס:

אין פּאָרטוגאַל האָבן געלעבט צוויי ברידער מאַראַנען, יאָאַאָ ראָ־דריגאַ און פעליקס דע קאַסטעל בראַנקאָ. ביידע זיינען געווען באַרימטע דאָקטוירים, אָבער זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די הענקער פון דער אינקוויזיציע.

יאָאַאָ ראָדריגאָ, וועלכער איז באַקאַנט אונטער זיין ליטעראַרישן נאָמען אַמאַטוס לוזיטאַנוס, איז אַנטלאָפן קיין אַנטווערפּן, און פון דאָרט איז ער אַוועק קיין פעראַראַ אין איטאַליע. ער איז אויך אָפטמאָל געקו־מען קיין רוים, ווו ער איז געווען שטאַרק אָנגעזען אַלס דאָקטער פונעם



בריי̇טע גאַס

(הייזער 9 ביז 19)



שלאָס אָדער יידן־טויער

(געזען פון דער גראָדזקאַ)

פּויפּסט יוליוס דעם דריטן. אָבער ווען פּאַול דער פערטער איז געוואָרן פּויפּסט, איז אין רוים מער ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ יידן, און אַמאַ־טוס האָט ווידער געמוזט וואַנדערן. ער איז קודם אַוועק קיין פעסאַראָ, און פון דאַנען איז ער נאָך לאַנגע וואַנדערונגען געקומען קיין סאַלאָניקי, ווו ער האָט אָפן זיך געקענט אויסגעבן אַלס ייד.

זיין ברודער פעליקס האָט, נאָכן פאַרלאָזן פּאָרטוגאַל, אָנגענומען

דעם נאָמען אליהו מאַנטאַלטאָ. ער האָט קודם זיך באַזעצט אין ליוואָר-נאָ, ווו ער איז געווען אַ באַרימטער מעדיקער און אפילו הויף־דאָקטער פון דער פירשטן־פאַמיליע פון די מעדיטשים. ווען מאַריאַ די מעדיטשי האָט חתונה געהאַט פאַרן קעניג אַנרי דעם פערטן און זיך אַריבער-געצויגן קיין פּאַריז, האָט זי מיטגענומען איר יידישן הויז-דאָקטער. מאַנ-טאַלטאָ איז געווען לייב־דאָקטאָר פון אַנרי דעם פערטן און, נאָך יענעמס טויט, לואיס דעם דרייצנטנס. ער איז געשטאָרבן אין טור, און זיין זון משה, און זיין תלמיד שאול מאַרטעירא האָבן אים אַריבערגע־פירט קיין אמסטערדאַם, ווו זיי האָבן אים געבראַכט צו קבר ישראל. דער דאָזיקער משה, דער זון פון אליהו מאַנטאַלטאָ, איז געקומען קיין לו-בלין און אויפן אַלטן לובלינער בית עולם געפינט זיך זיין קבר, אויף וועמעס מצבה מיר לייענען:

„דאָ רוט דער מאַן משה
דאָס איז דער טיכטיקער אַרצט
דר. משה מאַנטאַלטאָ,
זון פון דעם רופא און ראַטגעבער
לואיס דעם דרייצנטן
פונעם קעניג פון פראַנקרייך
אליהו מאַנטאַלטאָ.
ער איז געשטאָרבן מאַנטיק כ״ד אייר ה׳שצ״ז״ (1637).

איז דאָס געווען זיין זון אָדער דער זון פון אַנדערן משה, דער דר. וויטאַל פעליקס, וואָס האָט דעם 11טן אַפּריל 1658 באַקומען אין דער אוניווערזיטעט פון פּאַדוא דעם טיטל דאָקטער פון מעדיצין?

דר. וויטאַל (חיים) פעליקס, וועלכער ווערט אינעם לאַטייניש אַקט באַצייכנט אַלס יודעאוס פּאָלאָנוס לובלינענזיס״ האָט זיך מיט זיין דאָק־טער טיטל אומגעקערט אין זיין פאָטערשטאָט לובלין און ער האָט דאָ באַלד געהאַט אַ רייכע מעדיצינישע פּראַקסיס. זיין נאָמען אַלס גוטער דאָקטער האָט דערגרייכט ביז צום הויף פונעם קעניג, און מיכאַל וויש-ניאָוויעצקי האָט אים נאָמינירט אַלס זיין הויפדינער (1671) און ער האָט

אים באַפּרייט פון אַלע שטייערן ווי אויך פון דעם געוועגלעכן געריכט און ער האָט אים געשטעלט אונטער דער יוריסדיקציע פון די הויף-מאַר־שאַלן. ער האָט אויך באַקומען דאָס רעכט צו פאַרהערן די יידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשטעלט מיט פאַלשע דאָקטער-טיטלען און ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן שטודירט אויף אַן אוניווערזיטעט, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן זייערע צייגנישן. מען האָט אים צו־געטיילט אַ סך כבוד און ער האָט געהאַט דאָס רעכט אויף דער טיר פון זיין הויז אָנצושלאָגן דעם הערב פון דעם קעניג.

צווישן די סטודענטן פון פּאַדוער מעדיצינישן פאַקולטעט געפינען מיר אין די יאָרן 1667 — 1671 אַ סטודענט אברהם שפּערא (שפּירא?) „ייד פון לובלין" און עטלעכע יאָר שפּעטער, מאָיסעס ישראל פּאָלאַקי, זון פון יצחק פון לובלין. ער מאַכט זיין עקזאַמען און אין אָקטאָבער 1687 באַקומט ער דעם טיטל דאָקטער פון פיזיק און מעדיצין.

* * *

דאָס אויפקומען פון דער דרוקעריי-קונסט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם פאַרשפּרייטן די וויסנשאַפטן צווישן די יידן אין פּוילן. די ערשטע יידישע דרוקערייען אַנטשטייען אין קראָקע. אָבער שוין אין יאָר 1547 ווערן אין לובלין געדרוקט העברעאישע ספרים. דער ערש־טער לובלינער דרוקער האָט געהייסן יוסף. נאָך זיין טויט האָט זיין טאָכטער חנה איבערגענומען די דרוקעריי, וועלכע זי האָט געפירט צוזאַמען מיט איר מאַן חיים בן יצחק. קעניג זיגמונט אויגוסט גיט זיי אין יאָר 1559 דאָס מאָנאָפּאָל-רעכט אויף די אין זייער דרוקעריי געדרוקטע ספרים. קיי־נער טאָר די ביכער נישט נאָכדרוקן אונטער אַ שטראָף פון אַ 20 מאַרק. נישט געקוקט אויף דעם, אַנטשטייט באַלד אַ צווייטע דרוקעריי אין קאָנסקאָוואָליאַ, נישט ווייט פון לובלין, וועלכע פירט אָן אַ שטאַרקע קאָנקורענץ קעגן דער לובלינער דרוקעריי. ביידע אונטערנעמונגען פאַלן צוליב דעם, און אין יאָר 1566 ווערט אין לובלין געגרינדעט אַ נייע דרוקעריי (דורך לייזער און יוסף), וועלכע גייט אויך באַלד אונטער. ערשט אין יאָר 1578 ווערט אין לובלין דערעפנט אַ נייע דרוקעריי דורך קלונימוס, דעם זון פון

דעם רב און ראש ישיבה ר׳ מרדכי יפה. די דאָזיקע דרוקעריי פּראָספּע־רירט דורך עטלעכע יאָרצענדליקער און עס ווערן דאָ געדרוקט הונדערטער ווערק. יפה האָט געבראַכט די בעסטע זעצער פון איטאַליע און ער האָט נישט געקאַרגט קיין הוצאות, כדי צו באַקומען די בעסטע צייכענער און האָלץ־שניטן. די ספרים פון דער דאָזיקער דרוקעריי צייכענען זיך אוים דורך שיינע טיטלבלעטער, פאַרצירונג און געשמאַקפולע קאַפּיטל־שלוסן.

די דאָזיקע דרוקעריי ווערט געפירט דורך די יורשים פון יפהן ביז כמעט סוף פון 17טן יאָרהונדערט, ווען דער מחלוקת צווישן די יידישע דרוקערייען אין קראָקע, לובלין און זשאָלקיעוו ווערט געבראַכט צום צו־זאַמענפאָר פון ועד ארבע ארצות אין יאַראָסלאַוו אין 1690.

פערטער קאפיטל

# דער קרוינטריבונאל

אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט געפינט זיך לובלין אין איר העכסטן אויפבלי. די גרויסע יארידים פירן אהער סוחרים פון גאנץ פוילן און פון די ווייטסטע לענדער, און מיט זיי קומען אויך קונים, וועלכע ווילן זיך פארזאָרגן מיט כלערליי סחורות פארן גאנצן יאָר. צום יאריד, וואָס הויבט זיך אָן דעם 2טן פעברואַר, טרעפן זיך אין לובלין אַלע, וואָס האָבן עפּעס צו קויפן אָדער פארקויפן. וואָרום דאָ באקומט מען, נישט בלויז מאנופאקטור און מאָדע-סחורה, נישט בלויז פעלצן און זייד, דאָ ווערן אויך אָפּגעשלאָסן גרויסע קויף־אָפּמאַכן אויף תבואה, פּאָטאַש, האָלץ א. אז. וו. דאָ ווערן אויך דורכגעפירט גרויסע געלט-טראנסאַקציעס, דערפאר קומען צום יאריד אויך די רייכע געלטלייער און געלטוועקסלער, און מיט דער צייט ווערט „לובלין" א נאָרמאלער פוילישער צאָלונגספלאַץ און צאָלונגסטערמין. אָבער עס טרעפט אָפט, אַז די טערמינען ווערן נישט געהאלטן, און די קרעדיטאָרן זענען געצוווּנגען ארייַנצוטראָגן קלאגעס אין געריכט, דורך וואָס עס מאכט זיך א סך ארבעט פאר די פילע אַדוואָקאַטן, שרייבער, געריכטס־דינער, הענדלער פון געזונגענע פּענעס, טינטמאכערס און פּאַפּיר-פארקויפער.

אין דעם דאָזיקן ריזיקן האַנדלס־צענטער פון פוילן אָרדנט איין

דער קעניג סטעפאַן באַטאָרי אין 1578 דעם קרוין-טריבונאַל אלס די העכ־סטע אינסטאַנץ פאַר אַלע שטראָף-פּראָצעסן און פאַר א טייל ציוויל-פּראָ־צעסן. די ריכטער זענען אויסגעוויילט געוואָרן אויף די צוזאַמענפאָרן פון דער שליאכטע פון די איינצלנע פּראָווינצן („סיימיקי") און זיי זענען דער־לעגירט געוואָרן קיין לובלין אויף חדשים. יעדעס יאָר פלעגן קומען קיין לובלין די דאָזיקע מאגנאטן מיט זייער גאנצן געזימל פון שרייבער, דינער, רייטקנעכט, קוכערס און דער מיליטערישער באוואכונג און זיי פלעגן זיך דאָ איינקוואַרטירן אין די קלויסטערס און אין די פּאטריציער־הייזער אין שטאָט, אָדער אין פּאָרשטאָטישע ווילעס. מיט דער צייט האָט יעדע מאג־נאטן-פאמיליע געשטרעבט צו האָבן אין לובלין אן אייגענעם פּאלאץ, דער־פאַר טרעפט מען דא אזוי פיל אריסטאָקראטן־הייזער און פּאַלאַצן פון די פּאָטאָצקים, פירלעיס, טאַרלאָס, סאָביעסקים, ראַדזיווילס, וועלכע זענען גע־ווען א צירונג פאַר דער שטאָט פאַר א סך יאָרהונדערטער, און שפּעטער זענען זיי פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּשוטע וווין־הייזער צום פאַרדינגען.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט קיין לובלין א גרויסן אויפבלי און מיט דעם א סך געלט און פאַרדינסט־מעגלעכקייטן. די לובלינער יידן האָבן גע־האט א סך געלעגנהייט געלט צו פאַרדינען, זייערע סחורות צו פאַרקויפן, און אין זייערע סכסוכים מיט די קריסטלעכע בירגער וועגן זייערע האנדלס־פרייהייטן זענען זיי שטענדיק געשטיצט געוואָרן פון די צוגערייזטע ארים־טאָקראטן.

דער קרוינטריבונאַל האָט אָבער אויך געבראַכט פאַר די יידן געווי־סע צרות. א כראָניסט פונעם 18טן יאָרהונדערט, קיטאָוויטש, דערציילט אונז, אז ביים אָנהויב פון דער סעסיע פונעם קרוינטריבונאַל פלעגן די דינערשאפטן פון די צוגערייזטע מאגנאטן זיך אָרגאַניזירן אין באנדעס און זיך א לאָז טון אין דער יידישער געגנט, כדי זיך דאָרט אביסל צו „פאַר־ווײַלן". די יידישע קהילה האָט שוין געוווּסט, וואָס אזא „פאַרוויילונג" באטייט, און זי פלעג זיך אויסלייזן יעדעס יאָר ביי דער באנדע דורך מזומן געלט אָדער דורך געטראנקען. די געטראנקען האָבן אָפט דערהיצט די מוחות פון די דאָזיקע פּויערים און נידעריקער שליאכטע און זייער אָפּט איז גע־קומען צו בלוטיקע איבערפאַלן.

דאָס זענען אָבער נאָר געווען קליייניקייטן; א סך גרעסערע סכנות פאַר די יידן פלעגן זיך באַווייזן בשעת די סעסיעס פונעם טריבונאַל. אין פוילן, אַזוי ווי אומעטום, ווו עס זענען פאַראַן יידן, פלעגט כמעט יעדעס יאָר אויפקומען אַן עלילת דם. שטענדיק דיזעלבע מעשה: אַ קריסטלעך קינד ווערט פאַרשוואונדן, און תיכף באַשולדיקט מען די יידן פון שטאָט אין



יידישער מושב־זקנים

(אַמאָליקער לאַזאַרוס־שפּיטאָל און אַדאַלבערט־קירכע)

אַ „ריטועלן מאָרד״. עס פלעג דאַן פאָרקומען אַ פּראָצעס, וועלכער האָט כמעט שטענדיק געפירט צו אַ פאַראורטיילונג פון די באַשולדיקטע יידן. קעגן דעם פּסק דין פון דעם לאָקאַלן געריכט האָבן די יידן יעדעס מאָל אַפּעלירט צום קרוינטריבונאַל, און דאָ אין לובלין פלעג זיך אָנהויבן אַ נייע חקירה ודרישה. דער אַבערגלויבן, אַז יידן באַנוצן פאַר „ריטועלע צוועקן״ קריסטלעך בלוט, איז דאַן געווען אַזוי פאַרשפּרייט, אַז אַפילו די טריבונאַל־ריכטער האָבן אַלץ אָנגעווענדט, כדי „ענדלעך אויפצודעקן דעם אמת״. און

„געקומען צום אמת״ איז מען אין יענער צייט דורך טאָרטורן, סיי ווען די באַשולדיקטע זענען געווען פּויערים, קריסטלעכע בירגער אָדער יידן. די טאָרטורן פֿלעגן אָנגעווענדט ווערן אויפֿן ראַפֿינירטסטן אופֿן, כּדי צו צווינגען דעם באַשולדיגטן זיך מודה צו זיין. דער קרוינטריבונאַל האָט אָבער ניט געהאַט קיין טאָרטור-קאַמערן און אויך נישט קיין הענקערס־קנעכט, האָט ער דעריבער יעדעס מאָל איבערגעגעבן די דאָזיקע מיסיע דעם לובלינער שטאָטגעריכט. ביי די אָנגעצויגענע באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער שטאָט צווישן יידן און קריסטן, איז דער רעזולטאַט פֿון דער טאָרטור כּמעט שטענדיק געווען דערוועלבער. און אויפֿן סמך פֿון דעם רעזולטאַט פֿון דער טאָרטור פֿלעג דער קרוינטריבונאַל כּמעט תּמיד אַרויסגעבן אַ טויט־אורטייל קעגן דעם באַשולדיקטן, וועמעס דורכפֿירונג מען האָט ווידער איבערגעגעבן דעם שטאָט-געריכט.

מען קאָן זיך אויסמאָלן אַ וואָסערע טרויער און אומרו עס האָט באַהערשט די לובלינער יידן יעדעס מאָל, ווען אַזאַ פּראָצעס איז געפֿירט געוואָרן אינעם קרוינטריבונאַל. עס זענען דאַן געקומען קיין לובלין די פֿאַמיליעס פֿון די באַשולדיקטע יידן, אויף וויפֿיל זיי זענען נישט געווען אַרעסטירט, און אויך די עלטסטע פֿון דער קהילה פֿון דער שטאָט, ווו דער אומגליקלעכער פֿאַל האָט זיך געטראָפֿן — אַלע זענען זיי געקומען קיין לובלין, כּדי צו העלפֿן די אומשולדיק באַשולדיקטע. די עלטסטע פֿון דער לובלינער קהילה האָבן דאַן געמוזט אָנווענדן זייער גאַנצע השפּעה און אַלע זייערע באַציאונגען, כּדי צו דערגרייכן כאָטש קליינע פֿאַרלייכטערונגען פֿאַר די באַשולדיקטע. מען האָט געזוכט פּראָטעקציעס צו די שטאָט־ריכטער, צום הענקער, צום תּפֿיסה-וועכטער, מען איז געלאָפֿן פֿון איין ריכטער צום אַנדערן, מען האָט געזוכט יידן, וועלכע זענען געווען באַקאַנט מיט די ריכטער, געשטאַנען מיט זיי אין האַנדלס־באַציאונגען, אָדער געווען זייערע פּאַכטערס, און מען האָט זיך באַמיט דורך די דאָזיקע יידן צו איבערצייגן די ריכטער אין דער אומשולדיקייט פֿון די אָנגעקלאָגטע. אין די מערסטע פֿאַלן האָט דאָס אַלץ גאָר נישט געהאָלפֿן, באַזונדערס ווען אַ מעכטיקער קאַנאָניקוס (גלח) אָדער מאַגנאַט איז געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז דער ייד זאָל פֿאַרמשפּט ווערן. פֿון די קלערן פֿונעם ראַטהויז, ווו עס האָבן זיך געפֿונען

די טאָרטור-קאַמערן, האָט בייגאַכט אַרויסגעדרונגען דאָס ווײ-געשריי און דאָס געוויין פון די געמאַטערטע יידן, וועלכע דער הענקער האָט אויסגעדרייט די אברים און זיי דערנאָך געברענט מיט צעגליטע אייזנס און מיט שוועבל. אין אַזעלכע נעכט האָט קיין שום ייד קיין אויג נישט צוגעמאַכט; אַלע, די אַלטע און די יונגע, מענער און פרויען זענען אויף־געווען די גאַנצע נאַכט, תהלים געזאָגט און געוויינט, און די עלטסטע פון דער קהילה זענען געלאָפן פון איין פּאָריץ צום אַנדערן, כּדי נאָך אפשר אין לעצטן מאָמענט עפּעס צו פּועלן.

די טויט אורטיילן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די דאָזיקע פּראָצעסן, זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ ראַפינירטער אכזריות. מערסטנס האָט מען דאָס דורכגעפירט אין שבת, פאַר דער שול, כּדי די גאַנצע יידישע עדה זאָל זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע פון דעם אומשולדיקן יידן. אָבער יידן זענען געווענלעך נישט געקומען, דערפאַר איז אָבער געקומען די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג צו דעם דאָזיקן „טעאַטער", און נאָך דער אכזריותדיקער דערמאָרדונג פון דעם אומשולדיקן יידן. איז אָפט געקומען צו איבערפאַלן אויף די יידישע הייזער, צו פּאַגראָמען און ראַבירונגען. דער אויפגערייצטער המון האָט אין דעם טויט-אורטייל געזען אַ באַשטעטיקונג פון דעם עלילת דם און האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו אַלע יידן. קריסטלעכע מאַמעס האָבן דאַן געציטערט פאַרן גורל פון זייערע קינדער און דער נאָמען „ייד" איז געוואָרן דער באַגריף פון אַ קינדער-מערדער און בלוטפאַרגיסער. פון דער גרויסער צאָל פון עלילת דם-פּראָצעסן אין לובלין ווילן מיר דאָ דערמאָנען איין-איינציקן ביישפּיל — דעם פאַל פון שוויניאַראָוואַ.

דעם מילנער פּעטרעני אינעם דאָרף שוויניאַראָוואַ איז פאַרלוירן געגאַנגען זיין פיר-יאָריקער זונדל און ערשט נאָך אַ געוויסער צייט האָבן פּאַסטעכער געפונען דאָס טויטע קינד אַ צעשונדענעם און צעריסענעם. די פּאַסטעכער האָבן דערקלערט, אַז ווילדע הינט אָדער גאָר וועלף האָבן דאָס קינד צעביסן און געפרעסן. דער פאָטער פונעם דערהרגעטן קינד האָט די דאָזיקע דערקלערונג אָנגענומען פאַר אַ וואַרשיינלעכע און ער וואָלט נישט געווען אונטערגענומען קיין ווייטערדיקע שריט, ווען דער פאַכטער פונעם שכנישן

דאָרף, וואָדניקי, וואָלט אים נישט געווען אויפגעהעצט קעגן די יידן פונעם דאָרף. דער פאַכטער, אַן אָרימער שליאַכטשיץ מיטן נאָמען סקאַוויעסקי, האָט נישט גוט געלעבט מיט זיינע יידן און ער האָט זיי געוואָלט פּטור ווערן. איז ער ארוים קעגן זיי מיט אזא פארלוימדונג. באַלד זענען אַרעסטירט גע-וואָרן דער פּראָפּינאַטאָר מרדכי, זיין זון אהרן גראָמעק, זיין איידעם אייזיק, זיין שענק־יונג יאכים און א קריסטלעכע דינסט פון מרדכין, און אלע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער שלאָס־תפיסה אין מיעלניצא.

די אַרעסטירטע יידן האָבן תחילת אפילו נישט געוווּסט, פאַרוואָס מען האָט זיי אַרעסטירט, אָבער ווען זיי זענען געוויר געוואָרן די סיבה פון זייער ארעסט, האָבן זיי געבעטן, מען זאָל זיי לפּחות אַריבערפירן אין קרוין-טריבונאַל, כדי זייער אומשולד זאָל דאָרט באַוויזן ווערן. אויף א באַפעל פונעם קעניג זענען זיי דעם 5-טן יולי 1598 געבראַכט געוואָרן קיין לובלין און מען האָט זיי איינגעזעצט אין דער שלאָס-תפיסה, די עלטסטע פון דער לובלינער קהילה: משה דאָקטאָראָוויטש (דעם רבס זון), דר. שלמה לוריא און דער סינדיק שלמה האָבן געטון אלץ וואָס מעגלעך, כדי די אַרעסטירטע יידן צו העלפן. עס האָט זיך זיי איינגעגעבן צו געווינען פאַר דער זאַך די קרוין־ריכטער אַדזשיוואָלסקי, פּשילעפּסקי און פּזשיבינסקי. אָבער דער טריבונאַל-פּרעזידענט (מארשאַל) אדאם סטאַדניצקי איז געווען קעגן די יידן. אויך די לובלינער יעזואיטן מיטן קאַרדינאַל באַטאָרי האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונג פון די באַשולדיקטע יידן, וועלכע האָבן דערקלערט זייער אומשולד. דער טריבונאַל איז מיט דעם נישט געווען צופרידן און ער האָט באַשלאָסן איבערצוגעבן די יידן דעם שטאָט־געריכט צו דער טאָרטור. אין דער נאַכט פונעם 8טן אויפן 9טן יולי 1598 זענען אלע פיר באַשולדיקטע טאָרטורירט געוואָרן אויף א מוראדיקן אופן אינעם קעלער פונעם ראַט־הויז. דער הענקער האָט זיי אַרויפגעגאָסן שפּירט אויף די קעפּ און אויף אַנדערע קערפּער-טיילן און דאָס אָנגעצונדן. די באַ-שולדיקטע האָבן איבערגעחזרט זייער אומשולד. דער הענקער האָט דערפאַר געטענהט, אז נישט אנדערש, נאָר די יידן זענען פאַרבונדן מיטן טייוול, וועלכער באַהאַלט זיך ביי זיי אין די האָר. כדי דעם טייוול אַרויסצוטרייבן,

האָט מען זיי אָפּגעגאָלט די האָר פון די קעפּ און דערנאָך די אָפּגעגאָלטע קעפּ ווידער מיט שפּירט באַגאָסן און אָנגעצונדן.

נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן די פּייניקונג, האָט דער שענק-יונג „מודה געווען", אַז ער האָט געזען אין שענק אונטערן בעט אַ נייעם טאָפּ מיט בלוט, און „ווען מיר זענען שוין אַלע געזעסן אין תּפיסה, האָט אונז דער באַלעבאָס, מרדכי, געבעטן, מיר זאָלן האָבן גאָט אין האַרץ און נישט אויסזאָגן קיין וואָרט, וויפיל מען זאָל אונז נישט פּייניקן. דאָסזעלבע האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, דאָס לעצטע מאָל אַפילו דאָ אין דער קאַמער, ווען די ליכט זענען שוין געווען אָנגעצונדן און איינער פון אונז איז שוין געלעגן אויף דער טאָרטור-באַנק. אויך נאַטושקאַ, אַ פּויערטע, האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט געזען אין קעלער צווישן די פעסער אַ טויט קינד".

דאָס געריכט האָט באַשלאָסן צו פאַרהערן די קריסטלעכע דינסט פונעם פּראָפּינאַטאָר און באַפוילן דער גוט-הערשאַפט פון שוויניאַראָוואָ, זי אַריבערצושיקן קיין לובלין. ווען די מויד איז מיט די פּויערים פון איר דאָרף צוגעקומען צו די טויערן פון לובלין, האָט זי דאָ באַגעגנט דעם קאַנאָניקוס טרעטער. טרעטער איז געווען דער הויפּט פון דער קאַטעדראַלע אין פּויזן און ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַרן עלילת דם-פּראָצעס. ער האָט דאַן געהאַלטן אין שרייבן אַ בוך וועגן דער האָסטיע-גנבה אין פּויזן אין יאָר 1399. דער קאַנאָניקוס האָט גענומען די מויד פאַרהערן. ער האָט איר דערמאָנט אירע פליכטן לגבי דער קריסטלעכער קירכע און ער האָט איר פאַרגעשטעלט אַ וואָסערע גרויסע הייליקע זאַך זי וועט טון, ווען זי וועט העלפן אויפדעקן דעם אמת. דאָס מיידל, וועלכע האָט תּחילת גאָר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָט דאַן פּלוצים אָנגעהויבן צו דערציילן, ווי זי האָט געזען אַרויסטראָגן דאָס טויטע קינד פון דער יידישער שטוב, איינגעהילט אין שמאַטעס; ביי דער געלעגנהייט האָט זי געבעטן, מען זאָל זי נישט אומברענגען. אָבער טאָמער וויל מען זי הרגענען, וויל זי נישט אַליין שטאַרבן, נאָר זי קען אין מיענדזיזשעטש אַ גרויסע צאָל קריסטלעכע ווייבער, וועלכע העלפן די יידן אויף אַן ענלעכן אופן.

דער גלח האָט איבערגעשיקט די דערקלערונגען פון דעם איבערגע-

שראָקענעם מיידל צום טריבונאַל און איצט איז שוין געווען אַ קלאָרער באַוויז וועגן דער שולד פון די יידן. דער קרוינטריבונאַל האָט פאַרמשפּט צום טויט דריי יידן: מרדכי און זיין זון אהרן גראַמעק און דעם איידעם אייזיק און מרדכיס ווייב. דער אורטייל איז פאַרגעלייענט געוואָרן שבת, דעם 11טן יולי 1598, און האָט געדאַרפט תיכף דורכגעפירט ווערן.

צוויי קריסטן, וועלכע האָבן בייגעוווינט די דורכפירונג פון דעם טויט-אורטייל איבער די פיר יידן, דער שריפטשטעלער דר. מיטשינסקי און דער מעדיקער דר. סלעשקאָווסקי, האָבן באַשריבן די דאָזיקע עקזעקוציע. לויט זייער באַריכט, וועלכער האָט זיך דערהאַלטן ביז אין אונזער צייט, האָט די טויט-שטראָף איבער די דריי יידן און דער יידישער פרוי באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן פאַרן טויער פון דער מהרש״ל שול, אין מאָמענט, ווען די יידן גייען אַרויס שבת פון דאַווענען. די הענקער-קנעכט האָבן שוין געהאַט דאָרט אַריינגעשלאָגן פיר קלעצער אין דער ערד אויף תליות. אָבער צוליב דער הייסער ביטע פון די עלטסטע פון דער לובלינער קהילה, וועלכע האָבן נאָך דערצו געגעבן 200 דוקאַטן די יעזויטן, האָט דער טריבונאַל דערלויבט, אַז דער אורטייל זאָל דורכגעפירט ווערן מחוץ דער שטאָט.

די פאַרמשפּטע זענען, לויט דעם מנהג פון יענער צייט, אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף שליטנס, און מיט אַ גרויסער פּאַראַדע געפירט געוואָרן צום עקזעקוציע-פּלאַץ. צום ערשטן איז געוואָרן הינגעריכטעט דער פּראָפּינאַטאָר (שענקער), מרדכי. מען האָט אים אַרויפגעלייגט אויף אַ גרויסן יאַטקע-קלאָץ און מיט אַ קצבישער האַק לעבעדיק צעהאַקט אויף פיר טיילן, און דערנאָך איז יעדער טייל באַזונדער צוגעשלאָגן געוואָרן מיט ניין טשוועקעס, יעדער צו אַ באַזונדערן קלאָץ. נאָך מרדכין זענען אויף דעם זעלבן אכזריותדיקן אופן צעהאַקט געוואָרן זיין איידעם אייזיק און זיין ווייב. דער זון, אהרן גראַמעק האָט זיך אין דער תפיסה אויפגעהאַנגען. די תליינים האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם טויטן קערפּער פון דער תפיסה און אים צוגעשלאָגן צו אַ קלאָץ.

דער בישאָף פון לוצק, בערנאַרד מאַטשעיאָווסקי, אין וועמעס דיעצעזע דאָס דערמאָנטע דאָרף ליגט (וווּ דאָס קינד איז פאַרלוירן געגאַנגען), האָט געלאָזט באַהאַלטן דעם טויטן קערפּער פון דעם קינד אין דער דאָרף

קירכע אין ליטעווניק, נעבן יאַנאָוו. און ווען דער זעלבער בישאָף איז נאָמי־נירט געוואָרן אלס בישאָף פון קראַקע, האָט ער געוואָלט מיטנעמען מיט זיך דעם טויטן קערפּער פון דעם צעריסענעם קינד. אָבער אויף דער ביטע פון די לובלינער יעזואיטן, האָט ער זיי געשענקט די מתנה און זיי האָבן דאָס באהאַלטן אין זייער קירכע, דער איצטיקער קאַטעדראַלע אין לובלין. באַלד האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבן צו קומען אין מאַסן פון נאָענט און ווייט צו דעם קליינעם „הייליקן" און דער בישאָף האָט זיך באַמיט אין רוים, אַז דער פּויפּסט זאָל דאָס געשטאָרבענע קינד „קאַנאָניזירן", דאָס הייסט דער־קלערן אלס הייליקן, אַט אַזוי ווי דער פּויפּסט האָט שוין אַמאָל קאַנאָני־זירט דעם קליינעם סימאָן פון טריענט *) אָבער גלייכצייטיק האָבן די לוב־לינער יידן געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען, כדי זייערע אומשולדיק הינ־געריכטעטע ברידער צו רעהאַביליטירן. נאָך אין יאָר 1617 האָט אַמטירט אין לובלין אַ קעניגלעכע געריכטס־קאָמיסיע, וועלכע האָט געהאַט די אויפ־גאַבע דעם ענין נאָך אַמאָל אויסצופאָרשן, אָבער ס'איז פון דעם גאָר נישט

---

*) די מעשה פון סימאָן פון טריענט איז איינס פון די טרויעריקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון עלילת דם. סימאָן, אַ דריי־יאָריק קינד פון אָרימע עלטערן אין דער טיראָלער שטאָט טריענט איז דערטרונקען געוואָרן אין דער וואָך פון די קריסטלעכע פּאסכע חגאות אין 1475 אין טייך עטש (איטאַליע־ניש אדידזשע). מעגלעך אַז אַ פאַרברעכער האָט דאָס קינד דערטרונקען, כדי אַרויס־צורופן אַן עלילת דם. דעם טויטן קערפּער פונעם קינד האָט מען געפונען פאַרן הויז פון אַ ייד, דער ייד איז באַלד געלאָפן צום בישאָף הענדערבאַך מעלדן דעם פאַל. דער בישאָף האָט געלאָזט אַריבערפירן דאָס טויטע קערפּערל אין דער קירכע, אויפגעריצט דאָס פאָלק קעגן די יידן און אָרגאַניזירט אַ שווינדערלעכן עלילת דם. ער האָט געלאָזט אַלע יידן פון טריענט, פון גרויס ביז קליין, בינדן אין קייטן און אַרעסטירן. ס'האָט זיך געפונען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט „וויסנ־שאַפטלעך" באַוויזן, אַז דאָס קינד איז געשטאָכן געוואָרן מיט נאָדלען און מען האָט ביי אים אויסגעצאַפּט דאָס בלוט. ס'האָבן זיך דאַן אויך געפונען די נוי־טיקע עדות וואָס האָבן „אַלץ געזען", אויך אַ משומד איז געווען דערונטער. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אַלע יידן אין טריענט פאַרברענט און עס איז גע־וואָרן אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אין טריענט טאָר קיין ייד מער נישט וווינען. באַר פיר יידן האָבן זיך געראַטעוועט דאָס לעבן דורך שמד. סימאָן פון טריענט איז דאַן דערקלערט געוואָרן אַלס הייליקער און ער איז ביז היינט איינער פון די הייליקע פון דער קאַטוילישער קירכע. נאָך דעם פאַל פון טריענט האָבן זיך פאַרשפּרייט בלוט בלבולים כמעט אין גאַנץ אייראָפּע באַזונדערס אין דייטשלאַנד, און נישט ווייניק יידיש בלוט איז צוליב דער דאָזיקער שענדלעכער פאַרלוימ־דונג פאַרגאָסן געוואָרן. (אָנמערקונג פון איבערזעצער).

געוואָרן. און אויך די באמיאונגען פון דעם בישאָף אין רוים האָבן נישט געבראַכט קיין דערפאָלג.

נאָך איידער די לובלינער יידן האָבן זיך בארויקט נאָך דעם דאָזיקן עלילת דם-פראָצעס, האָבן זיי, אין יאָר 1636, א נייעם בלוט-פראָצעס. דאָס מאָל איז געווען דער אָנגעקלאָגטער דער לובלינער יידישער כירורג ר' מרדכי בן מאיר. אים האָט אָנגעקלאָגט א גלח, אז ער, דער כירורג, האָט אים כלומרשט צופיל בלוט אָפּגעצאַפּט „פאר ריטועלע צוועקן". דער כירורג איז באשטראָפט געוואָרן צום טויט און דער אורטייל איז דורכגעפירט געוואָרן. אין דער פינטשאַווער שול האָט מען נאָך ביז אין די לעצטע צייטן ביי יעדער הזכרות נשמות געמאכט א באזונדערן אל מלא רחמים פאר דער נשמה פון דעם דאָזיקן קדוש. אין יאָר 1639 האָט זיך פארן לובלינער טריבונאַל אָפּגעשפּילט דער בלוטיקער עלילת דם פראָצעס פון לענטשיץ.

די דאָזיקע פּראָצעסן האָבן ארויסגערופן ביי די לובלינער יידן א פּחד פארן טריבונאל, און מיט שרעק און מורא פלעגן יידן פארבייגיין פארן טויער פון דעם דאָזיקן גרויסן הויז אויפן מארק. דער ראבינאַט פון לובלין האָט באשטימט א תענית, וועלכער האָט באדארפט ווערן געפאסט יעדעס מאָל אינעם טאָג פון דער דערעפענונג פון די טריבונאַל־זיצונגען. דער דאָזיקער תענית איז אין לובלין שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן דורך עטלעכע יאָרהונדערטער. עס איז אויך געוואָרן ביי די לובלינער יידן א מנהג, אז יעדעס יאָר נאָך דער קאָנסטיטואירונג פונעם טריבונאל, איז געקומען צום מארשאַל פונעם טריבונאל, אָדער צו זיין פארטרעטער א דעלעגאציע פון לובלינער יידן, וועלכע האָט תמיד מיטגעבראַכט רייכע מתנות. צו דעם צוועק האָבן די לובלינער יידן באקומען א קרעדיט פון די מיטלען פונעם גאנצן יידישן כלל אין פוילן. אין 18טן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער קרעדיט באטראָפן 1400 גילדן און ער איז אריינגערעכנט געוואָרן דער לובלינער קהילה אין די שטייער־רעכענונגען.

פינפטער קאפיטל

# דער יידישער סיים אין לובלין

(ועד ארבע ארצות)

כדי דער לייענער זאל זיך קענען מאכן א באגריף וועגן דער רעכטלע־כער און מאראלישער קאמפעטענץ פון דעם יידישן סיים אין פוילן אדער ווי ער האט געהייסן אין העברעאיש, „ועד ארבע ארצות", וועלן מיר דא איבערגעבן א בריוו פונעם „ועד" צו דער יידישער קהילה אין האנא־ווער, דייטשלאנד, וועגן איינעם א רייכן יידן אברהם בן יוסף סגל הלוי, פון פויזן, וועלכער האט פארלאז די דאזיקע אלטע פוילישע קהילה צו־ליב מורא פאר די גרויסע שטייערן, וואס ער וואלט געמוזט צאלן, צוליב דעם וואס די פויזנער קהילה איז שטארק בארארימט געווארן. אברהם בן יוסף האט זיך פשוט ארויסגעשמוגלט פון פויזן און ער האט זיך באזעצט אין האנאווער, כאטש ער האט דער פויזנער קהילה הייליק פארשפראכן, אז ער וועט זיך אומקערן. די פויזנער קהילה האט קאנטיק פארקלאגט אב־רהם בן יוספן ביים ועד ארבע ארצות, און דער ועד גיט ארויס א חרם אויף אברהמען און ער ווענדט זיך צו דער קהילה אין האנאווער, אז זי זאל אים אויך ארייגלייגן אין חרם און זי זאל אים פארפא־ן — אפילו מיט

הילף פון דער קריסטלעכער מאַכט— ביז ער וועט חרטה קריגן און זיך אומקערן אין דער קהילה, פון וועלכער ער האָט זיך ארויסגעשמוגלט.

דער דאָזיקער בריוו פון ועד ארבע ארצות צו דער קהילה אין האַנאָווער איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן גייסט פון יענער צייט און פאַר דער ברייטער קאָמפּעטענץ פון דער יידישער אויטאָנאָמער רעפּרעזענטאַנץ איבער דעם יידישן יחיד, אז עס וועט אינטערעסאַנט זיין דעם בריוו דאָ איבערצוגעבן.

כמעט אַ העלפט פון דעם בריוו בילדן מליצות און ברכות און סתם פראַזן און פינף גאַרנדיקע טיטלען מיט געוואַלטיקע איבערטרייבונגען פון דער „גרויסקייט״ און „געלערנטקייט״ פון די, צו וועלכע דער בריוו איז אדרעסירט.

דאָ נאָר אַ קורצער מוסטער פון די טיטלען:

„צו די געאַכפּערטע רבנים און חכמים, די געלערנטסטע צווישן די געלערנטע, וועלכע זיצן אויפן שטול פון גערעכטיקייט פאַר די טויערן פון אלע שטעט און לענדער, די פאַסטעכער, וועלכע רוען אין די געצעלטן, יעדער ביי זיין פאָן ווי ביי אַ שפּרודלדיקן קוואַל, די אלופים און פירשטן פון די דייטשע קהלות...

„צו די פירער פונעם פאָלק, די פירשטן פון דער תורה, די קענער פון דער שריפט, אונטער וועמעס פליגל די פייגל פון הימל זוכן שוץ און געפינען, — די געוואַלטיקע בוימער, די רבנים, לומדים און חכמים, די ראָשי בית דין״— א. א. וו., א. א. וו. „די הארן פון דער וויסנשאַפט, וועלכע לויכטן ווי די שטערן אין הימל, זאָלן זיי לאַנג און גליקלעך לעבן, ביז עס וועט ווידער אויפגעבויט ווערן די שטאָט ציון — אָמן כן יהי רצון״...

נאָך דעם דאָזיקן קורצינקן טיטל (פון וועלכן מיר גיבן דאָ איבער נאָר אַ קיצור) קומט דער טעקסט פונעם בריוו, וועלכער לייענט זיך אין יידיש אזוי:

„עס האָט אונז דערגרייכט די שטימע פון די ראָשי הקהל פון ק״ק פויזן, וועלכע באַקלאָגט זיך אויף אברהם בן יוסף הלוי פון האַנאָווער אין דייטשלאַנד. אברהם איז געווען אַ תושב פויזן, ער האָט דאָרט גע-



די מהרש״ל־שול אין לובלין
(געבויט אין דעם יאָר 1567)



די מהר״ם־שול אין לובלין, געבויט אונטער איין דאַך מיט
דער מהרש״ל־שול קעגן אָנהייב פון דעם 17טן יאָרהונדערט

צאָלט זיינע שטייערן, וואָרום ער איז געווען זייער רייך. אָבער ווען ער האָט געזען, אַז זיין פאַטערשטאָט, וועלכע איז אמאָל געווען גרויס און רייך, און עיר ואם בישראל, ווערט וואָס אמאָל אָרימער, אויף אזוי ווייט, אַז זי קאָן נישט באַצאָלן, נישט אירע חובות, נישט די שטייערן, האָט ער די שטאָט פאַרלאָזן און ער האָט זיך באַזעצט אין האַנאָווער. ווי די ראשי הקהילה פון פויזן באַהויפּטן, האָט ער זיך מתחייב געווען צוריקצוקו־מען קיין פויזן, אָבער ער האָט זיין וואָרט נישט געהאַלטן, ער האָט אין געהיים ארויסגענומען זיין פרוי און קינדער, פאַרקויפט זיין גוט און איז אוועק.

„מיר געבן צו וויסן אייער געלערנטקייט, אַז דער דאָזיקער מאַן איז לויט די געזעצן פון אונזער לאַנד אריינגעלייגט געוואָרן אין חרם. לויט די געזעצן פון אונזער הייליקער תורה איז דער, וואָס איז פאַרשאַלטן אין איין שטאָט, פאַרשאַלטן אויך אין אַלע אַנדערע שטעט, וועמ עס איז פאַרשאַלטן אין איין לאַנד, איז פאַרשאַלטן אין אַלע אַנדערע לענ־דער. מיר בעטן אייך דעריבער, טייערע ברידער, איר זאָלט דעם דאָזיקן מאַן פאַרשעלטן און אים לייגן אין חרם, ווו איר וועט אים נאָר באַגע־גענען און אזוי שטיצן די שטרעבונגען פון אונזער הייליקער קהילה פויזן. פאַרפאָלגט אים אזוי לאַנג און אזוי שטרענג — אפילו מיט דער הילף פון דער קריסטלעכער מאַכט — ביז ער וועט חרטה האָבן און מיט עניוות דערקלערן, אַז ער וויל צוריקקערן אין זיין פאָטערשטאָט און העלפן טראָ־גן אַלע לאַסטן פון דער קהילה.

„מיר האָפן, אַז איר וועט דאָס טאָן און מיר זיינען שטענדיק גרייט צו קעגנדינסטן, כדי עס זאָל הערשן שלום אויף דער וועלט און קיין זינ־דיקער זאָל נישט ארומגיין אומבאַשטראָפט.

דאָס זענען די ווערטער פון די הארן און פירשטן, די ראשי הועד ארבע ארצות פון פוילן, דער אויבערשטער זאָל זיי באַשיצן”.

דער בריוו איז דאַטירט אין לובלין, י”ה סיון ה'תר”א (1661), בעת דער סעסיע פונעם ועד ארבע ארצות אין דער צייט פונעם גרויסן יאריד.

דער בריוו איז אונטערגעשריבן פון יעקב אשכנזי פון לובלין, יקותיאל זלמן אהרן פון לעמבערג, אהרן אויערבאך פון לובלין, יהודה

ליב בן צבי הירש ז״ל, יצחק בן אשר פון קזשעמיעניעץ, פּנחס זעליק, איראַ שרגא פייביש פון קראָקע, זאב וואָלף בן נתן פון וואָלין און נפ־תלי בן אברהם פון סאטאנאָוו.

* * *

דער דאָזיקער בריוו ווייזט אונז, נישט בלויז די מאכט פון דער יידישער קהילה איבער דעם יידישן יחיד, נאָר אין די טיטלען, וועלכע מיר האָבן דאָ איבערגעגעבן, זעט מען אַ שטיק יידישע חשיבות פון יענער צייט. דער געזונדפטער, פאַרשטויסענער, רעכטלאָזער, באַשפּיגענער, פאַראכטער און אין דער פינסטערער געטאָ פאַרשטופּטער ייד, קוקט מיט נרייגשעצונג אויף דער דאָזיקער וועלט, וועלכע רודפט אים, ער איז מבטל אירע כיבודים, אירע דערנידערונגען ווי אירע מיטלען, זוכנדיק זיין כבוד און זיין חשיבות אין דער יידישער וועלט, צווישן די אייגענע ברידער. צווישן זיך גיט מען זיך די העכסטע טיטלען פון „הארן״, „פירש־טן״, „רוזנים״ און פון גרויסע געלערנטע. די דאָזיקע אייגענע וועלט איז פאַרן ייד געגנוג. אין דער דאָזיקער יידישער וועלט לעבט זיך אוים דער ייד, געזעלשאַפטלעך, פּאָליטיש און גייסטיק, דאָ איז ער דער ראש פון דער קהילה, דאָ איז ער דער רוזן התורה, דאָ גיט ער עצות און מען הערט זיך צו צו זיין עצה, דאָ ווייזט ער אַרויס די גאַנצע פריינטשאַפט צו די אַנדערע מענטשן. פאַר דער דרויסנדיקער וועלט איז ער ניט מער ווי דער הענ־דלער, דער קרעמער, „דער שמוקלער ייד״, מיט וועלכן מען מאכט געשעפטן, אָבער אין וועלכן מען דערקענט נישט און מען אַכט נישט דעם מענטשן.

די יידן פון מיטלעלטער האָבן חוץ זייער פאַמיליע אויסגעבויט זייער קהילה ווי אַן אייגענע וועלט; די פּוילישע יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין פּוילן לענגער און זיכערער ווי אין אנדערע לענדער, האָבן אויף דעם דאָזיקן יסוד פון דער קהילה אויפגעבויט נאָך אַ צווייטן און דריטן גאָרן: דעם ועד המדינה און דעם ועד ארבע ארצות.

* * *



בײַם אײַנגאַנג צו
קראַװיעצקאַ 2.

אין דער ערשטער העלפט פון זעכ־צנטן יאָרהונדערט האָבן די פּוילישע קעניגן געװאָלט צענטראַליזירן די יידי־שע קהילות, האָבן זיי צו דעם צוועק באַ־שטימט די גענעראַל־טאַקסאַטאָרן און הויפּט־רבנים. נאָכן באַנקראָט פון דעם דאָזיקן סיסטעם אין יאָר 1551, האָבן די איינצלנע קהילות באַקומען זייער פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע־פאָרם האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר נישט פּראַקטיש סיי פאַר דער מלוכה ווי פאַר די יידן גופא. דורך דער צעשפּליטערונג פון די יידן אין זייערע איינצלנע קהילות האָט די מלוכה נישט געקאָנט באַקומען אירע שטייערן, און די יידן האָבן אין א גויט־פאַל נישט געהאַט קיין רעפּרעזענטאַנץ.

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די איינצלנע קהילות זאָלן זיך פאַר־אייניקן אין לאַנד־פאַרבאַנדן (גרויספּוילן, קליינפּוילן, רייסן א. א. וו.). פון די לאַנד־פאַרבאַנדן (ועדי המדינה) איז שוין געווען נאָר איין שריט צו אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַרומנעמען די קהילות פון דער גאַנצער מלוכה — צום ועד ארבע ארצות.

די פראַגע וועגן דער שאַפונג פון אַזאַ מלוכה־פאַרבאַנד פון די קהילות אין גאַנץ פּוילן איז א לענגערע צייט באַטראַכט געוואָרן אויף די יאַרידים אין לובלין, ווו עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען יעדן יאָר די פאָר־שטייער פון די וויכטיקסטע יידישע קהילות, ביז עס איז אין יאָר 1580 באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן דעם ועד ארבע ארצות — דעם סיים פון די יידן פון גאַנץ פּוילן.

די ערשטע טאַט פון דעם דאָזיקן סיים איז געווען די אָרענדע פון אַלע יידישע שטייערן. באַצאָלנדיק א געוויסע סומע דער מלוכה-קאַסע,

האָבן די פאַרטרעטער פון דער יידנשאַפט אָפּגעקויפט די יידישע שטייערן ביי דער מלוכה באַשטימענדיק דערנאָך די סומען, וואָס יעדע לאַנדס־מאַנשאַפט, דאָס הייסט יעדער לאַנד-פאַרבאַנד פון קהילות דאַרף צאָלן יעדן יאָר. די לאַנדסמאַנשאַפטן ווידער האָבן איינקאַסירט די שטייערן ביי יעדער קהילה לויט די סומען, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט גע־וואָרן. די איינצלנע קהילה איז אַלזאָ געווען דער נידעריקסטער אָרגאַן אין דער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע פון די יידן אין פוילן.

דורך דעם אָפּקויפן די יידישע שטייערן ביי דער מלוכה איז דער יידישער סיים, דער ועד ארבע ארצות, געוואָרן אַ מלוכהשע נויטווענ־דיקייט, אַ מלוכה־אָרגאַן. אָבער ווענן די ענינים, וואָס זענען פאַרהאַנ־דלט און באַשלאָסן געוואָרן אויף יערלעכע צוזאַמענפאָרן פונעם „ועד״, חוץ די שטייערן, האָט זיך די מלוכה נישט אינטערעסירט. ערשט אין דער ערשטער העלפט פונעם 18טן יאָרהונדערט האָט דער פינאַנץ־מי־ניסטער אָנגעהויבן צו דעלעגירן זיינע קאָמיסאַרן צו די צוזאַמענפאָרן פו־נעם ועד, און צו זייער גרויסער איבערראַשונג האָבן זיך די קאָמיסאַרן דערוווּסט, אַז דער ועד ארבע ארצות איז אַ גאַנצער פאַרלאַמענט.

דער ועד האָט זיך פאַרזאַמלט יעדעס יאָר אין לובלין אינעם טאָג פון דער קאַטוילישער חגא, וואָס רופט זיך אויף פויליש „מאַריא גראָמ-ניצאַ״ (שפּאַניש: מאַריא לאַ קאַנדעלאַריאַ); דערפאַר האָט מען דעם צו-זאַמענפאָר גערופן „ועד גראָמניץ״, אָדער „ועד ארבע ארצות״. אָבער די יידן פון ליטע האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרטראָגן מיט די פוילישע יידן, עס האָט געהערשט צווישן די ביידע יידנשאַפטן אַ געוויסע אָנגעצויגנקייט — ווי ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פון ביידע לענדער; פון דער אָנגעצויגנקייט איז אָפּט אַרויסגעקומען אָפענע פיינטשאַפט, אַז נאָך געהערן 43 יאָר צו דער שותפותדיקער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע, האָבן די פאָר-שטייער פון די ליטווישע יידן פאַרלאָזן דעם צוזאַמענפאָר, און אין יאָר 1623 פאַרזאַמלט זיך צום ערשטן מאָל דער באַזונדערער ועד פון די ליט־ווישע יידן אין בריסק. דער ערשטער פאָרזיצער פונעם ליטווישן ועד איז מאיר, וואהל, אַ זון פון שאול וואהל, דעם לעגענדאַרן איינטאָג־קיניג פון פוילן. אין לובלין זענען געבליבן נאָר די פאָרשטייער פון די פוילישע

קהילות און זייערע באַשלוסן האָבן זיך באַצויגן נאָר צו די קהילות אין פּוילן. נאָר ווען עס האָט געדראָט א סכנה אַלע יידן, אויך די יידן פון ליטע, ווען דער פּוילישער סיים אין ווארשע האָט געוואָלט אָננעמען געזעצן, וואָס האָבן געקענט זיין שעדלעך פאַר אַלע יידן, אָדער אין פאַל פון אַן עלילת דם־פּראָצעס, אָדער ווען מען האָט געהעצט דעם קריסטלעכן המון צו פיינטלעכע ארויסטרעטונגען קעגן יידן, דאַן פלעגן קומען קיין לובלין די פאָרשטייער פון דעם ועד פון ליטע, כדי צוזאמען מיט די יידן פון קרוין-פּוילן צו זוכן מיטלען קעגן דער דראָענדיקער סכנה.

ביז צו די קאָזאקן-מלחמות און די מלחמות פון די שוועדן פלעגן די צוזאמענפאָרן פונעם יידישן סיים פאָרקומען אין לובלין, אָדער אין דער לובלינער אומגעבונג (בעלזשיץ, טישאָווצע, אָפּאָלע). אָבער ווען לובלין איז צעשטערט געוואָרן פון די שונאים, און די לובלינער יארידים האָבן פארלוירן זייער ווערט, זיינען די צוזאמענפאָרן פון דעם ועד פארלייגט געוואָרן קיין יערעסלאָוו (יאראָסלאָוו, א שטאָט ביים סאַן, מיטל־גאַליציע). ביז צום יאָר 1680 קומען פאָר די צוזאמענפאָרן אין לובלין און יערעסלאָוו, בייטנדיק זיך יעדן יאָר, צומאָל אויך אין לענטשנא ביי לובלין, וווהין מ׳האָט פארלייגט די לובלינער יארידים. פון 1680 אָן איז שוין מער נישט פאָרגעקומען קיין ועד־צוזאמענפאָר אין לובלין, און ביז צו זייער אויפלייזונג (אין 1764) פלעגן די צוזאמענפאָרן פאָרקומען אין יערעסלאָוו, אין פּיליצא, קאָנסטאַנטינאָוו, א. א. וו. די „סעניאָרן" פון דער לובלינער קהילה, וועלכע פלעגן פריער שפּילן אזא גרויסע ראָלע, האָבן געמוזט אָפּטרעטן זייער פּלאַץ די פאָרשטייער פון אנדערע קהילות, זעלטן ווערט א לובלינער אויסגעקליבן אלס „מארשאַל", דאָס הייסט אלס ראש פונעם ועד. ערשט דער פאָרלעצטער פּרעזידענט פונעם ועד איז ווידער א לובלינער: אברהם היילפּערן.

* * *

די באַשלוסן, וואָס דער יידישער סיים האָט אָנגענומען אין זיין לובלינער פּעריאָד, האָבן ארומגענומען אַלע זייטן פונעם יידישן לעבן אין פּוילן. א סך סעסיעס זענען געווידמעט געוואָרן די אָרגאַניזאציאָנעלע

פראגן, עס איז באשטימט געוואָרן דער סדר, לויט וועלכן די איינצלנע „מדינות" (גרויספוילן, קליינפוילן, א. אז. וו.) האָבן דאָס רעכט פאָרצו־ליגן זייערע קאַנדידאַטן אלס מארשאלן (פרעזידענטן) פון דעם סיים (אין יאָר 1595), וויפיל די דעלעגאַטן דאַרפן באַקומען אלס דיעטן (1647), און צי עס קענען דעלעגירט ווערן צום סיים נאָר די פרנסים פון די קהילות, אָדער אויך סתם באַלעבאַטים (1664). אין יאָר 1667 ווערט באַשלאָסן צו רעדוצירן די קאָסטן פון דעם סיים. אין זעלבן יאָר ווערט אָנגענומען א באַשלוס, צו וואָרענען די פרנסים פון דער קראָקעווער קהילה, וועלכע האָבן נישט געוואָלט שיקן קיין דעלעגאַטן צו די צוזאַמענפאָרן פונעם סיים, אַז אויב זיי וועלן זיך האַלטן ביי זייער עקשנות, וועלן זיי שטרענג באַשטראָפט ווערן.

די מחלוקתן צווישן די איינצלנע קהילות און זייערע „לענדער" ווי אויך צווישן די איינצעלנע לאַנד-פאַרבאַנדן („מדינות") האָבן פאַרנומען א סך צייט אויף די צוזאַמענפאָרן. אזוי האָט דער סיים פון יאָר 1595 אויסגעגליכט א מחלוקת צווישן דער קהילה פון קראָקע און די פראָווינ־ציעלע קהילות פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדסטווע. אין אַנדערע יאָרן זע־נען אויסגעגליכט געוואָרן די שטרייטן צווישן די קהילות פון רייסן און דעם רב הכולל אין לעמבערג, ווי אויך אַ לאַנג-יאָריקע מחלוקת צווישן דער גראָדנער קהילה (ליטע) און דער קהילה פון טיקאָטשין, וואָס האָט שוין געהערט צו פוילן (1589 - 1678). גראָדנע האָט בשום אופן נישט געוואָלט אנערקענען די זעלבסטשטענדיקייט פון טיקאָטשין, באַהאַנדלענדיק איר ווי א פיליע פון דער גראָדנער קהילה. דער ועד ארבע ארצות האָט אנער־קענט די זעלבסטשטענדיקייט פון דער טיקאָטשינער קהילה, איר אומאָפ־הענגיקייט פון גראָדנע, שטעלנדיק אונטער טיקאָטשין א גאַנצע ריי פון קלענערע קהילות, און געבנדיק דער טיקאָטשינער קהילה (אין יאָר 1678) אַן אייגענעם רעפּרעזענטאַנט מיט שטימרעכט אינעם סיים.

דער יידישער מלוכה־סיים אין לובלין האָט זיך אָפט פאַרנומען מיט עקאָנאָמישע און יורידישע פראגן פון די פוילישע יידן. די פוילישע שליאַכ־טע האָט געקוקט קרום אויף דעם פאַקט, וואָס די יידן פון גרויס-און קליין-פוילן אָרענדירן צאָלן, ראַגאַטקעס און וואָס זיי גיסן מינץ (מטבעות); די

שליאַכטע האָט אַליין געוואָלט האָבן די הכנסות פון די דאָזיקע געשעפטן, און זיי האָבן וועגן דעם אָנגענומען באַשלוסן אויף די פּראָווינציעלע סיימי־קעס און אין גרויסן מלוכה־סיים. פאַר די יידן איז דאָן געווען אַ גרויסע סכנה, ווען זיי וואָלטן זיך נישט געווען אונטערגעוואָרפן אונטער די דאָזיקע באַשלוסן. דער ועד ארבע ארצות האָט דעריבער אין יאָר 1581 אַרויסגעגעבן אַ גזר, אַז קיין שום ייד, סיי אין גרויספּוילן, ווי אין קליין־פּוילן זאָל מער נישט וואַגן צו אַרענדירן די דאָזיקע מלוכה-הכנסות.

די ענינים פון יידישן האַנדל און פון קרעדיט זענען דאַן געשטאַנען אַ לענגערע צייט אויפן טאָג־אָרדענונג, און דער סיים האָט זיך מיט זיי פאַר־נומען אין די יאָרן 1607, 1624, 1640 און 1644. די קירכע האָט אין יע־נער צייט באַטראַכט אַלס אַ גרויסע זינד דאָס נעמען פּראָצענט פון געלט. אַזעלכע מיינונגען זענען אפשר געווען גוט פאַרן מיטלעלטער, אָבער נישט פאַר דער צייט פונעם זיבעצעטן יאָרהונדערט, ווען דער האַנדל איז שוין געווען שטאַרק אַנטוויקלט און די מערסטע סוחרים האָבן געפירט געשעפטן אויף קרעדיט און דער אומלויף פון געלט און פון וועקסלען האָט זיך שטאַרק פאַרמערט. די סוחרים פלעגן אויסשטעלן וועקסלען אויף לאַנגע טערמינען ביז צו די וויכטיקסטע יאַרידים, געלט-אַנווייזונגען פון אויסלענדי־שע סוחרים פלעגן אויסגעצאָלט ווערן אין לובלין, אָדער זיי זענען געוואָרן אויסגעביטן אויף געלט-אַנווייזונגען פון אַנדערע הייזער, פאַר וועלכע מען האָט אין לובלין באַקומען סחורה. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט פּראָ־צענט, וואָס איז פאַרבאָטן פון דער תורה, און וואָס האָט דאַן געדריקט דאָס געוויסן פון די פרומע יידן. דער ענין איז געקומען פאַרן ועד ארבע ארצות אין יאָר 1607. דער ועד האָט דאַן אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון רבנים אונטערן פאָרזיץ פונעם לעמבערגער ראש ישיבה ר׳ יהושע פאַליק הכהן צו פאָרשען און פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע. די קאָמיסיע, איינזעענדיק די עקאָנאָמישע נויטיקייט פון פּראָצענט-נעמען און נישט וועלנדיק, אַז יידן זאָלן עובר זיין אויפן דין פון דער תורה, האָט דאַן געשאַפן די היתר־עסקא, וואָס דערלויבט דעם מלווה, וואָס לייעט אַוועק זיין געלט צו נעמען פּראָצענט אין דער פאָרם פון אַ חלק אין ריווח. דורך דער היתר־עסקא ווערט דער געלט־פאַרלייער אַ שותף צום געשעפט, וואָס דער לווה, (דער געלט

נעמער) וועט מיט דעם געלט מאַכן. די דאָזיקע שותפות איז אייגנטלעך נאָר א פיקטיווע; וואָרום דער מלווה נעמט דאָך נאָר א חלק פון ריווח, אָבער ער איז נישט קיין שותף צום היזק. אָבער פאַרמעל איז מען נישט עובר אויפן פאַרבאָט פון דער תורה צו נעמען פּראָצענט.

א פיל גרעסערע פּראַקטישע באַדייטונג האָט געהאַט די קאָנקורס-אָרדענונג, וואָס דער ועד ארבע ארצות האָט ארויסגעגעבן אין יאָר 1564 און פאַרפולקאָמט אין די יאָרן 1640 און 1644. די דאָזיקע קאָנקורס-אָר־דענונג איז געווען אַ גאָר נויטיקע זאַך פאַרן יידישן האַנדל, וועלכער איז געווען לרוב א האַנדל אויף די מערק און יארידים. לויט די אָפּמאַכן פון די יידישע קהילות מיט די שטאָט־מאַגיסטראַטן, האָבן די יידישע סוחרים גע־מעגט פאַרקויפן דירעקט צום קאָנסומענט נאָר אויף די יארידים. חוץ די יארידים האָט דער יידישער סוחר געמעגט פאַרקויפן זיין סחורה נאָר אין הורט צו די קריסטלעכע הענדלער. דורך דעם איז דער יידישער קליינער קאָמערציאַנט געוואָרן א הענדלער, וועלכער האָט זיך געמוזט ארומשלעפּן מיט זיין סחורה פון איין יאריד צום אנדערן. און ווען א יאריד האָט זיך נישט איינגעגעבן און דער ייד האָט נישט פאַרקויפט זיין סעזאָן-סחורה, האָט ער געמוזט וואַרטן א גאַנץ יאָר ביז צום קומענדיקן יאריד, אָדער פאַרקויפן די סחורה מיט היזק. אין ביידע פאַלן איז דער יידישער הענד־לער אָפט דערפירט געוואָרן צו באַנקראָט. דאָס האָט שטאַרק געשעדיקט דעם יידישן קרעדיט און עס האָט זיך פאַרמערט די אַנזעצעריי. כדי אָפּצו־העלפן דער דאָזיקער לאַגע, איז געשאַפן געוואָרן די דערמאָנטע שטרענגע קאָנקורס־אָרדענונג. צוליב דעם זעלבן צוועק האָבן די רבנים ארויסגע־געבן שטרענגע איסורים קעגן דעם, אז מינדעריעריקע זאָלן אונטערשרייבן וועקסלען ווי וועגן דעם האַנדל פון ערשט פאַרהייראַטע יונגעלייט.

דער ועד האָט אויך אָנגענומען באַשלוסן אין עניני' פון א רעלי־גיעזן כאַראַקטער. אזוי איז אויף מערערע צוזאַמענפאָרן פונעם ועד (אין די יאָרן 1587, 1590, 1597 און 1640) באַשלאָסן געוואָרן אריינצולייגן אין חרם די רבנים, וועלכע דערגרייכן די כסא הרבנות דורך אומעטישע מיטלען. דיזעלבע שטראָף איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצווענדן קעגן די פּרנסים, וועלכע האָבן גענומען שוחד ביי א וואַל פון א רב. דער פאַקט,

וואָס די דאָזיקע שטראָף האָט געמוזט באַשלאָסן ווערן אַזש פיר מאָל אויף פיר צוזאַמענפאָרן פונעם ועד, באַווייזט, אַז די דעמאָראַליזאַציע אויף דעם דאָזיקן געביט האָט געמוזט זיין שטאַרק פאַרשפּרייט. אין יאָר 1594 האָט דער ועד פאַרבאָטן צו דרוקן ספרים אָן דער הסכמה פון די רבנים און אין יאָר 1607 האָט דער ועד אַרויסגעגעבן אַן איסור צו קויפן און פאַר־קויפן ספרים געדרוקטע אין באַזל (שווייץ). פאַרשטענדליך, אַז אויך דער ענין פון כשר פלייש, כשרן קעז, כשרן וויין וכדומה איז באַהאַנדלט גע־וואָרן אויף די צוזאַמענפאָרן און עס זענען געוואָרן אָנגענומען די נויטיקע באַשלוסן. אין דעם זעלבן יאָר, 1607 האָט דער יידישער פּאַרלאַמענט זיך אויך פאַרנומען מיט דער התנהגות צווישן מענער און פרויען, באַשטימענ־דיק געזעצן וועגן דער צניעות פון די פרויען אין גאַס, ביים באָדן זיך אין טייך, באַזונדערס פאַר די אויגן פון קריסטן. עס זענען אויך באַשטימט גע־וואָרן תקנות קעגן לוקסוס און אויסבראַנגערייַ. צ. ב. די פראַגע וויפיל מענטשן מען מעג פאַרבעטן אויף תנאים, חתונות, א. אז. וו. איז באַשטימט געוואָרן דורך אַ געזעץ פון יאָר 1644, אַז ווער עס צאָלט קהילה־שטייער נאָר 15 גראָשן, האָט דאָס רעכט צו פאַרבעטן אויף תנאים אָדער אַ חתונה פון זיינס אַ קינד נאָר 15 מאַנסבילן, חוץ זיינע קרובים פון ערשטן גראַד (ברידער, שוועסטער וכדומה); ווער עס צאָלט פון 15 גראָשן ביז 5 פּוילי־שע גילדן, האָט דאָס רעכט צו פאַרבעטן 30 פרעמדע געסט און אַלע קרובים פון ערשטן און צווייטן גראַד (ד. ה. אויך פעטערס, מומעס, שוועסטערקינ־דער), און ווער עס צאָלט מער ווי 20 גילדן, מעג פאַרבעטן געסט וויפיל ער וויל.

די שווערסטע אויפגאַבע פונעם יידישן סיים איז געווען דאָס אינ־טערווענירן ביי דער רעגירונג, די מלוכהשע אַמטן, און ביי די בישאָפן לטובת די יידן. יעדעס מאָל, ווען עס האָט געדראָט אַ סכנה פאַר יידן, אָדער ווען עס האָבן זיך געגרייט אַנטי־יידישע געזעצן, זענען שוין די רעפּרע־זענטאַנטן פונעם ועד ארבע ארצות געווען גרייט צו גיין מיט שתדלנות צו די באַטרעפנדיקע אַמטן און פערזאָנען און אויך צו געבן געלט, ווו דאָס איז נויטיק געווען. אַזוי האָבן די פאָרשטייער פונעם ועד אינטערווענירט אין יאָר 1595 ביים וואָיעוואָדע פון קראָקע וועגן זיינעם אַ סכסוך מיט די

קראָקעווער יידן. עס האָט זיך דאַן געהאַנדלט וועגן דעם, אַז מען זאָל צו־נעמען ביי אַלע פוילישע יידן דאָס רעכט צו אַרענדירן די יידישע „קאָפּ־שטייער״ (ד. ה. די שטייער פאַר נישט דינען ביים מיליטער), וואָס עס האָט געפאָדערט אינעם פוילישן סיים אין וואַרשע אַ דעפּוטאַט פון גרויס־פוילן. די יידישע פאַרשטייער האָבן זיך באַמיט, אַז דאָס דאָזיקע געזעץ זאָל נישט אָנגענומען ווערן. ווען די יידן פון שטעטל סאַווינאַ זענען אַריינ־געוואָרפן געוואָרן אין תפיסה און געפּייניקט צוליב אַן עלילית דם, האָט דער ועד ארבע ארצות געגעבן געלט די יידן פון כעלם, כדי צו ראַטעווען די געפאַנגענע סאַווינער יידן.

די דאָזיקע שתדלנות-טעטיקייט און די באַמיאונגען זיך אויסצוקויפן מיט געלט פון גזירות און פון סכנות דערקענען מיר צום בעסטן פון אַן אויסגלייך צווישן דעם ועד ארבע ארצות און דעם ועד מדינת ליטא אין יאָר 1633. אין דעם דאָזיקן אויסגלייך זאָגט זיך:

„וועגן דער מתנה פאַרן קעניג, ירום הודו, איז גילטיק דער אַלטער אויסגלייך. מתנות פאַר די דעפּוטאַטן צום פוילישן סיים גיבן די קרוין־יידן אַליין, ווייל די ליטווישע יידן דאַרפן געבן מתנות די דעפּוטאַטן פון ליט־ווישן סיים; די יידן פון ליטע דאַרפן אויך נישט געבן צו שטייער צו דער מתנה פאַרן מאַרשאַל פונעם פוילישן סיים. צו די הוצאות אין שייכות מיטן אומגליק פון וואַרשע גיבן די יידן פון ליטע צו שטייער אַ זיבעטן חלק. אויב עס וועט פאָרקומען אין טריבונאַל אין לובלין אַ יידישער פּראָצעס (עלילת דם) און עס וועט נויטיק זיין געלט, זאָלן די יידן פון קרוין פוילן צוציען אַ דעלעגאַט פון ליטע; אויב עס וועט נויטיק זיין צו מאַכן הוצאות איבער צען גילדן, זאָל מען צוציען צוויי דעלעגאַטן. די יידן פון ליטע דאַרפן צאָלן אַ זיבעטן חלק פון יעדע 10 גילדן, וואָס מען וועט דאַרפן אויסגעבן.

אָבער נישט בלויז ענינים פון די פוילישע יידן ווערן באַהאַנדלט און באַשלאָסן אין לובלין אויף די צוזאַמענפאָרן פונעם ועד, נאָר אַלע יידישע קהילות פון אייראָפּע ווענדן זיך קיין לובלין וועגן אַן עצה אָדער הילף. ווען די יידן ווערן אַרויסגעטריבן פון בעמען, מעגנדיק בלייבן נאָר אין צילץ, מוז דער ועד פון די פוילישע יידן אינטערווענירן אין דעם אויפגעקומענעם סכסוך צווישן דער קהלה פון צילץ און די אַנדערע בעמישע קהילות. צום

ועד אין לובלין ווענדן זיך אויך קריסטלעכע קאָמערציאַנטן פון ברעסלוי מיט קלאַגעס קעגן פוילישע סוחרים, און פון לובלין ווערן אויך אַרויסגע-שיקט זוך-בריף אין דער גאַנצער וועלט וועגן אַנטלאָפענע יידן פון פוילן; אין לובלין ווערט אויך אין יאָר 1670 אויסגערופן דער גרויסער חרם קעגן שבתאי צבי און זיינע חסידים.

פאַר די יידן פון גאַנץ אייראָפּע איז דער ועד ארבע ארצות אין לובלין געווען די פאַרקערפּערונג פון דער אויטאָריטעט און פון דער מאַכט פונעם פוילישן יידנטום. די ועד־סיימען אין יאַראָסלאַוו אין 18טן יאָר־הונדערט גיבן אונז שוין אַ בילד פון ירידה און פון אונטערגאַנג.

זעקסטער קאפיטל

# די יידן אין לובלין בשעת דער גרויסער מלחמה אין די יאָרן ת״ח—ת״ך 1648— 1660

## די צייט פון כמיעלניצקי

אין שבועות פון יאָר ת״ח (1648) האָט דער יידישער קוואַרטאַל אין לובלין באַקומען זייער באַאומרואיקנדיקע ידיעות. קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, און צי זיי זענען אמת. דאָך זענען די דאָזיקע ידיעות איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, און באַלד האָט מען אין דער גאַנצער שטאָט, אין די שולן און אין פּריוואַטע הייזער גערעדט וועגן אַ שרעקלעכן אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן אין דרום־מזרח פון לאַנד.

ביידע טעג שבועות זענען אַריבער שטיל און רואיק, אָבער באַלד נאָכדעם זענען אָנגעקומען די קאַראַוואַנען פון מזרח, און די סוחרים האָבן דערציילט, אַז די קאָזאַקן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די טאַטאַרן, אַז דאָס פּוילישע מיליטער איז צעקלאַפּט געוואָרן און צוויי גענעראַלן זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די דאָזיקע ידיעות האָבן זיך פאַרמערט, און באַלד האָט מען זיך אין שטאָט דערוווּסט, אַז די קאָזאַקן באַפאַלן הויפּטזאַכלעך די שליאַכטע און די יידן,

אַז אומעטום אויף יענער זייט דניעפּר זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן גאַנצע יידישע קהילות, ווי אין פּערעיאסלאוו, באָריסאָווקא, לובין און אַנדערע.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען שוין אָנגעקומען די ערשטע אַנט־לאָפענע קיין לובלין. עס זענען געווען מיינסטנס רייכע יידן פון פּאָדאָ-ליע און וואָלין, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו פאַרבלייבן אין מזרח און זענען דעריבער מיט ווייב און קינדער אַוועק קיין לובלין. די אַנטלאָ-פענע האָבן מיטגעבראַנגט מיט זיך די ידיעה וועגן דער שחיטה אויף די יידישע קהילות אין טשעכרין, נעמיראָוו, טולטשין, פּאָלאָננע, קאָנ-סטאַנטינאָוו, אָסטראָה, א. אז. וו. און האָבן איבערגעגעבן פּרטים וועגן די דאָזיקע שרעקלעכע געשעענישן און אכזריותדיקע מעשים, וועלכע זענען אָפּגעטון געוואָרן מיט יידן: ווי אַזוי מען האָט לעבעדיקערהייט געשונדן ביי יידן די הויט פון לייב און דערנאָך געוואָרפן די טויטע קערפּערס פאַר די הינט, ווי אַזוי מען האָט ביי אַנדערע יידן אָפּגעשניטן איינצלנע גלידער, אַנדערע ווידער לעבעדיקערהייט באַגראָבן א. אז. וו. פון אַנדערע ערטער האָט מען מיטגעטיילט, אַז יידישע קינדער זענען צעשניטן געוואָרן ווי פיש אויף שטיקלעך, שוואַנגערנדיקע פרויען האָט מען אויפגעשניטן די בייכער, אַרויסגעריסן פון זיי די נאָכנישט געבוי־רענע קינדער און אַריינגעניים קעץ. די אויפגערעגטע פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט שוין געזען די קאָזאַקן אין לובלין, און די מוטערס האָבן טאָג-און־נאַכט געוויינט און געקלאָגט און געהאַלטן אין איין קוקן דורכן פענסטער אין טויט-שרעק, אַז אָט קומען אָן די מערדער.

און ווירקלעך איז פאָרגעקומען אַ גרויסער אויפשטאַנד פון די קאָ-זאַקן, וועלכער האָט געדראָט צו פאַרניכטן די גאַנצע פּוילישע מלוכה. דער אָנפירער פון די קאָזאַקן כמיעלניצקי האָט איינגענומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, און באַלד איז ער צוגעטראָטן צו באַלאַגערן די שטאָט לעמבערג. באַקומענדיק דאָ אַ ריזיקע סומע אויסקויף-געלט, איז ער אַוועק ווייטער און האָט אָנגעהויבן אַרומרינגלען זאַמאָשטש. זאַ־מאָשטש איז אין יענער צייט געווען אַ זייער שטאַרקע פעסטונג, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען אַ שטאַרקער גאַרניזאָן.

די שטעטלעך פון ארום: שעברעשין, טאָמאַשאָוו, בילגאָריי, הרוּ־ביעשאָוו, טאַרנאָגראַד, טוראָבין און קראַשניק זענען צעשטערט געוואָרן דורך די טאַטאַרן, און זאַמאָשטש איז אַרומגערינגלט געוואָרן. די בירגער פון דער דאָזיקער שטאָט און די דאָרטיקע יידן האָבן זיך אויסגעקויפט מיט אַ סומע פון 20.000 גילדן, און כמיעלניצקי האָט זיך געלאָזט מיט זיינע קאָזאַקן קיין לובלין. 4 מייל אויף דרום-זייט פון דער שטאָט האָט ער זיך אוועקגעשטעלט מיט זיין מחנה *).

די בירגער פון לובלין האָבן זיך געגרייט צו פאַרטיידיקן די שטאָט. די צעכן האָבן באַזעצט די פּאָר זיי אָנגעוויזענע טורעמס און באַסטיאָנען, די שטאָט־מויערן זענען אויסגעבעסערט געוואָרן, אָנגעשיט שאַנצן, אויסגערייניקט די שטאָט־גראָבנס פון מיסט און די הארמאַטן געבראַכט אין אַ גוטן צושטאַנד. פון דער יידישער קהילה זענען פאַרבליבן נאָר די אָרימסטע פון די אָרימע. צו זיי זענען צוגעקומען די אַנטלאָפענע מיט זייערע פאַמיליעס. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס אין דעם שמוץ און עלנט, וועלכער האָט דאָ געהערשט, איז אויסגעבראָכן אַ מגפה, פון וועלכער עס זענען געפאַלן צענדליקער טויזנטער קרבנות. די מגפה האָט זיך אויך פאַרשפּרייט צווישן די, וועלכע זענען אַנטלאָפן אויף יענער זייט ווייסל און אויך דאָרט צוגענומען אַ סך קרבנות. די יידן האָבן אונטערגעוואָרפן זייערע מתים אויף די בית-עלמינס ביינאַכט, כדי די אָרטיקע באַפעלקערונג זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן, אַ סך קראַנקע זענען איבערגעפירט געוואָרן אין קריסטלעכע הייזער, די מערסטע זענען אָבער געבליבן ליגן אויף די פעלדער און גאַסן און געשטאָרבן פון הונגער און קעלט. „איין ברודער האָט זיך נישט דערבאַרעמט איבערן צווייטן, דער פאָטער נישט אויף זיין זון. צען טויזנט מענטשן זענען געשטאָרבן אונטערוועגנס, גאָט זאָל זיך איבער זיי מרחם זיין״.

אויף דעם בית-עולם אין קוראָוו האָט מען נאָך הונדערטער יאָרן געקאָנט לייענען די אויפשריפטן אויף די מצבות פון די דאָזיקע אַנטלאָפענע.

---

*) יון מצולה פון ר' נתן נטע האַנאָווער, ווענעציע תי״ג.

דאָס מאָל האָט לובלין געהאַט גליק. כמיעלניצקי איז שוין געווען גרייט אָנצוהייבן די באַלאַגערונג, זיינע באַנדעס זענען שוין געשטאַנען אין די פאָרשטעטל און האָבן מיט פייער און שווערד געצייכנט זייער וועג פאַראויס, ווען אין קאָזאַקישן הויפּט־קוואַרטיר איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער פּוילישער קעניג. די קרוין האָט באַקומען דער ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם קעניג, יאַן קאַזשימיעזש, און באַלד האָט ער אַוועקגעשיקט צו כמיעלניצקין בריוו, אין וועלכע ער האָט אים אויפגעפאָדערט, זיך אומצוקערן אַהיים, פאַרזיכערנדיק אים גלייכצייטיק, אַז ער וויל אָנהויבן מיט אים אונטערהאַנדלונגען. כמיעלניצקי האָט געגעבן זיין מיליטער אַ באַפעל זיך אומצוקערן אַהיים, און די שטאָט לובלין האָט אָפּגעאָטעמט. אַ קריסטלעכע לעגענדע דערציילט, אַז אַ צלם, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער דאָמיניקאַנער־קירכע אין לובלין, האָט געווירקט, אַז דער שונא זאָל אין דער לעצטער מינוט אַוועק פון דער שטאָט. מענטשן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען אויפן הימל איבער דעם דאָמיניקאַנער קלויסטער אַ ווונדערבאַרע דערשיינונג: אין מיטן דער נאַכט איז דער הימל פּלוצלינג געוואָרן ליכטיק, און עס האָט זיך אויך אים באַוויזן אַ פייערדיקע שווערד, וואָס איר שפּיץ האָט אָנגעוויזן אמאָל אויף לובלין, און אמאָל אויף זאַמאָשטש. פון שווערד איז דערנאָך געוואָרן אַ בייטש, און דאַן איז אַלץ איינגעהילט געוואָרן אין אַ פייער־מאַנטל, וועלכער איז פאַרשוווּנדן אין די וואָלקנס...

די ייִדן פון לובלין האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די מאָנאַשקעס און מאָנאַכן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אין דער לעצטער מינוט. די שטאָט־אינסטיטוציעס און דער קרוין־טריבונאַל האָבן צוריק אָנגעהויבן זייער אמט־טעטיקייט, און אין יאָר 1651 קומט שוין פאָר אין לובלין אַ זיצונג פון דעם ועד ד׳ ארצות, אויף וועלכן עס זענען באַטראַכט געוואָרן די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי צו העלפן די פיל טויזנטער נשרפים פון אוקראַינע און פּאָדאָליע. די איינצלנע קהלות זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן אויפצונעמען אַן אַנטשפּרעכנדיקע צאָל אַנטלאָפענע און זיי צו געבן שטיצע. די פאַרזאַמלטע רבנים האָבן באַשלאָסן צו באַשטימען אַ תענית אויפן 20סטן סיון, דעם

טאָג פון דער שחיטה אין נעמיראָוו און צו דערלויבן די פרויען, וואָס זייערע מענער זענען אומגעקומען בשעת דער מלחמה (עגונות), ווידער חתונה צו האָבן. עס האָט אויסגעזען, אז באַטש די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט, איז דער מערב־טייל פון דער פוילישער מלוכה שוין גע־זיכערט פון די מלחמה־צרות און ד״ס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי איינצואָרדענען.

## די קאָזאַקן אין לובלין (שנת תט״ז)

אָן אנדער גורל איז אָבער געווען באַשטימט פאַר דער פוילישער מלוכה און אויך פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַרשידענע סימנים און וווּנ־דער האָבן אָנגעוויזן דערויף, אז דעם לאַנד שטייט פאַר א נײַ אומגליק. אין יולי 1654 איז פאָרגעקומען א זון־פינסטערניש, און די אויפגערעג־טע פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט אין דעם געזען א שלעכטן סימן. ר׳ יעקב בן יחזקאל הלוי פון פלאָטאָוו (פויזן) דערציילט אין דער הקדמה צו זיין ספר „שם יעקב״, אז ער און אנדערע האָבן געהערט, ווי מתים האָבן גע־וויינט און געיאָמערט, און ווי טויטע יידישע קינדער זענען געזעסן אונ־טערן ארון־קודש אין שול און האָבן זיך געבראָכן די הענט איבערן קאָפּ. א טייל האָבן אפילו פאַרזיכערט, אז זיי האָבן געזען דעם פּרט פון די אומגליקלעכע יאָרן אויף דעם שטערן פון מענטשן.

אין הארבסט 1654 איז אין גרויס־פוילן אויסגעבראָכן א מגפה, און די מענטשן זענען אנטלאָפן פון די שטעט און דערפער אין די וועל־דער אריין, כדי זיך צו ראַטעווען פון א זיכערן טויט.

באַלד האָבן זיך באַוויזן די שונאים אין לאַנד, פון דרום־מזרח ווידער כמיעלניצקי מיט די קאָזאַקן און טאַטאַרן, פון מזרח — די רוסן, און פון צפון — דער שוועדישער קעניג קאַרל־גוסטאַוו. צו אים איז צוגעשטאַנען דער גאַנצער אדל פון גרויס־פוילן און ליטע און אים אנער־קענט אלס קעניג פון פוילן; יאַן קאַזשימיעזש איז אַנטלאָפן קיין שלע־זיע, קאַרל־גוסטאַוו האָט געקאָנט אדורכגיין אָן א שווערד־קאַמף איבער





אַ לעפל פון דער חברה קדישא אין לובלין, וואָס ווערט באַנוצט ביי דער טהרה (פאָטאָגראַפירט פון ביידע זייטן), געשענקט פון דעם פרנס הקהילה ר׳ חיים, אין דעם יאָהר 1707. אויף דעם לעפל אַ פּאַסיקע אויפשריפט: וזרקתי עליכם מים טהורים וכוי׳.

פויזן קיין ווארשע, און פון דאנען איבער סאנדאָמיר קיין קראָקע. אור־מעטום זענען די יידן געפאלן אלס קרבן פון די שוועדישע קאמפן, און ווען די יידישע לעגיאָניסטן האָבן נאָך דערצו ביי סאנדאָמיר געפרוווט שטעלן א ווידערשטאנד און אָפגעשטעלט דעם שונא אויף א קורצער צייט, האָט דער צאָרן פון די שוועדן שוין נישט געהאט קיין מאָס.

כמעט אלע קהילות ביי דער ווייסל און צוזאמען מיט זיי די קראָ־קעווער זענען געפאלן אלס קרבן פון דעם צאָרן פון די שוועדן. דאסמאָל איז די שטאָט לובלין, ווי פיל אנדערע שטעט צו מזרח פון דער ווייסל, געבליבן פארשוינט פון די שוועדן, זי איז אָבער אריינגעפאלן אין די הענט פון די קאָזאקן און די רוסן, וועלכע האָבן אָנגעטון פיל צרות דער דאָרטיקער באפעלקערונג.

אן אנאָנימע קוועלע פון יענער צייט, וועלכע שטאמט פון דער פע־דער פון א פראָטעסטאנטישן לובלינער בירגער, דערציילט אין קורצע, אָבער שארפע ווערטער די ליידן פון דער שטאָט און באזונדערס פון די לובלינער יידן. דער טיטל פון דעם דאָזיקן קליינעם, אָבער זעלטענעם ביכל איז פאָלגנדער:

באריכט אָדער אויספירלעכע באשרייבונג פון דער יאָמערלעכער און טרויעריקער צעשטערונג און פארברענונג, וועלכע זענען בשעת דער דעראָבערונג פון דער שיינער שטאָט לובלין דורך די מאָסקאָוויטער און קאָזאקן אויף א בארבארישן אופן אויסגעפירט געוואָרן אין יאָר 1656 *).

מיר נעמען פון דאָרט ארויס פאָלגנדע שטעלן:

ווען דעם 11טן אָקטאָבער (1656) זענען ביי אונז אָנגעקומען די שרעקלעכע בשורות, האָט נאָך קיינער נישט געהאלטן פאר נויטיק פון דא־נען אוועקצוגיין. דערצו נאָך איז געווען פארבאָטן פון שלאָס און פון ראט־הויז אוועקצופירן פון דאנען אפילו דאָס מינדסטע. דעם 12טן אָקטאָבער

---

*) Relation, oder ausfuehrliche Beschreibung von der jaemmerlichen und erbaermlichen Verstoerung und Einaescherung, so bei Erroberung der schoenen Stadt Lublin von den Moskowitern und Cosacken barbarischer Weise veruebt worden. Anno MDCVI.

זענען אָנגעקומען 2 סוחרים פון זאמאָשטש, וועלכע האָבן געבראכט די איבערראשנדיקע ידיעה, אז די קאָזאקן באווייזן זיך 2-3 מייל פון זאַ-מאָשטש צו 300-400 מאן, און אז זיי האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט א סך געפאנגענע און בהמות.

דעם 13טן, אזייגער 9, איז אָנגעקומען די ידיעה פון זאמאָשטש, אז די שטאָט איז געשלאָסן, אז הינטער איר האָט מען געזען גרויסע פייערן. אין די בריוו אָבער איז וועגן דעם גאָרנישט געווען געשריבן, און דאָס האָט אונז שטאַרק איבערראשט. עס זענען דאן ארויסגעשיקט געוואָרן דריי באַ-זונדערע פּאָסט-רייטער. אויך דעם 14טן זענען ארויסגעשיקט געוואָרן פארשידענע רייטער-גרופּעס צו 9-12 פערד, פון וועלכע עטלעכע זענען צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אז די איבעריקע זענען א טייל דערהרגעט געוואָרן דורך דעם שונא, און א טייל געפאנגען דורך די קאָזאקן.

דעם 15טן באלד אינדערפרי האָט מען געזען א גרויסע מיליטער-מחנה אין פעלד, וועלכע מען האָט געשאצט אויף 1000 מאן. באלד האָבן זיך די קאָזאקן באוויזן אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט און אין יידישן פערטל, ווו זיי האָבן זיך געלאָזט רויבן דאָס יידישע פארמעגן. די בירגער האָבן באלד באזעצט די מויערן און טויערן פון דער שטאָט, נאָר אזוי ווי די דאָזיקע מויערן זענען געווען צו־שוואך, כדי צו קאָנען אויסהאלטן דעם שטורעם פון שונא, איז באלד ארויסגעהאָנגען געוואָרן א ווייסע פאָן. דאן זענען ארויסגעשיקט געוואָרן שליחים: די פּריצים פראנץ באַרטשינסקי, פּאָניאַטאָווסקי, איין יעזואיט און צוויי בירגער, צו בעטן רחמים ביים שונא.

דעם יעזואיט האָבן די קאָזאקן באלד אויסגעטון ביז צום העמד... קעגן אָוונט זענען אונזערע שליחים צוריקגעקומען און געזאָגט: דער שונא וויל בלויז די אוצרות פון אלע גליחים און פונעם אדל, און אז מען זאָל שווערן טרייהייט דעם גרויספירשט. דערוויל זענען פון ביידע צדדים גע-נומען געוואָרן ערובניקעס ביז אויפן אנדערן טאָג, און דאן איז מען גע־וויר געוואָרן, אז צוויי אַרמייען שטייען הינטער דער שטאָט, איין מאָס-קאָוויטישע און איין קאָזאַקישע, וועלכע באַשטייען פון 6, און ווי אנדערע האָבן געזאָגט, פון 12 ביז 15 טויזנט מאן...

דעם 16טן זענען די אדל־לייט און אויך פארשידענע גלחים און עט־לעכע בירגער ארויסגעגאנגען אָפּגעבן די שבועה. דער רוסישער פעלדמאַר־שאַל האָט אָבער פארלאנגט, אז די שבועה זאָל אָפּגעגעבן ווערן נישט בלויז אין זיין לאַגער, נאָר אויך אויף דער בריק פאר דעם שטאָט־טויער, וועלכן מען האָט פריער געמוזט עפענען, דאן האָט ער געפאָדערט, אז מען זאָל אים דורכאויס ארויסגעבן אלע יידישע, אדעליקע און גייסטלעכע גיטער, ווי אויך דעם הייליקן קרייץ, וועלכער איז געווען אַ רעליקוויע ביי די דאָמיני־קאַנער. דער קאָמאַנדירנדיקער גענעראַל פון דער רוסישער ארמיי, פּעטער איוואַנאָוויטש, איז דאן אוועק צום טויער, ווו ער האָט געפונען אַ טייל פון די אוצרות, וועלכע ער האָט באלד געהייסן ארויספירן. דעם זעלבן טאָג זענען אויך ארויסגעפירט געוואָרן עטלעכע וואָגנס פול געפּאַקט מיט יידי־שע טייערע סחורות. פון דער שטאָט האָט ער דערנאָך פארלאנגט: 1) 30.000 גילדן; 2) עטלעכע וואָגנס פול מיט סאַמעט, אטלאַס און זיידנצייג; 3) אלערליי ענגלישע און האָלענדישע שטאָפן — 1000 שטיק; 4) עטלעכע וואָגנס מיט געווירצן; 5) דאָס גאַנצע געווער פון דער שטאָט; 6) אלע יידן, וועלכע זיי האָבן געוואָלט אויסשעכטן.

און עס איז געווען אַ גרויסער ספּעקטאַקל, בשעת מען האָט די יידן ווי די שאָף, יונג און אלט, ארויסגעטריבן פון די הייזער, אין וועלכע זיי האָבן זיך באהאלטן ביי אונז (קריסטן), און זיי געטריבן ווי צו דער שלאַכט־באַנק מיט אַ שרעקלעכן געשריי און געיאָמער. מען האָט אָבער שפּעטער אויסגעבעטן פאר זיי דאָס לעבן.

נאָך דער אָפּגעגעבענער שבועה האָט ער אונז געגעבן... 60 מאָסקאָווי־טישע מושקעטירן אלס גאַרניזאָן... דערנאָך האָט ער זיי אָבער צוריק אוועקגענומען און איז דאן אוועק אין זיין לאַגער, איבערלאָזנדיק אַ קור־לענדישן פּאָלקאָווניק.

## די שרעקלעכע שרפה (ערב סוכות תט״ז)

די קאָזאַקן האָבן זיך אָבער כסדר געריסן אויף די מויערן און טויערן, און עס איז געווען פארבאָטן אויף זיי צו שיסן. אָדער זיי אָפּצוהאַל־

טן דורך ווארפן אויף זיי שטיינער; עס איז אָבער געווען אוממעגלעך צו שאפן אזוי פיל געלט, און עס איז נישט געווען קיין אַנדער מיטל, וואָס זאָל אונז קאָנען פארהיטן פון דער סכנה. דעם 16טן, ווען עס איז געוואָרן פינסטער, האָבן זיי געעפנט א שרעקלעך פייער אויף דער יידישער שול, אין וועלכער עס זענען געווען אומצייליקע יידן. אויפן אַנדערן טאָג, דעם 17טן, האָבן זיי ווידער אונטערגעצונדן דעם שלאָס, און אזוי ווי דער שלאָס איז געלעגן נאָענט פון דער שטאָט, און ביז צו דער שטאָט האָבן זיך געצויגן הילצערנע הייזער, וועלכע האָבן כסדר געברענט, האָט זיך די שטאָט לייכט געקאָנט אָנצינדן, ווען מען וואָלט נישט געווען אונטערגע-קויפט דעם מאָסקאָוויטישן גאַרניזאָן, וועלכע האָבן ראבירט און צעשטערט יידישע הייזער. מען האָט נישט געקאָנט אָן א געפיל פון רחמנות אַראָפּ־קוקן אויף דער יידן־שטאָט, די שרעקלעכע אכזריות, מיט וועלכער די קאָ־זאַקן האָבן דאָרט געווילדעוועט, און די יאָמערלעכע געשרייען און דאָס כסדרדיקע פייער, וואָס האָט געדויערט איבער 6 טעג, נישט קוקנדיק דערויף וואָס מען האָט זיך שוין אונטערגעגעבן. וועמען זיי האָבן נאָר בא-געגנט א לעבעדיקן אין דער פאָרשטאָט, האָבן זיי אים באלד אויפן אָרט דערהרגעט, אָדער אויפן בעסטן פאַל — אַראָפּגעצויגן פון אים די קליידער און פארקויפט פאר א שיבוש, פאר א פּאָר שטיוול, פאר אביסל טאבאק א. ד. גל.

נאָך אַן אויספירלעכן באריכט וועגן דעם אויסמאָרדן פון די בריגי־טא-מנישקעס, און בערנארדינער-מנישקעס, דערציילט דער דערמאָנטער כראָניקער ווייטער:

„...דעם 18טן אָקטאָבער איז אין דער שטאָט אנטשטאנען א מאנגל אין עסנווארג און אין וואסער, אזוי אז עס איז אוממעגלעך געווען צו פארבלייבן אין שטאָט און אויסצוהאַלטן דעם שונא הינטער דער שטאָט, כאָטש די קאָזאקן פלעגן אונז פארקויפן פארשידענע זאכן איבער דער מויער אריבער פאר א שפּאָט-ביליקן פּרייז, צ. ב., אַן אָקס פאר 5 גילדן, א פערטל פּוטער פאר 50 גראָשן. יעדעס מאָל, ווען אונזערע שליחים פלעגן ארויסגיין אין זייער לאַגער, פלעגן זיי זיך אומקערן מיט פעלצן אָנשטאָט זייערע געוויינלעכע קליידער.

דעם 20סטן האָט מען זיי אַרויסגעבראַכט די קאָנטענטאַציע...

דער קאָמענדאַנט איז אָפּגעטרעטן און דערביי אונטערגעצונדן די קראַקעווער פאָרשטאָט... דעם 22סטן אין אָוונט איז דער קאָמענדאַנט צו־ריקגעקומען און פאַרלאַנגט דאָס האָלץ פון הייליקן קרייץ... און אוועקגע-נומען די גרעסטע העלפט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרואי־קונג ביים גאַנצן עולם. וואָס אָנבאַלאַנגט די קאָנטענטאַציע, האָבען זיי באַ-קומען גרויסע אומשעצבאַרע אוצרות. יידן-סחורות האָבן זיי אַרויסגע-פירט פאַר 58.000 גילדן, טוך פאַר 60.000 גילדן, אַלערליי זילבער און גאָלדוואַרג פאַר 30.000 גילדן, ניט רעכענענדיק די קירכן-אוצרות, ווי אויך ווײַן און געווירצן... אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַקעגן די אוצרות, וועל-כע זיי האָבן אַרויסגעפירט פון די פאָרשטעט. באַזונדערס פון דער יידן-שטאָט: 600 געקליבענע פערד, 50 קאַרעטקעס, 30 רייט-וועגן. ביי דעם יידישן דאָקטאָר דניאל אַליין האָבן זיי צוגענומען בלויז גאָלד און זילבער פאַר 100.000 גילדן. דער שאָדן, וועלכן זיי האָבן אָנגעמאַכט, האָט אָבער באַטראָפן נישט ווייניקער, ווי די סומע פון די אוצרות, וועלכע זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען... ווי גרויזאַם מען זאָל זיך נישט פאָרשטעלן די דאָזיקע געשעענישן, בין איך זיכער, אַז קיינער וועט זיך עס נישט פאָרשטעלן אַזוי גרויזאַם, ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. מען האָט געזען אין דער שטאָט ווייבער און קינדער יאָמערן און שרייען, די הייזער אין די פאָרשטעט איינגעהילט אין פלאַמען, פיל מענטשן געפייניקט אויפן שרעק־לעכסטן אופן... דער טויט איז שוין געווען די קלענסטע פיין"...

אַזוי דערציילט אונז דער דייטשער כראָניקער. אויך יידישע קוועלן דערציילן וועגן די דאָזיקע שרעקלעכע געשעענישן. דער גאון ר' שמואל, דער זון פון דעם קדוש ר' דוד אויערבאַך, וועלכער איז אַליין קוים אָפּגעראַטע־וועט געוואָרן פון טויט, דערציילט אין זיין ספר „חסד שמואל", אַז די קאָזאַקן האָבן דעם גאון ר' אברהם בן יהודה לעבעדיקערהייט אַרויפגע־שטעקט אויף אַ שפּיז און אים אַזוי לאַנג געפּייניקט, ביז ער האָט אויס-געהויכט די נשמה *).

*) חסד שמואל דף ב' ע"ב. „חסדי ד' עולם אשירה! חסד אחד, שהציל הקב"ה אותי מהגזרה שהיתה בשנת תי"ז בערב סוכות בק"ק לובלין, שנפלו בעו"ה כמה וכמה אלפים נפשות על קדוש השם איזה לחרב ואיזה לשבי

א לאָקאַלע געשיכטע דערציילט, אז פיל יידן האָבן זיך אליין גע-
נומען דאָס לעבן, אבי נישט ארײַנצופאַלן אין די הענט פון די טיראַנען.
זייערע נעמען זענען דערנאָך אויסגעקריצט געוואָרן אויף דער מויער פון
בית-עולם און מען האָט זיי דאָרט נאָך א לאַנגע צייט געקאָנט לייענען.
היינט איז פון דעם אַלעם איבערגעבליבן נאָר דער נאָמען „בענדעט". די
יידן-שטאָט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א שרעקלעך בילד פון פאַרוויס-
טונג און פאַרניכטונג: אַלע שולן, בתי־מדרשים, דאָס הויז פון דער געמיינ-
דע און די ישיבה, די מקוה און אַלע וווינהייזער זענען געלעגן אין אש
און שטויב, און אונטער זיי האָט מען געפונען 2700 מתים. אויפן אָרט
פון דער יידן-שטאָט איז געלעגן א באַרג פון חורבות, איבער וועלכע די
חורבות פון דעם פאַרברענטן שלאָס האָבן ארויסגעשטעקט ווי שדים און
רוחות. טויט און פאַרניכטונג האָבן געהערשט דאָרט, וו אמאָל האָט דאָס
לעבן געשלאָגן ווי א קוואַל. די לובלינער יידן-שטאָט איז געווען איין פאַר
אַלע מאָל פאַרניכטעט.

קוים האָט זיך די שטאָט געהאַט אביסל אָפּגערוט פון דער שרעק־
לעכער רוסן-הערשאַפט, איז זי איינגענומען געוואָרן דורך דעם שוועדישן
קעניג קאַרל-גוסטאַוו, וועלכער האָט זיך געהייסן אויסצאָלן א קאָנטרי-
בוציע פון 30.000 גילדן. דאַן איז ער אָפּגעטרעטן, איבערלאָזנדיק אין
דער שטאָט זיין גענעראַל, דעם גראַף וואַלמאַר, מיט א קליינעם גאַרניזאָן.
באַלד דערנאָך האָבן די ליטווישע פּאָלקן אונטער דער אָנפירונג פון סטאַ־
ניסלאַוו פּאָטאָצקי נאָך א קורצער באַלאַגערונג איינגענומען די אומגליק-
לעכע שטאָט און גענומען געפאַנגען דעם שוועדישן גאַרניזאָן.

אזוי האָט זיך געדרייט דאָס ראָד פון דער געשיכטע ביז צום יאָר
1660, לובלין איז איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין דער אַנדערער.
סוחרים און בעלי מלאכות זענען געוואָרן בעטלער, און נאָך דער
שרפה, אין יאָר 1656, איבערהויפּט נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרלירן.

---

לשבי, עמם אנכי בצרה ועשה הקב"ה חסד עמי להוציא אותי מאפלה לאורה"...
אַם ענדע פון דעם ספר באַשרייבט דער מחבר די שרעקלעכע פּיין פון די לובלינער
יידן... כמו שעשה להקדוש ר' אברהם בר"ש יהודה מלובלין, שהיו תוחבים שפוד
בגופו חי, והיה חי כמעט כל היום ויצאה נשמתו בקדושה. (ניסענבוים: לקורות
היהודים בלובלין ע. 7).

א קעניגלעכע אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט אין יאָר 1660 איבערגעגעבן אזא טרויעריק בילד פון דער יידן-שטאָט.

„יידישע הייזער, אחוץ דער שול, יאטקעס א. אז. וו. 56, די צאָל אָפּגעברענטע פּלעצער האָבן די יידן אָנגעגעבן אויף לערך 250, אויפן אָרט פון יידישן שפּיטאָל א לײדיקער פּלאַץ. אין פּאָדזאַמטשע האָבן פריער געוווינט פיל יידן, פאר וועלכע די רייכע יידישע הויז-אייגנטימער האָבן געצאָלט דעם שלאָס 70 גילדן גרונט-צינז. היינט צאָלן זיי נישט קיין גראָשן, ווייל עס וווינט דאָרט נישט קיין מענטש. די רוסן האָבן געהרגעט 2.700 יידן, אויך דער שיינער שלאָס איז דורך זיי פולשטענדיק פארברענט געוואָרן, אלע ארומיקע דערפער זענען פארברענט געוואָרן, די ערד ווערט נישט באארבעט, די אכסניה בודזין אויפן וועג, וועלכע האָט געצאָלט 40 גילדן פארן שלאָס, עקזיסטירט נישט מער, עטלעכע שטיי-נער באצייכענען דאָס אָרט, וווּ עס זענען אמאָל געשטאנען די מויערן".

---

און ווידער האָבן זיך פארזאמלט די רבנים אין לובלין און בא-שטימט א נייעם תענית אויף ערב סוכות (י"ד תשרי ביז מיטאָג). דער דאָזיקער תענית האָט געזאָלט זיין אן אנדענק פאר די קינפטי-קע דורות. פון יענעם ערב סוכות פון יאָר 1656, ווען די גאנצע יידן־שטאָט איז אוועק אין פלאמען. יעדעס יאָר פלעגט זיך אין דעם דאָ-זיקן טרויעריקן געדענק־טאָג פארזאמלען די גאנצע געמיינדע, און דער חזן פלעגט פאָרלייענען, אחוץ אנדערע קינות, אויך די לאנגע קינה, וועלכע איז ספּעציעל אָנגעשריבן געוואָרן פאר דעם דאָזיקן תענית, און די יידן פלעגן זיך צוהערן צו דער שרעקלעכער דערציילונג, ווי אזוי „די מחנות קאָזאקן האָבן אין יענעם ערב סוכות זיך אריינגעריסן אין שטאָט, ווי אזוי זיי האָבן געשאָכטן אָן א צאָל מאַנסלייט, פרויען און קינדער, ווי אזוי זיי האָבן פארפאָלגט די, וואָס זענען אנטלאָפן קיין קוראָוו און זיי דערהרגעט אויף די גאסן, אויף די פעלדער, אין די דערפער און וועלדער, און זייערע קערפּערס געוואָרפן פאר די הינט און רויב-פייגל. די, וואָס זע-נען געבליבן לעבן, האָט מען געהייסן אויסקלייבן צווישן טויט און שמד.

אלע האָבן אויסגעקליבן דעם טויט און האָבן מיט זייער בלוט מקדש השם געווען״...

...„דערבאַרעמדיקער גאָט, דו וועסט נעמען נקמה אויף די אלע מער-דער, דו וועסט נישט לאָזן אומבאַצאָלט דאָס אומשולדיק-פאַרגאָסענע בלוט און וועסט דיין פאָלק געבן א גליקלעכע צוקונפט, אזוי זאָל זיין דיין ווילן! כן יהי רצון!״

און דער גאַנצער עולם האָט הויך אָפּגעענטפערט: „אָמן״

זיבעטער קאפיטל

# נאָך דער גרויסער מלחמה

די שטאָט איז געווען חרוב. אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט איז נאָר איין איינציק הויז געבליבן גאַנץ, די אַנדערע זענען אַלע געלעגן אין חורבות און אַש, און נאָר קליינע כאַטעס האָבן זיך געצויגן פון וויעניאַ־ווא ביז צום קראָקעווער טויער, אין דער אייגנטלעכער שטאָט זענען ס'רוב הייזער געווען שוואַרץ פון רויך, אין דער גראָדסקא גאַס און אויפן מאַרק (רינעק) זענען די הייזער געווען אינגאַנצן אומבאַוווינט. די פּאַלאַצן פון די גרויסע פּריצים, ווי אויך די גרויסע קלויסטערס זענען געווען פאַרלאָזט, די שטאָט־טויערן פאַרניכטעט און שטענדיק אָפן, ווייל די טויערן זענען געווען אויסגעריסן.

די יידן־שטאָט איז געווען געגליכן צו אַ גרויסן בארג חורבות, און נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך אַרויסגעזען אַ מויער. די גרויסע לובלינער יארידים זענען איבערגעטראָגן געוואָרן קיין לענטשנע, דער קרוינטריבו־נאַל איז פאַרלויפיק אינגאַנצן פאַרמאַכט געוואָרן.

אויך די יידישע וועדים זענען מער נישט צונויפגערופן געוואָרן. דאָס פּרעזידיום פון לעצטן וועד פון יאָר 1651 האָט געשיקט בקשות צום קע־ניג און די הויכע מלוכה־לייט וועגן שוץ און הילף. קעניג יאן קאַזשי־מיעזש האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע דעקרעטן, אין וועלכע ער שילדערט

די טרויעריקע לאַגע פון די פּוילישע יידן: „א טייל זענען בארויבט און פארניכטעט געוואָרן דורך אייגן מיליטער, א טייל דורך פרעמד מיליטער, א סך זענען פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט. זיי קאָנען ביזן היינטיקן טאָג נישט געפינען קיין רו, נישט אין די שטעט און נישט אין די מערק, זיי זענען נישט זיכער מיט זייער לעבן, און דעריבער האָבן די אנטלאָפענע מורא זיך אומצוקערן קיין פּוילן. אויך וויים איך — אזוי שרייבט דער קעניג אין זיין באפעל פון 18טן מערץ 1658 — אז א סך זאכן, וועלכע האָבן פריער געהערט צו יידן, זענען צוגענומען און באהאלטן געוואָרן דורך גאַנץ בכבודיקע בירגער, אזוי אז די אייגנטימער קאָנען זיי נישט צו־ריק באקומען״.

ערשט אין יאָהר 1661 ווערט אין לובלין ווידער געעפנט דער קרוין־טריבונאל, און די גרויסע יארידים ווערן צוריק אריבערגעטראָגן פון לענטש־נע. מיט זיי קומט אויך צוריק קיין לובלין דער ועד ד׳ ארצות. עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין 10 יאָר און א נייער שונא האָט ווידער צע־ראבירט די שטאָט. דאָס מאָל זענען דאָס געווען די טאטארן, וועלכע האָבן אין יאָר 1672 אינגאנצן צעראבירט לובלין און אלע פאָרשטעט. אויך די יידן־שטאָט איז פולשטענדיק פארניכטעט געוואָרן.

ווידער זענען די יידן געבליבן אָן א דאך איבערן קאָפּ און האָבן זיך אריבערגעצויגן אין דער אייגנטלעכער שטאָט, ווו זיי האָבן פאר געלט און גוטע ווערטער געפונען דירות אין די בירגער-הייזער און אין די פּא-לאַצן פון די אדל-לייט. א גאנצער יאָרהונדערט איז אריבער ביז די יידן-גאס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן. צוזאמען מיט דעם צוריקקערן פון די יארידים און דער דערעפענונג פון קרוינטריבונאל, האָט צוריק אויפגעבליט דאָס לעבן אין שטאָט. אויך ביי די יידן האָט זיך צוריק אָנגעהויבן א ניי לעבן, אמת, נישט אזוי שיין ווי פריער פאר דער מלחמה, אָבער דאָך גענוג שיין, כדי ארויסצורופן קנאה ביי די קריסטלעכע סוחרים. לובלין האָט אלע מאָל געהאט דאָס רעכט „דע נאָן טאָלעראנדים יודעאיס״ (נישט צו דולדן קיין יידן), און עס איז אויך שטענדיק געווען יידן-ריין, און אויך אויף ווייטער האָט עס געוואָלט בלייבן יידן-ריין. דאָס איז געווען דער לאָזונג פון דער קריסטלעכער בירגערשאפט, און עס זענען דעריבער געמאכט גע-

וואָרן אַלע מעגלעכע אָנשטרענגונגען, כדי צוריק ארויסצושטופּן פון שטאָט די יידן, וועלכע האָבן זיך אהין אריינגעכאַפּט. באַזונדערס אומצופרידן מיט די יידן איז געווען דער „פּשוטער מענטש", דער קליין־קרעמער און בעל־מלאכה, און ער האָט איבעראַל געזוכט פאַרבינדעטע, כדי מיט בשותפות־דיקע כוחות אַרויסצושטופּן דעם „אומגלויביקן קאָנקורענט". באַלד האָט ער געפונען א שטאַרקן שותף אין דער גייסטלעכקייט.

די אַלטע פּוילישע טאָלעראַנץ פון דער צייט פון די פּיאַסטן און יאַגעלאָנער, פון דעם פּעריאָד, ווען די פּוילישע מלוכה איז געווען שטאַרק, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. די גרויסע מלחמה האָט געבראַכן די קראַפט און אויסגעשעפּט דאָס רייכטום פון פּוילן אויף הונדערטער יאָרן, אריינגעברענגענדיק א צעריסנקייט אין לאַנד. די גרויסע פּריצים האָבן זיך ארומגעריסן איינער מיטן צווייטן, און אין די שטעט האָבן די רייכע לייט אריינגעכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט און האָבן אונטערדריקט דעם געמיינעם מאַן. די מאַכט פון קעניג איז געווען נאָר א פּוסט וואָרט, און די גייסטלעכקייט, באַזונדערס די יעזואיטן, האָבן באַהערשט די הערצער און די געדאַנקען פון די רעגירנדיקע קלאַסן. עס איז דעריבער קיין ווּנדער ניט, וואָס די אַנדערש־גלויביקע זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס סיבה פון אַלע אומגליקן, און מען האָט אויף זיי געהעצט דעם המון. אין פּוילן, ווו אין 16טן יאָרהונדערט זענען אַלע נישט־קאַטוילישע רעליגיעס געווען פּול־שטענדיק גלייכבאַרעכטיקט מיט דער קאַטוילישער, האָט מען איצט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די פּראָטעסטאַנטן, און די אריאַנער זענען אינגאַנצן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד.

אין יאָר 1664 איז דער המון אין לעמבערג און אין קראָקע אָנגעפאַלן אויף די יידן און געמאַכט א גרויזאַמע שחיטה. פיל יידן זענען דערביי דערהרגעט געוואָרן, א סך פאַרוווּנדעט און באַרויבט.

אין גאַנץ פּוילן זענען די יידן געשטאַנען אונטער דער אָנקלאַגע פון עלילת־דם און גנבה פון דער האָסטיע (1669). די יידן האָבן מיט דער גרעסטער שרעק אָפּגעוואַרט דעם פּסק־דין פון דעם קרוינטריבונאַל. דעם 18טן אויגוסט 1677 האָט דער טריבונאַל אין לובלין אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין איבער אַלע יידן אין פּוילן, און אין דעם זעלבן טאָג

איז דער פּסק־דין פאַרגעלעזן געוואָרן דורך דעם געריכטס-באאמטן טאָ-מאַש באַקלעקאָווסקי פאר דעם טויער פון ראטהויז אין לובלין פאר אַ גרויסן המון מענטשן. דער פסק־דין האָט געהאט בלויז א טעאָרעטישע באדייטונג פאר דער גאנצער מלוכה, אָבער אויף דעם אָרט, ווו ער איז איבערגעלייענט געוואָרן, האָט ער געמאכט דעם גרעסטן איינדרוק. די לובלינער יידן זענען אויך אָן דעם געווען אין אַ זייער שווערער לאגע, זיי האָבן געמוזט ברענגען גרויסע קרבנות אין געלט און אין פארמעגן, כדי צו קאָנען דערוויל בלייבן אין שטאָט און זיך באשעפטיקן מיט האנדל. אצינד אָבער איז זייער לאגע נאָך מער פארערגערט געוואָרן. און זיי האָבן געמוזט טיף אריינשטעקן די האנט אין געלט־בייטל אריין, כדי צו קאָנען שליסן מיט דעם שטאָט-ראט נייע האנדלס-קאָנטראקטן. דער דאָזיקער קאָנטראקט איז געשלאָסן געוואָרן דעם 15טן יאנואר 1677 און נישט קוקנדיק אויף די באמיאונגען פון „דעם געמיינעם מאן אין לובלין״, איז דער קאָנטראקט באשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג סאָביעסקי דעם 3טן אפּריל פון דעם זעלבן יאָר. דער „געמיינער מאן פון לובלין״ האָט אָבער נישט אזוי גיך געוואָלט נאָכגעבן. און ער האָט געשיקט איין ביטע נאָך דער צווייטער צום קעניג, זיך באקלאָגט אויף די „געמיינהייט און אונטערקויפבארקייט פון די ראטמענער און לאווניקעס פון לובלין״ און די שעדלעכקייט פון דעם יידישן האנדל. דעם 11טן פעברואר 1679 האָט דער קעניג יאַן דער 3-טער בשעת דעם סיים אין גראָדנע ארויסגעגעבן אַ שוץ-בריוו פאר דער קריסטלעכער קויפמאנשאפט אין לובלין, אין וועלכן ער האָט פעסטגעשטעלט, אז די יידישע סוחרים טרייבן אַן אומדערלויבטן האנדל אין לובלין און שעדיקן דורכדעם דעם וווילשטאנד פון דער קריסטלעכער קויפמאנשאפט. דער קעניג פארווערט דעם האנדל פון דער קריסטלעכער קויפמאנשאפט. דער קעניג פארווערט דעם האנדל און וואנדל אום זונטיק און חגאות און פארבאָט די יידן איבערהויפּט זיך צו ווייזן אין שטאָט אין די דאָזיקע טעג. די יידן איז אויך פארבאָטן געוואָרן צו האלטן קריסטלעכע דינסטן. די יידישע מעקלערס (באַרישניצי) טאָרן זיך נישט ווייזן אין שטאָט, זיי טאָרן דאָרט נישט עפענען קיין געוועלבער אָדער קעלערס און נישט פארקויפן קיין שום סחורות, נישט קיין אייגענע

און נישט קיין פרעמדע. אין אַלגעמיין מעגן די יידן פאַרקויפן סחורות נאָר צו זייערע אייגענע „גלויבנס-ברידער".

דער דאָזיקער דעקרעט האָט צו-נישט געמאַכט אַלע האַנדלס־קאָנ-טראַקטן פון די יידן מיט די ראַטמענער און לאַווניקעס. כדי דורכצופירן ענערגיש אַלע פּונקטן פון דעם דעקרעט, האָבן די קריסטלעכע סוחרים געגרינדעט אַ „נייע קויפמענישע קאָנגרעגאַציע", און דער סטאַטוט פון דער דאָזיקער קאָנגרעגאַציע איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קעניג אין יאָר 1685. די איינצלנע פאַראַגראַפן פון דעם דאָזיקן סטאַטוט זענען נוגע דער געשעפטס-פירונג, דער באַפרייאונג פון געזעלן א. אז. וו. די וויכטיק-סטע זענען אָבער די פאַראַגראַפן 23 - 27, וועלכע באַציען זיך אויפן יידישן האַנדל.

פאַראַגראַף 23. די „פּערפידיאַ געגס יודאַאיקאַ" באַנוצט זיך שטענדיק מיט פאַרשידענע פּראָטעקציעס און פאַרקויפט אין אונזער שטאָט „אינטראַ מוראָס" (אין די מויערן) אַלערליי סחורות, באַזונדערס בשעת די זיצונגען פון דעם קרוין־טריבונאַל. דורכדעם רואינירן זיי אונ-זערע לובלינער סוחרים. זיי האָבן אויך די דרייסקייט צו טרייבן האַנדל־ אין זונטיק און אין חגאות, וואָס איז שוין נישט איינמאָל פאַרבאָטן גע-וואָרן. כדי דאָס צו באַזייטיקן — זאָגט דער קעניג אין דעם דאָזיקן דע־ קרעט — גיבן מיר דער לובלינער קויפמאַנשאַפט די פאָלגנדיקע פּריווילע-גיעס אין פאַרבינדונג מיט די דעקרעטן, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן גע-וואָרן דורך דעם סיים אין גראָדנע דעם 11טן פעברואַר 1679.

פאַראַגראַף 24. אַ ייד טאָר נישט דינגען אָדער עפענען קיין געוועלב נישט אויפן מאַרק-פּלאַץ און נישט אין די גאַסן פון דער שטאָט לובלין, אויף דער פּלאַכער ערד אָדער אויף העכערע שטאָקן — הגם די יידן האָבן דאָך זייער אייגענע שטאָט אין פּאָדזאַמטשע, — און זיי טאָרן נישט פאַרקויפן דאָרט קיין סחורות אויף מאָס, וואָג אָדער קוואָרט, סוב פּענאַ קאָנפיסקאַציאָנים (ד. ה. אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקירן די סחורות). די קאָנפיסקירטע סחורות ווערן אין גלייכע טיילן אוועקגעגעבן דעם מאַגיסטראַט, מיטן צוועק אויסצובעסערן די שטאָטישע באַפעסטי־ קונגען, און דער קויפמענישער קאָנגרעגאַציע. די בירגער פון לובלין

ווערט פאַרבאָטן אונטער שווערע שטראָפן צו פאַרקויפן אָדער צו פאַר־דינגען זייערע הייזער אָדער געוועלבער צו יידן.

פאַראַגראַף 25. קיין ייד טאָר נישט פאַרקויפן קיין שום סחורה אין א קויש אָדער אויף אַן אנדער אָרט אויף דער גאַס, אין הייזער אָדער שטאָט־טויערן, אָדער אָפּוואַרטן מיט זיי די פּריצים אָדער בירגער פאַר די שטאָט־טויערן. פאַר עובר זיין אויף די דאָזיקע פאַרבאָטן וועט מען ביי די יידן קאָנפיסקירן זייערע סחורות. גלייכצייטיק ווערט דער מאַ־גיסטראַט פון לובלין אויפגעפאָדערט צו באַנייען זיינע באַשלוסן וועגן ארויסשיקן די יידן פון דער שטאָט.

פאַראַגראַף 26. די באַרישניקעס (מעקלערס), וועלכע דרייען זיך ארום אין דער שטאָט, קוקן אריין אין אלע געשעפטן, שלעפּן אריין אין די יידישע געוועלבער פרעמדע לייט, באַזונדערס פּריצים, טאָרן זיך איבער־הויפּט נישט באַווייזן אין שטאָט בקנס פון ארעסט אָדער געלט־שטראָף (א פערטל יאָר און 30 מאַרק).

פאַראַגראַף 27. די יידן טאָרן נישט פאַרברייטערן זייער האַנדל (א חוץ אין דער מאָס, וואָס איז פעסטגעזעצט אין די קאָנטראַקטן מיט דער שטאָט) און טאָרן נישט אויסקויפן פאַר די קריסטלעכע סוחרים קיין סחורה. ביי יעדער קניה האָט דער קריסטלעכער סוחר דאָס פאָר־רעכט, ער קאָן רואיק אנידערלייגן דאָס געלט, און די סחורה איז זיין״.

* * *

די יידן האָבן אָבער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך אונטער־געבן, און אזוי ארום איז אנטשטאַנען א לאַנגער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך געצויגן איבער הונדערט יאָר און זיך נישט געענדיקט אפילו נאָכן פאַלן פון דער פּוילישער מלוכה. אין ערשטן פּעריאָד פון דעם דאָזיקן פּראָצעס זענען די לובלינער יידן דורך דעם קעניגלעכן אסעסאָרן־געריכט (1693) אונטער די אויגן פאַראורטיילט געוואָרן זיך אָפּצוזאָגן פון האַנדל, אָבער שוין אין דריי יאָר ארום (1696) דערקלערט קעניג סאָביעסקי די פּריווילעגיעס פון דער קאָנגרעגאַציע פאַר אומגילטיק און פאַרווערט צו שטערן די יידן אין האַנדל און דערלויבט זיי פריי צו האַנדלען ווי פריער.

דער דאָזיקער דעקרעט ווערט אין צוויי יאָר ארום (1698) דורך דעם קעניג אויגוסט דעם 2טן באַשטעטיקט און אַריינגעטראָגן אין דער זאַמלונג פון פּריווילעגיעס פון דער לובלינער יידישער קהילה (31סטן אויגוסט 1898). די דאָזיקע זאַמלונג אנטהאַלט די דעקרעטן פון אַלע פּוילישע מלכים, אָנהויבנדיק פון מלך זיגמונט אויגוסט בנוגע צו הייזער־באַזיץ, האנדל, מלאכה, שטייערן און געריכט, און איז כולל אין זיך די רעכט פון דער לובלינער קהילה אין 17טן יאָרהונדערט.

ו

א כ ט ע ר  ק אַ פּ י ט ל

# דער קאַמף וועגן יידישן האַנדל אין לובלין אין 18טן יאָרהונדערט

דער סוף פון 17טן יאָרהונדערט איז געווען פאַר פּוילן נישט ווייניקער טרויעריק, ווי די מיט פון דעם זעלבן יאָרהונדערט. די צפונדיקע מלחמה האָט געבראַכט אַ ניי אומגליק אויפן לאַנד. ווידער האָט זיך איבער אַלע פּראָווינצן פון לאַנד אויפגעהויבן די שווערד פון קעניג קאַרל פון שוועדן.

אויסער דעם דאָזיקן אומגליק, וועלכעס האָט געטראָפן דאָס גאַנצע לאַנד, האָט די שטאָט לובלין געליטן פון אייגענע קאַטאַסטראָפעס. אַזוי האָט דאָ אין יאָר 1695 געבושעוועט די מגפה, וועלכע האָט צוגענומען טויזנטער קרבנות. אין יאָר 1702 איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין שטאָט, פון וועלכער עס זענען פאַרברענט געוואָרן דאָס רוב הייזער, אפילו גאַנצע גאַסן און פאַרשטעט. בשעת קאַרל דער 12טער איז אין יאָר 1704 געגאַנגען אויף לובלין, האָט ער געקאָנט איינגעמען די שטאָט אָן אַ קאַמף, ווייל די טויערן זענען געשטאַנען אָפן, און די באַשטעס און די טורעמס זענען נישט געווען פאַרטיידיקט. די שוועדישע סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער אַלע גאַסן און האָבן צעראַבירט די געשעפטן און

וווינונגען. קארל דער 12טער האָט געוווינט אין הויז פון סאָביעסקי אויפן מארק. באלד אָבער האָט ער צוריק פארלאָזט די שטאָט און זי איבערגע-לאָזט פארן רוסישן מיליטער (1706). אין דעם זעלבן הויז האָט פעטער דער גרויסער באלד איינגעאָרדנט זיין הויפט-קוואַרטיר (1707).

פעטער דער גרויסער האָט נאָך געוווינט אין לובלין, ווען די ראַט-מענער, שעפן און צעך־מייסטערס האָבן זיך פארזאמלט אין ראטהויז און אָנגענומען אַ באשלוס פון „אַלע שטאַנדן און נאציעס" קעגן דעם יידישן האנדל. באלד איז אַוועק אַ דעפוטאציע פון די קריסטלעכע סוחרים קיין ווארשע, און נאָך פיר יאָר באמיאונגען, אויסנוצנדיק אַלע פּראָטעקציעס, האָט זי אויסגעפּועלט אַ קעניגלעכן דעקרעט דעם 26טן נאָוועמבער 1720 קעגן די יידן פון לובלין.

אין דער איינלייטונג צו דעם דאָזיקן דעקרעט באמערקט דער קע-ניג, אַז מיט יאָרן צוריק האָבן אין לובלין איבערהויפּט געוווינט גאָר ווײ-ניק יידן, וועלכע האָבן געצאָלט דעם מאגיסטראט 300 גילדן אַ יאָר פאַרן רעכט צו האַנדלען. איצט אָבער זענען אריינגעדרונגען זייער פיל יידן אין שטאָט, זיי האָבן באזעצט אַלע פּאַלאצן און הייזער פון דעם הויכן אדל און פון די בירגער, טרייבן האנדל מיט אַלע מעגלעכע סחורות און קוקן נישט אפילו אויף די קריסטלעכע חגאות, זיי פּאַכטן אומגעזעצלעך די שטאָ-טישע שטייערן, זיי לאָזן נישט אריין קיין פרעמדע סוחרים מיט זייערע סחורות אין שטאָט אריין, קויפן אויף די סחורות פאַר דער שטאָט, האנ־דלען קעגן פארבאָט מיט שנאַפּס און ביר, האַלטן קריסטלעכע געזעלן און דינסטן, צאָלן נישט קיין שטאָטישע פּאָדאטקעס און ברענגען די קרים-טלעכע סוחרים צום פולשטענדיקן רואין.

דעריבער באפעלט דער קעניג:

1) אַז די האנדלס־קאָנטראַקטן מיט די יידן זאָלן מער נישט באַנייט ווערן;

2) אַז די יידן זאָלן באלד פארלאָזן זייערע וווינונגען אין שטאָט, ד. ה., אַז אַלע קאָנטראַקטן וועגן געדונגענע דירות ווערן בטל;

3) עס ווערט פאַרבאָטן די קריסטן אונטער אַ שטראָף פון 1000 מארק צו פאַרדינגען אַ ייד אַ לאָקאַל פאַר אַ געשעפט אָדער אַ וווינונג;

4) דער קעניג באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל דאָס אַלץ אדורכ־פירן און זאָל אויך אויספאָרשן, וועלכע יידן האָבן אַממייסטן געשאַדט דעם קריסטלעכן האנדל.

די קאָמיסיע האָט, זעט־אויס, נישט צו־פליסיק געאַרבעט, דען די זאַך האָט ערשט אין 16 יאָר אַרום געפונען איר פאַרזעצונג. דעם 5טן יו־ני 1736 ווערט דער דאָזיקער ענין ווידער באַהאַנדלט אין קעניגלעכן אַסע־סאָרן־געריכט אונטערן פאָרזיץ פון דעם ביסקופּ זאַלוסקי; די קריסטלעכע סוחרים האָבן זיך ווידער באַקלאָגט דעריבער, וואָס בירגערלעכע און אדע־ליקע הויז־איינגנטימער דערלויבן די יידן צו וווינען אין זייערע הייזער, אַז דער מאַגיסטראַט האָט פּאַרדונגען אַ ייד דעם ברוק־צאָל, און האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל ענדלעך דורכגעפירט ווערן דער קעניגלעכער דע־קרעט פון יאָר 1720. פון די יידן איז קיינער נישט דערשינען צו דער גע־ריכטס־פאַרהאַנדלונג און דער פּסק איז אויסגעפאַלן דעריבער קעגן זיי. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ נייע קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט מבטל מאַכן אַלע קאָנטראַקטן וועגן דירות און אַרויסטרייבן די יידן פון לו־בלין. ביי די יידן, וועלכע וועלן נישט פאָלגן דעם דעקרעט, ווערן קאָנפיס־קירט זייערע סחורות, דאַקעגן די אומגעהאָרכזאַמע בירגער דאַרפן באַ־שטראָפט ווערן מיט 1000 מאַרק און מיט פאַרלירן זייערע ערן־אַמטן.

דאָס מאָל איז די קאָמיסיע דערשינען פּינקטלעך אין דעם חגא־טאָג פון די „דריי מלכים" אין יאָר 1737 און האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבעט. אָבער אויך די יידן זענען נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און האָבן אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, אַז דער פּסק־דין פון דעם אַסעסאָרן־געריכט זאָל אָפּגערופן ווערן. זיי האָבן געזוכט פּראָטעקציע ביי די הויכע פּריצים, האָבן געבראַכט בריוו פון הויכע באַאַמטע צו די מיטגלידער פון געריכט אין וואַרשע און סוף כל סוף געפועלט, אַז דער קעניג האָט אין 2 דעקרעטן (12טן אויגוסט 1738 און 12טן סעפּטעמבער 1738) מבטל־געמאַכט דעם דעם פּסק־דין פון יאָר 1736.

די בירגער האָבן אָבער נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף דער דאָ־זיקער „רעוואָקאַציע" (אָפּרופונג), ווי אויך אויף דעם „סאַלוווס קאָנדוק־טוס", און האָבן כסדר אַרויסגעוואָרפן די יידן פון זייערע הייזער. זיי זע־

נען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן איינגעקלאָגט אין אַסעסאָרן-געריכט די יעניקע הויז-אייגנטימער, וועלכע האָבן נישט ארויסגעוואָרפן די יידן פון זייערע הייזער. אזוי ווערן אָנגעקלאָגט אין געריכט דעם 25טן אָקטאָבער און דעם 3טן נאָוועמבער 1741: סעבאסטיאַן זוויקיעוויטש, דאָס פּאַרפּאָלק לוקאָווסקי, דער שניידער מאַטיאַס, די אַלמנה קראַיעווסקאַ, דער שווערד-מאַ-כער קאָסיאַרסקי, דער גאַרקיך-אייגנטימער זיעלסקי. דער שוסטער נאַראַיס-קי און פיל אַנדערע, וועלכע ווערן פאַראורטיילט תיכף צו געבן עקסמיסיע זייערע יידישע איינוווינער. די פאַראורטיילטע האָבן זיך גאַנץ ווייניק גע-קימערט וועגן דעם, כאָטש זיי זענען נאָכאַמאָל (דעם 14טן פעברואר 1742) און נאָכאַמאָל (דעם 9טן מאַי 1742) אָנגעקלאָגט געוואָרן צו דעם זעלבן געריכט.

די קריסטלעכע סוחרים האָבן ווידער דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אין אַסעסאָרן-געריכט אין וואַרשע, און דאָס געריכט האָט דעלעגירט (דעם 17טן דעצעמבער 1743) אַ נייע קאָמיסיע קיין לובלין אויסצופאָרשן די סיבות, פאַרוואָס די יידן וווינען נאָך אַלץ אין דער שטאָט. די קאָמיסיע האָט פאַרענדיקט איר אויספאָרשונג דעם 14טן מערץ 1744 און אויפגע-פאָדערט די יידן אין פאַרלויף פון 8 טעג צו פאַרלאָזן די שטאָט און זיך אַריבערציען אין יידישן קוואַרטאַל. אויסער דעם האָבן זיי געדאַרפט באַ-צאָלן 3000 גילדן דעם מאַגיסטראַט פאַר נישט פאָלגן די ביזאַהעריקע באַ-פעלן. די בירגער האָט מען צוגעזאָגט מיליטערישע הילף, כדי זיי זאָלן געפינען די דאָזיקע יידן און זיי איבערגעבן אין געפענגניש.

די קאָמיסיע האָט דאָס איריקע געטון, אָבער די אויספאָרשונג איז אויך דאָס מאָל נישט צושטאַנד געקומען. די יידן האָבן געצאָלט צו־הויכע וווי־נונגס-שטייערן, אז מען זאָל זיי קאָנען מיט אַ לייכט הארץ ארויסוואַרפן פון די דירות. די הויז־אייגנטימער האָבן פאַרלאַנגט, אז מען זאָל זיי פאַרגי־טיקן דעם שאָדן, וועלכן זיי וועלן מוזן ליידן אין פאַל, ווען זיי זאָלן באַ-זייטיקן פון זייערע הייזער די יידישע שכנים, און די ראַטמענער, וועלכע האָבן געהאַט די שענסטע הייזער אין שטאָט, האָבן זיך גאָרנישט געאיילט מיט דער דורכפירונג פון דעם דאָזיקן באַפעל פון דער קאָמיסיע. אויך האָבן

זיך דאָ אַריינגעמישט גרויסע פּריצים, וועלכע האָבן אפילו ארויסגעשיקט קיין לובלין זייער שלאָס-מיליץ כדי צו פאַרטיידיקן „זייערע יידן״.

* * *

אזוי זענען אוועק פיל יאָרן, ביז די זאך איז ווידער אמאָל דערוועקט געוואָרן. דאָס מאָל האָט עס זיך געדאַרפט ענדיקן זייער ערנסט פאַר די יידן. אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט איז די לאַגע פון די יידן אין פּוילן געוואָרן זייער ערנסט, דער שטרייט וועגן די האנדלס-רעכט האָט זיך אין אַלע גרעסטע שטעט זייער פאַרשאַרפט. אומעטום האָבן די בירגער איינגעזען, אז די צאָל פון די יידישע סוחרים וואַקסט פון טאָג צו טאָג. די קריסטלעכע האנטווערקער האָבן געזען, אז די יידישע האנטווערקער פאַרשטאַרקן זיך און אָרגאַניזירן אייגענע צעכן, וועלכע דראָען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די אַלטע צעכן. עס איז שוין נישט געבליבן מער קיין צייט צו פאַרלירן, די לאַגע איז געווען צו-ערנסט, עס האָט זיך געהאנדלט וועגן לעבן און טויט.

צו דעם דאָזיקן עקאָנאָמישן מאָמענט איז צוגעקומען נאָך אַ צווייטער, נישט ווייניקער געפערלעכער פאַר די יידן. עס איז געווען אַ צייט פון אַ גייסטיקער ירידה און אַבערגלויבן אין פּוילן. אַלע האָבן געגלויבט אין כישוף און אין מכשפים, און דאָס פּעבעל, ווי אויך די העכערע, די אַזויגערופענע געבילדעטע קלאַסן, האָבן געקוקט אויף יידן ווי אויף דעם טייוולס מחותנים. קיינמאָל איז אַזוי נישט געווען פאַרשפּרייט דער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דעם עלילת־דם און שענדונג פון דער האָסטיע, ווי דאָס איז געווען אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט. יעדעס יאָר פלעגן זיך איבערחזרן אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד ריטואַל-פּראָצעסן, וועלכע האָבן כמעט אַלע מאָל געהאַט אַ בלוטיקן אויסגאַנג. די פּראָצעסן אין זשיטאָמיר און יאַמפּאָל האָבן געבראַכט די יידן צו פאַרצווייפלונג, און אין דער דאָזיקער פאַרצווייפלונג האָבן זיי אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע צום פּויפּסט קיין רוים. אָבער נאָך איידער די דעפּוטאַציע איז צוריקגעקומען, האָט אויסגעבראָכן די פראַנקיסטישע באַוועגונג מיט איר אַנטיסעמיטישער טענדענץ, וועלכע האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע פון די יידן. פראַנק

האָט עפנטלעך באהויפּט בשעת דעם דיספּוט אין לעמבערג (1759), אַז יידן געברויכן קריסטלעך בלוט, און די ריטואַל־פּראָצעסן אין פּשעמישל און אין וואָיסלאַוויצע זענען געווען די בלוטיקע פּאָלגן פון דער דאָזיקער באַהויפּטונג. די שליאַכטע, וועלכע האָט ביז דאַן מיטגעהאַלטן מיט די יידן און זיי געשטיצט אין זייער קאַמף פאַר די האַנדלס-רעכט, האָט זיך איצט דערשראָקן און זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן ווייטער די יידן, וועלכע זענען אַזוי אָרום געבליבן אָנגעוויזן נאָר אויף זייערע אייגענע כוחות און האָבן געמוזט זיך אָפּטראָגן פון פיל שטעט.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אין לובלין.

אין יאָהר 1759 פאַרזאַמלען זיך אין הויז פון דעם ווויעוואָדישן און ווירדיקן מאַטיאַס סטעפאַנאָווסקי, דעם בירגערמייסטער פון לובלין, די ראַטמענער, אַסעסאָרן און צעכאָווע מייסטערס און נעמען אָן איינשטימיק דעם פאָלגנדן באַשלוס:

„מיר זעען דעם גענצלעכן צוזאַמענברוך פון דער דאָזיקער שטאָט, אַרויסגערופן דורך די פיל יידן, וועלכע וווינען אין די פּאַלאַצן, הויפן, הייזער, בודעס, מיט איין וואָרט — אומעטום, און האַלטן דאָרט חוצפּהדיק קלייטן, קעלערס און בודעס, און פירן דאָ, ווי אויך אין די פאָרשטעט, אין די אדעל־פּאַלאַצן, אין די קלויסטער־הייזער, ווי אויך אין די בירגערלעכע שטאָט געגנטן און אומדערלויבטן האַנדל, פאַרקויפן ווייַן און שנאַפּס, מאַכן ביר, באַקן ברויט, ברענגען שאָדן די צעכן דורך זייער קונסט און מלאכה, מיט איין וואָרט, זיי נעמען צו ביי די קריסטן די מעגלעכקייטן צו לעבן און וויל זיי צאָלן הויכע פּרייזן פאַר דירות, מאַכן זיי אוממעגלעך פאַר קריסטן צו דינגען אַ געוועלב אין שטאָט. אַמאָל איז אונזער שטאָט געווען אַ פיל באַפעלקערטע, איצט איז קוים געבליבן אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג אין דער שטאָט, און אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט וווינען בלויז יידן און פירן דאָרט אין קריסטלעכע הייזער כמעט ביי דער טאָמע קירכע זייערע שענקען, זינגען הויך זייערע שבתדיקע זמירות, שפּאַטן-אָפּ פון די הייליקע פּראָצעסיעס, וועלכע גייען פאַר זיי פאַרביי. די יידן האַלטן היי אויף די בוידעמער, דורך וואָס זיי קאָנען ברענגען אַ

אומגליק אויף דער גאנצער שטאט. זיי פאכטן אלע יאר דאס רעכט צו פאר־קויפן ביר, מעד און בראנפן... דורך די יידן זענען געפאלן די בארימטע צעכן פון די גאלד-ארבעטער, פעלדשערס, שניידערס, קירזשנערס, ביר-ברויערס, בעקערס, קעסל-שמידערס א. אז. וו. אין דער שטאט ארבעטן מער ווי 90 יידישע שניידערס... די יידן העלפן נישט צו צו די עפענט־לעכע שטייערן און קוקן נישט אויף די קעניגלעכע באפעלן. די אין יאר 1744 צוגעפסקנטע 3000 מארק האבן זיי ביזן היינטיקן טאג נישט באַ-צאלט, און כאטש זיי האבן שוין זייט יארן לאנג נישט געשלאסן קיין האנדלס-קאנטראקטן מיט דער שטאט, פירן זיי דאך א לעבעדיקן האנדל מיט אלערליי סחורות... צוליב די אלע סיבות ווילן מיר מער נישט ליידן די יידן אין דער שטאט און מיר באשליסן זיי צו פאריאגן, צו פארטרייבן און צו עוואקואירן פון די הייזער פונעם אדעל, פון די בירגער און גלחים, פון דער שטאט און די פארשטעט, מבטל צו מאכן די האנדלס־קאנטראקטן און זיי צו באטראכטן אלס נישט-עקזיסטירנדיקע. אזוי אבער ווי אונזער שטאט געדענקט נאך זייער גוט, ווי בשעת מען האט מיט יארן צוריק געוואלט ארויסטרייבן די יידן, האבן הויכע באאמטע און פריצים ארויסגעשיקט פון זייערע גיטער באוואפנטע לייט, וועלכע האבן געשטערט דאס ארויסטרייבן די יידן, דעריבער בעטן מיר דעם גנעדיקן שלאס-הויפטמאן פון לובלין וועגן הילף, כדי מיר זאלן איינמאל פאר אלע מאל קאנען פטור ווערן פון די יידן.

גלייכצייטיק באשליסן מיר, אז אויב איינער פון די ראטמענער אדער אסעסארן וועט זיך וואגן ווידער אריינצוברענגען די יידן אין שטאט אריין, וועט ער באשטראפט ווערן מיט טויזנט מארק און מיט פארלירן זיין אמט, דער איינפאכער מאן אבער וועט באשטראפט ווערן מיט פינף טויזנט מארק און א פערטל יאר געפענגעניש.

דער דאזיקער נויט-געשריי פון די קריסטלעכע בירגער פון לובלין האט זיך דערטראגן ווייט איבער די מויערן פון שטאט ארויס, און עס האט זיך געדאכט, אז דאס מאל זענען אלע קלאסן אייניק אין דעם פאר־לאנג צו פארטרייבן די יידן. דערווייל אבער איז ווידער געקומען צו א שפאלטונג צווישן די ראטמענער און די אסעסארן.

די ערשטע — רייכע הויז־באַזיצער און גרויסע סוחרים — זענען געשטאַנען מיט די יידן אין האנדלס-באַציאונגען, און האָבן זיך נישט גע-וואָלט אָפּזאָגן פון די הויכע צינזן, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון זייערע יידישע שכנים. דאַקעגן די אַסעסאָרן האָבן געהאַלטן מיט די צעכן און מיט דעם פּשוטן עולם פון לובלין און האָבן געוואָלט פאַר יעדן פּרייז אַרויס-טרייבן די יידן פון דער שטאָט. דעריבער האָבן זיי נאָכאַמאָל דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע צום אַסעסאָריאַל-געריכט אין וואַרשע, וועלכעס האָט דעם 28סטן סעפּטעמבער 1761 ווידער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דעם סטאַראָסטע פון לובלין, צו געבן מיליטערישע כוחות צו פאַרטרייבן די יידן פון דער שטאָט. דאָס מאָל איז דער באַפעל נישט געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר, און די יידן זענען טאַקע אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע געשעפטן און וווינונגען, פון זייערע גאַסן און פּלעצער, ווו זיי האָבן געוווינט לערך 100 יאָר, און זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן אין דער ענגער, שמוציקער און זומפּיקער יידן-שטאָט. נאָר אַ גאַנץ קליינער צאָל האָט זיך איינגעגעבן ווײַ-טער צו פאַרבלייבן אין שטאָט, אָבער אויך זיי האָבן געלעבט ווי אויף אַ ווולקאַן, וועלכער האָט געקאָנט יעדן אויגנבליק אויסברעכן.

אַ טייל רייכערע יידן האָבן זיך פאַר שווערע געלטער געדונגען אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט דירות אין פּריצישע הייזער און פּאַלאַצן, אַזוי, למשל, ביים פירשט יאַבלאָנאָווסקי, אין הויז פון דעם וואָיעוואָדע פון כעלם, ביי די הערן זשעווסקי, פּאָטאָצקי, גאָלוכאָווסקי, לאַנצקאָראָנסקי, זאַמאָיס-קי א. אז. וו., ווי אויך אין די קלויסטער-הייזער פון די פּיאַריסטן און בערנאַרדינער. לויט אַ קאָנטראַקט מיט דער שטאָט פון יאָר 1770 האָבן זיי אַלע צוזאַמען געצאָלט 38 גילדן אַ חודש פאַרן רעכט צו האַנדלען.

די יידן, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין יידישן קוואַרטאַל, האָבן זיך נישט געקאָנט דאָ אַזוי לייכט צוגעוווינען צו די נייע, שלעכטע פאַרהעלטענישן און האָבן דעריבער אָנגעווענדט אַלע מעגלעכע מיטלען, כדי צו קאָנען זיך אומקערן אין שטאָט אַריין. נאָר אַזוי ווי די קריסטלעכע סוחרים און צעכאָווע מייסטערס האָבן דערויף שטאַרק אכטונג געגעבן, איז דאָס צוריקקערן פון די יידן אין שטאָט פּאָרלויפיק געווען אוממעג-

לעך. האָבן זיך די יידן געמוזט באַנוגענען דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלייגט מיט זייערע סחורות נעבן און ארום דעם שטאָט-טויער און פון דאָרט פון צייט צו צייט געקאָנט זיך אריינכאפּן אין שטאָט-אריין, כדי צו



די קראַוויעצקאַ־גאַס, קעגנאיבער דעם יידן־טויער

פאַרקויפן זייערע סחורות אין הויז פון אַ באַפריינדעטן ראטמאַן, אָדער אין פּאַלאַץ פון אַ באַקאַנטן פּריץ.

* * *

דערווייל האָבן זיך איבער דעם האָריזאָנט פון דער פּוילישער מלוכה ווידער פאַרצויגן שווערע וואָלקנס. שוין אין יאָר 1772 איז פאָרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון דער דאָזיקער אַמאָל אַזוי מעכטיקער מלוכה, אין דער דרום-זייט פון דער לובלינער וואָיעוודשאַפט איז אויפגעשטעלט געוואָרן די עסטרייכישע גרענעץ.

די דאָזיקע שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע — נאָך וועלכער עס האָבן געזאָלט קומען נאָך ערגערע — האָט געבראַכט א טייל פון די הערשנדיקע קלאַסן צו אַ ישוב־הדעת, און איצט האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן ווי אזוי צוריק אויפצושטעלן אין דער מלוכה די אָרדענונג און צו פאַרהיילן די וווּנדן פון דער לאַנג-יעריקער אַנאַרכיע. צווישן אַנדערע זאַכן האָט מען אויך געטראַכט וועגן דעם אויפהויבן דעם צושטאַנד פון די שטעט, און מען האָט געשאַפן אין וואַרשע „די קאָמיסיע פון גוטער אָרדענונג", וועלכע האָט זיך געזאָלט באַשעפטיקן מיטן ווידער געזונט־מאַכן די פאַר־



דער שלאָס צוזאַמען מיט קראַקעוויעצקא און פּאָדזאַמטשע גאַסן

העלטענישן אין שטאָטישן לעבן. פאַר דער דאָזיקער קאָמיסיע אין אויך געקומען דער אַלטער לובלינער סיכסוך וועגן האַנדל, און עס זענען ווידער אַרויסגעשפּאַרן קיין וואַרשע די דעלעגאַטן פון די לובלינער בירגער און פון דער לובלינער יידישער קהילה און זיך באַמיט דורך די אַלטע אויס־פּרובירטע מיטלען, ד. ה. געלט און גוטע ווערטער, פּראָטעקציע און השתדלות פון גרויסע לייט דורכצופירן זייער רעכט. דערווייל אָבער האָט זיך דער יידישער האַנדל געהויבן און איז געפאַלן אָפּהענגיק פון דער אַל-געמיינער קאָניונקטור און אויך פון דער שטימונג פון דער קריסטלעכער קויפמאַנשאַפט. אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט האָט מען אויך אין לובלין

אַמאָל געלאָזט דעם יידישן סוחר זיך רואיק באשעפטיקן מיט זיין האנדל, און אמאָל ווידער האָט מען זיך געכאפט און אים ווידער פארבאָטן אינגאנצן יעדע האנדלס-טעטיקייט און אים אליין ארויסגעטריבן פון דער שטאָט.

זייער שטארק האָט אויפגעפלאקערט דער יידן־האס אין יאָר 1780. דער „פשוטער מענטש” איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אלע קעניג־לעכע דעקרעטן בלייבן נאָר אויפן פאפיר און האָט באשלאָסן זיך דאָס מאָל שוין אליין צו העלפן.

דריי פערזאָן — א טריומוויראט — זענען אויסגעוויילט געוואָרן, און זיי איז איבערגעגעבן געוואָרן די זאך אויסצופירן. דער געוועזענער שטאָט-פרעזידענט סטעפאנאָווסקי און די ברידער מאקארעוויטש האָבן באקומען דעם הויכן אמט, און זיי האָט צוגעהאָלפן מיט אלע כוחות דער ראש פון דער קויפמענישער פאראייניקונג, דער פריץ הייסלער. די יידן, וואָס אין דער שפיץ פון זיי זענען געשטאנען די ראשי-הקהל ר׳ מענדל און ר׳ לייב, די זין פון ר׳ דוד, ר׳ שלמה בן ר׳ ברוך און ר׳ אברהם בן ר׳ מאיר האָבן זיך געפונען אין אַ זייער שווערער לאגע, ווייל די קעגנער האָבן דאָס מאָל נישט געוואַרט אויף דעם פסק דין פון דער קאָמיסיע אין ווארשע, נאָר האָבן פארמאכט מיט הילף פון מיליטער די יידישע געשעפטן און קאָנפיסקירט די סחורות, פארטריבן די יידישע סוחרים פון דער שטאָט און זענען אפילו ארייננעדרונגען אין יידישן קווארטאל, כדי דאָרט צו פאר־טיליקן דעם יידישן האנדל. אזוי, צ. ב., איז צווישן אנדערע קאָנפיסקירט געוואָרן די סחורה ביי דעם פון אפט אָנגעקומענעם סוחר ר׳ פנחס בן ר׳ מענדל אין לייזער ר׳ אבישס שענק.

די דאָזיקע מעשים פון טריומוויראט האָט אויפגעבראכט קעגן אים דעם סטאַראָסטע פון לובלין (און קאשטעלאן פון קראָקע), דעם פירשט לו־באָמירסקי, ווי אויך דעם געהילף־סטאַראָסטע סוכאָדאָלסקי. דער פירשט לובאָמירסקי האָט זיך געווענדט אין אַ שארפן בריוו (אָפּאָלע, דעם 1טן אפריל 1781) צום גענעראל-פּראָקוראָר פון דעם פיאריסטן-אָרדן אין פּוילן פאטער ארצישעווסקי מיט אַ ביטע אָפּצושטעלן די דאָזיקע מעשים און צו מאָכן אַ סוף צו די רויבערייען. נאָך דעם דאָזיקן בריוו האָט דער אונטער-

סטאַראָסטע סוכאָדאָלסקי — וועלכער האָט ביז אהער געפּלעגט צו געבן דעם מאַגיסטראַט מיליטערישע הילף — פון איצט אָן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. אויך דער פּרעזידענט פון דער שטאָט לובלין, קוראָווסקי האָט איינגעזען, אַז די רויבערייען אויף יידן האָבן זיך צופיל פאַרשטאַרקט און האָט פאַרלאַנגט פון דעם קאָמענדאַנט פונעם שלאָס-גאַרניזאָן מיליטערישע הילף איינצושטילן די אומרוען. ער האָט געלאָזט אויסרופן אין שטאָט, אַז ביז צום אָפּשליסן די נייע האנדלס-קאָנטראַקטן איז די יידן דערלויבט דער פרייער האנדל אין פאַרלויף פון זעקס וואָכן. די דאָזיקע פאַראָרדענונג האָט ארויסגערופן א שטורעם פון אויפרעגונג קעגן קוראָווסקין און זיינע מיטהעלפער (פּיענאָנזשעק און יעלענסקי). „קוראָווסקי איז אונטערגעקויפט דורך די יידן", האָט מען געשריגן אין אַלע גאַסן, „ער איז דורך די יידן פאַרשקלאָפט", און באַלד ווערט צונויפגערופן א באַראַטונג פון די אָנגעזעענסטע בירגער, ראַטמענער, אַסעסאָרן און צעכאָווע מייסטערס, וועלכע טראָגן-ארויס א פּראָטעסט קעגן דעם שטאָט-פּרעזידענט און פאַראורטיילן אים צו באַצאָלן 5 דוקאַטן שטראָף.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז אין וואַרשע געזעסן דער פאַרשטייער פון דער קויפמאַנשאַפט אין לובלין, ביאַלאָבזשעסקי, און דאָרט זיך באַראַטן מיט די בעסטע אַדוואָקאַטן און געזוכט פּראָטעקציע. ער האָט געהאַט מיט זיך אַלע פּריווילעגיעס פון דער קויפמאַנשאַפט, און אויסער דעם האָט ער זיך אָנגעפרעגט ביים מאַגיסטראַט אין פּויזן, ווו עס זענען דאָרט אויס מיט די דאָרטיקע יידן. די לובלינער יידן זענען געווען פאַרטרעטן דורך ביאַלאָבזשעסקי דעם יינגערן, און אים איז געלונגען צו געווינען פאַר זיך איינעם פון די געריכטס-אַסעסאָרן (דזשעוויעצקי), ווי אויך דעם לובלינער סטאַראָסטע. דער ענין איז פון איין זיצונג אָפּגעלייגט געוואָרן אויף א צווייטע. דערוויל האָבן ביידע צדדים אויסגעגעבן גרויסע סומעס אויף אַדוואָקאַטן, קאָנפערענצן, רייזעס, דיעטן א. אז. וו., און האָבן אַזוי־ארום רואינירט די פינאַנסן פון דער שטאָט און פון דער יידישער קהילה.

* * *

די קאָמיסיע פאַר א „גוטער אָרדענונג" האָט נישט געקאָנט דעם סיכסוך

פאַרענדיקן, און ערשט ווען עסטרייך האָט נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן פאַרנומען דעם דאָזיקן לאַנד-שטח, זענען די יידן, — אַזוי ווי אין לעמבערג און קראָקע, — אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט און צו-זאַמענגעקוועטשט געוואָרן אין דעם יידישן קוואַרטאַל און אין די פאָר-שטעט. נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן קנאַפּע 150 יאָר, האָבן די יידן געמוזט אָפּטרעטן און זיך צוריקציען אין דעם זומפּיקן און ענגן געטאָ, וווּ זיי האָבן געלעבט אין פינסטערניש און אין שמוץ 70 יאָר. ערשט



קאַוואַלסקאַ־גאַס נומער 17, נעבן דעם יידן־טויער

די רעפאָרמען פון גראַף וויעלאָפּאָלסקי (1862) האָבן צוריק געעפנט פאַר די יידן די פאַרריגלטע טויערן פון שטאָט און האָבן אַריינגעלאָזט אַביסל לופט און ליכט אין געטאָ אַריין. די יידן זענען ווידער אַריין קיין לובלין, זיך געדונגען געוועלבער און וווינונגען אין דער גראָדסקאַ גאַס און פון דאַנען זיך ביסלעכווייז אַריבערגעטראָגן אויפן רינג-פּלאַץ (רינעק). פון דאַ־נען האָבן זיי זיך שנעל פאַרשפּרייט אין מערב און אין דרום־מערב פון

דער אלטשטאָט. נאָר די עטלעכע מזרחדיקע געסלעך (דער מזרח-טייל פון דער יעזואיטן-גאַס, די דאָמיניקאַנער און קלויסטער־גאַס) אַרום די גוואַלדיקע קלויסטער־בנינים פון די יעזואיטן (היינטיקע קאַטעדראַל-קירכע) און דאָמיניקאַנער זענען געבליבן ביי די קריסטן. דער איבעריקער פיל גרעסערער טייל פון דער אלטשטאָט איז אויסשליסליך באַוווינט פון יידן. די עטלעכע קריסטלעכע סוחרים האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דער אלטשטאָט און זיך באַזעצט אין דער קראָקעווער פאָרשטאָט, ווו עס האָט זיך אַנטוויקלט דער צענטער פון דעם נייעם לובלין און ווו עס געפונען זיך אַלע מלוכה-געביידעס און האָטעלן. דער ייד איז געבליבן אין דער שמוציקער און אומגעזונטער יידן־שטאָט און אין דער טונקעלער אלטשטאָט, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט אַזוי מוטיק אין פאַרלויף פון צוויי הונדערט יאָר.

נ י י נ ט ע ר  ק א פּ י ט ל

# די בעלי מלאכות

אין מיטלאַלטער איז מלאכה געווען ענג פאַרבונדען מיט מסחר, דער בעל מלאכה פלעגט מערסטנס אַליין פאַרקויפן זיינע אַרבעטס־פּראָדוקטן; ווארשטאט און פארקויף-פּלאַץ זענען כמעט תמיד געווען צו-זאמען. אַזוי איז געווען ביי די קריסטן, און אַזוי ביי די יידן. ביי די יידן אין פּוילן האָט זיך מלאכה אַנטוויקלט גאָר פרי, באַזונדערס ווייל לויט דעם יידישן דין האָבן יידן א טייל ארבעטן נישט געטאָרט לאָזן מאכן דורך נישט-יידן. צוליב די דינים וועגן שעטנז האָט דער ייד נישט געטאָרט אָנ־טאָן קיין מלבושים גענייטע דורך נישט-יידן, און ער טאָר נישט עסן קיין פליש, געקויפט ביי אַ נישט יידישן קצב. דערפאַר טאַקע זענען שניידער און קצבים די ערשטע בעלי מלאכות, וועלכע מען באַגעגנט אין געטאָ. תחילת אַרבעטן זיי נאָר פאַר יידן, אָבער מיט דער צייט הויבן זיי אָן אַרבעטן אויך פאַר קריסטן און דורכדעם קומט עס צו שטרייטיקייטן מיט די שטאָטישע צעכן פון די שניידער און פון די קצבים. די צעכן האָבן אין מיטלאַלטער געהאַט דאָס אויסשליסלעכע רעכט אויסצובילדן די געזעלן און ארויסצו־געבן דיפּלאָמען אויף מייסטער א. אז. וו. ווער עס האָט נישט באַלאַנגט צו קיין צעך, האָט נישט געהאַט קיין רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט מלאכה, אַזאַ איינעם האָט מען באַטראַכט פאַר אַ שעדיקער און פּושער און ער האָט

געמוזט ליידן פון אַלע שיקאַנעס און שטראָפן פון די צעך-מייסטערס. דער צעך איז אָבער געווען אַ קאַטוילישע קירכלעכע אינסטיטוציע, יעדער צעך האָט געהאַט אַ הייליקן אַלס באַשיצער, ער האָט געהאַט זיין פּלאַץ אין דער קירכע, אָדער אַפילו אַן אייגן קלויסטערל; אין חגאות אָדער ביי שטאָטישע פייערונגען פלעגן די צעכן מיט זייערע מיטגלידער מאַרשירן מיט זייער פאָן, איז פאַרשטענדלעך, אַז אַ ייד האָט נישט געקאָנט ווערן אויפגענומען אַלס מיטגליד אין צעך. ווען די יידישע קירשנער פון לעמבערג האָבן געבעטן דעם קעניג זיגמונט דעם דריטן, ער זאָל באַפעלן דעם צעך, ער זאָל זיי אַריינ־נעמען צווישן זיינע מיטגלידער, האָבן זיי באַקומען אַן אָפּזאָג (1629), וואָס איז דאַן אויסגענוצט געוואָרן פון די אַנדערע צעכן אין די אַנדערע שטעט.

וואָס האָבן דאַן די יידישע בעלי מלאכות געקאָנט טון? אָדער אויפ־הערן זיך צו פאַרנעמען מיט מלאכה, אָדער ווייטער אַרבעטן, נישט גע־קוקט אויף דעם, וואָס דאָס איז זיי געווען פאַרבאָטן. זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס צווייטע, קומענדיק דורכדעם אין גאַנץ פוילן אין קאָנפליקטן מיט די צעכן, וועלכע האָבן „פונקט ווי דער שטרייט וועגן דעם האַנדלס־רעכט פון די יידישע סוחרים, זיך געצויגן צוויי יאָרהונדערטער לאַנג. מיר ווילן דאָ בקיצור פאַרשטעלן דעם דאָזיקן קאַמף, נעמענדיק אַלס ביישפּיל דעם קאַמף פון די לובלינער יידישע שניידער מיט דעם שניידער צעך.

גלייכצייטיק מיט די קלאַגעס פון די קריסטלעכע סוחרים קעגן דעם יידישן מסחר, פירן זיך אויך די קלאַגעס פונעם לובלינער שניידער-צעך קעגן די יידישע שניידער. אָבער בעת די קריסטלעכע סוחרים האָבן שוין אין זיבעצעטן יאָרהונדערט אונטערגעשריבן אָפּמאַכן, אין וועלכע זיי האָבן אַנערקענט געוויסע האַנדלס־פּריוויליעס פאַר די יידישע סוחרים, האָבן די צעכן נישט געוואָלט הערן וועגן קיין שום אויסגלייך מיט די יידישע בעלי מלאכות און זיי האָבן געפאָדערט פונעם מאַגיסטראַט דעם פולשטענדיקן פאַרבאָט פון יידישער האַנטווערקעריי. דעם 27סטן מאַי 1615 גיט אַרויס דער קרוין־טריבונאַל אין לובלין אַ פסק-דין, אַז יידישע שניידער אין לובלין טאָרן זיך נישט פאַרנעמען מיט זייער מלאכה, אויב זיי ווערן נישט קיין מיטגלידער אינעם שניידער-צעך. דער צעך אָבער האָט נישט געוואָלט הערן אַפילו וועגן אַריינעמען יידישע

שניידער אלם מיטגלידער און ער האָט פארבאָטן די קריסטלעכע מייסטערם אָנצונעמען יידישע לערניינגלעך, און די קריסטלעכע ארבעטער (געזעלן) צו ארבעטן ביי יידן. זיי האָבן אויך פארבאָטן די קריסטלעכע מייסטער אָנצונעמען ארבעט פון יידישע מייסטערם און סוחרים.

נאָך דעם גרויסן קריג האָט זיך דער דאָזיקער שטרייט נאָך פארשארפט. ווען די לובלינער יידן האָבן זיך נאָך דער שרפה אין יאָר 1656



אַ ווינקל אין דער פרנס־שול

אריבערגעצויגן אין שטאָט־צענטער (ווו ס׳איז געווען די יידן פארבאָטן צו וווינען), און אָנגעהויבן דאָ זיך צו פארנעמען מיט האנדל און מלאכה, האָט זיך אָנגעהויבן א שארפערער קאָנטראָל מצד די צעכן, און ביי די קריסט־לעכע הענדלער און האנטווערקער האָט זיך פארשטארקט די פיינטשאפט קעגן די יידן. ענטפערנדיק אויף אַ גאנצע ריי קלאגעס, גיט ארוים דאָס

קעניגלעכע אסעסאָרן-געריכט אין וואַרשע אין יאָר 1659 אַן אורטייל, באַ-שטראָפנדיק די יידישע שניידער פאר ארבעטן אָן דערלויבעניש, צו צאָלן א שטראָף פון 30 דוקאטן. חוץ דעם איז געשאַפן געוואָרן א שטענדיקע קאָנטראָל־קאָמיסיע צו קאָנטראָלירן די יידישע ווארשטאטן און געשעפטן. פון די באריכטן פון דער דאָזיקער קאָמיסיע דערוויסן מיר זיך, אז דער גרעסטער שניידער צווישן די יידן איז געווען א געוויסער זעליג ראבינאָ־



דער בית־המדרש אויף יאטעטשנא 6

וויטש, וועלכער איז פארמשפט געוואָרן צו צאָלן די אויבנדערמאָנטע שטראָף. ער האָט אָבער די שטראָף נישט געוואָלט באַצאָלן, און אויפן באַ-פעל פונעם וואָיעוואָדע ווערט ער (דעם 21סטן יוני 1660) איינגעזעצט אין דער יידישער תפיסה. אָבער ווי גרויס איז געווען די אויפרעגונג אין שטאָט, ווען מען האָט זיך דערוווסט, אז די עלטסטע פון דער קהילה האָבן אים פון תפיסה ארויסגעלאָזט!

ארום דעם יאָר 1670 נעמט אָן דער צעך א באשלוס, אז אויף יעדן

שטיקל ארבעט מוז זיין א צייכן פון צעך, וועלכן מען זאָל קענען גוט דער־קענען, כדי מען זאָל ביים קאָנטראָל קענען באַווייזן, וועלכער מלבוש שטאַמט פון וואַרשטאַט פון אַ יידישן שניידער. אויף דערוויל האָט מען זיך געוואָלט באַנוגענען, אַז די יידישע קליידער־הענדלער זאָלן שווערן, אַז די אין זייער געשעפט געטראָפענע קליידער זענען געמאַכט געוואָרן אין קריסטלעכע וואַרשטאַטן.

די פאָדערונג פון אַ צעך־צייכן אָדער שטעמפּל אויף יעדן שטיקל אַר־בעט ווערט אַלע פאָר יאָר אויפסניי אונטערגעשטראָכן און פאַר עובר זיין דעם דאָזיקן צעך־באַשלוס דראָט די יידן הארבע שטראָפן. דאָס האָט זיך אַזוי געצויגן ביז צום 18טן יאָרהונדערט. דערוויל איז די צאָל פון די יידישע שניידער געוואָרן אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן געבילדעט אַן אייגענעם צעך. דער יידישער שניידער־צעך אין לובלין האָט געהאַט ענלעכע תקנות ווי די קריסטלעכע צעכן, עס האָט זיי נאָר געפעלט די רעכטלעכע באַזיס, דאָס הייסט, זיי האָבן נישט געהאַט קיין דערלויבעניש פונעם קעניג, אָדער קעניגס־בריוו.

וויפיל שניידער דער יידישער צעך האָט געציילט, לאָזט זיך נישט באַשטימט אָנגעבן, ווייל עס זענען נישט געבליבן קיין צעך־ביכער. אָבער אין באַריכטן פון די ראַטמענער און צעך־מייסטערס פון יאָר 1759 ווערט פאַרצייכנט, אַז ניינציק יידישע שניידער האָבן דאַן פּראַקטיצירט זייער קונסט אין לובלין. מיט אַזאַ גרויסער צאָל יידישע מייסטערס האָט דער קריסטלעכער צעך זיך געמוזט רעכענען און אין יאָר 1757 שליסט דער קריסטלעכער שניידער־צעך אַן אָפּמאַך מיט דעם יידישן צעך, לויט וועלכן עס ווערט דערלויבט 24 יידישע מייסטערס דאָס נייען פון מענער־ און פרויען־קליידער. דערפאַר האָט דער יידישער צעך באַדאַרפט צאָלן דעם קריסטלעכן אַ יערלעכע שטייער און הוצאות זיך פאַרפליכטן, אַז יעדער יידישער שניידער, חוץ די 24, זאָל פונעם רב אַריינגעליגט ווערן אין חרם און ער זאָל אַרויסגעטריבן ווערן פון שטאָט.

דער דאָזיקער אָפּמאַך איז אָבער, גלייך ווי די האַנדלס־אָפּמאַכן צווישן די יידישע און קריסטלעכע סוחרים, געקומען צו שפּעט. די צאָל פון יידישע שניידער איז שוין געווען צו גרויס, אַז זי זאָל זיך לאָזן אַראָפּ־

דריקן צו 24. די אזוי גערופענע „איבער-צאָליקע" יידישע שניידער האָבן ווייטער געאַרבעט און זיך נישט געפרעגט וועגן דעם אָפּמאַך. ס'איז דערי־בער געקומען צו מחלוקת און געשלעגן. די קריסטלעכע שניידער אונטער דער פירונג פון די מייסטער לושטשינסקי און ביאַלקיעוויטש מיט זייערע געזעלן און לערניינגלעך זענען איבערגעפאַלן די יידישע שניידער און זיי געשלאָגן ביז צום בלוט. די דאָזיקע געשלעגן האָבן געמוזט זיין גענוג ברוטאַלע, אַז דער מאַגיסטראַט האָט שוין נישט געקאָנט ליידן די עוולה און די ראַטמענער האָבן אויף דער זיצונג פון 6טן יולי 1767 אָנגענומען א באשלוס צו ארעסטירן די ביידע דערמאָנטע אָנפירער פון די געשלעגן און צוריקשטעלן די רו און אָרדענונג אין שטאָט.

אין די יאָרן 1777 און 1780 ווערט באַנייט דער צעך־אָפּמאַך פון יאָר 1757. דער יידישער צעך נעמט אויף זיך דעם חוב צו צאָלן דעם קריסט־לעכן צעך יערלעך אַ סומע פון 216 גילדן, די צאָל פון די פּריווילע־גירטע יידישע שניידער בלייבט אַלץ דיזעלבע 24.

און עס קומט ווידער צו קאַמפן און אומרוען אין שטאָט, ווייל די יידישע שניידער קימערן זיך נישט וועגן דער דורכן אָפּמאַך באַשטימטער צאָל. אין יאָר 1789 ווערט ענדלעך געהעכערט די צאָל פון די דערלויבטע יידישע שניידער אויף 44; די דאָזיקע צאָל בלייבט ביז צום יאָר 1792.

די ביידע לעצטע צעך-אָפּמאַכן האָבן פאָלגנדיקע פּונקטן:

1. די צאָל פון די יידישע מייסטער וועט זיין 44.

2. יעדער מייסטער מעג האַלטן נאָר איין געזעלן און איין לערניינגל.

3. געבן ארבעט פרעמדע מייסטער אָדער וואַנדערנדיקע געזעלן איז פאַרבאָטן.

4. ווען עס ווערט פריי א פּלאַץ אין יידישן צעך, טאָרן די יידן נישט אויפנעמען קיין נייעם מייסטער אָן דער צושטימונג פון קריסטלעכן צעך. דער נייער מייסטער דאַרף צאָלן פאַרן קריסטלעכן צעך 20 גילדן איינשרייב-טאַקסע.

5. ס'איז פאַרבאָטן צו גיין פרעגן נאָך אַרבעט אין די הייזער, פּאַ־לאַצן, קלויסטערס; יידן טאָרן אויך נישט אָננעמען קיין אַרבעט אין אַ הויז, אין וועלכן עס וווינט א קריסטלעכער מייסטער, זיי טאָרן אויך נישט

אָננעמען קיין ארבעט פון אַ שטאָף, וועלכן דער קריסטלעכער קונה האָט זיך אויסגעקליבן, ביידע אונטער אַ שטראָף פון 14 מארק.

6. יעדער יידישער שניידער דאַרף צאָלן דעם קריסטלעכן צעך 9 פלאָרין יערלעך אין צוויי האלב־יעריקע ראטעס.

7. דער דאָזיקער אָפּמאַך ווערט באַנייט אַלע דריי יאָר.

8. אין אַ שטרייט־פאַל אנערקענען ביידע צדדים די קאָמפּעטענץ פון די שטאָטישע געריכטן.

* * *

די אנדערע יידישע בעלי מלאכות האָבן געהאַט דאָסזעלבע אויסצו־שטיין, וואָס די שניידער, אויך זיי האָבן געמוזט יאָרן-לאַנג קעמפן מיט די צעכן, ביז זיי זענען פון זיי אנערקענט געוואָרן. די צעכן האָבן שטענדיק, העכער ווי אַנדערע, פּראָטעסטירט קעגן אַלע אָפּמאַכן צווישן די יידן און די מאַגיסטראַטן און זיי האָבן נישט אויפגעהערט אריינצוטראָגן קלאַ־געס אין קעניגלעכן אַסעסאָרן-געריכט. אין יאָר 1781, ווען ס'איז געקו־מען אויפן טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון די נייע האַנדלס־אָפּמאַכן צווישן יידישע און קריסטלעכע סוחרים, האָבן די צעך-מייסטערס צונויפגערופן זייערע צעך-ברידער, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן די פּראָיעקטירטע אָפּמאַכן. פון די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען קאָן מען דערקענען די שנאה, וואָס די קריסטלעכע האַנטווערקער האָבן געפילט צו די יידישע בעלי מלאכות. אומעטום באַשליסען די צעכן, צו פאָדערן פון דער מלוכה און פון דער שטאָט די אַרויסטרייבונג פון די יידן.

מען קאָן פאַרשטיין, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט די יידי־שע האַנטווערקעריי זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען, און כאָטש די צאָל פון יידישע מייסטער און געזעלן איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, זענען זיי דאָך נישט געווען קיין גרויסע קינסטלער אין זייער פאַך, און גרויס איז געווען די צאָל פון די „פושערס". פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געווען אויסנאַמען. די יידישע צעכן גופא זענען נישט געווען אַלע גלייך, געווען צעכן רייכע און שטאַרקע מיט אַ סך מיטגלידער, און געווען קליינע און אָרימע צעכן, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן עקזיסטירט נאָר אויפן פּאַ־

פּיר. און פּונקט ווי די רייכע קריסטלעכע צעכן האָבן געהאַט אייגענע קירכעס, האָבן די רייכע יידישע צעכן אויסגעבויט אָדער איבערגענומען אייגענע שולן. דאָס זענען: די שול פון די „לויפּער" (ד. ה. פון די אַרומפּאָרנדיקע קירשנער) — די אַמאָליקע שול פון שאול וואָל; די קאַט־לער־שול (געוועזענע שול פון הירש דאָקטער), די שולן פון די שניידער און פון די בעקערס. אָרימערע צעכן האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַ שטיבל, אַ שילעכל נעבן דער גרויסער שול, אָדער אפילו נאָר מיט אַ הענגלייכ־טער אין אַ שול, אין וועלכן די צעך־ברידער פלעגן געבן ליכט און אָנ־צינדן יעדן פרייטיק צונאַכטס. די דאָזיקע הענגלייכטער פון די צעכן זע־נען ליידער פאַרשוואונדן און אויך די צעך־ביכער און די תקנות פון די יידישע צעכן, וויכטיקע היסטאָרישע מקורות פאַר דער אויספאָרשונג פונעם אינערלעכן לעבן פון די יידן זענען ליידער פאַרלאָרן געגאַנגען.

## צענטער קאַפּיטל

# אברהם הײלפּערן און זײַן צײַט

(צו דער קולטור פון די ייִדן אין 18טן יאָרהונדערט).

די לובלינער ייִדן האָבן שטענדיק געלעבט אין קריגערייען און רייסערייען מיט זייערע קריסטלעכע שכנים. די קאמפן וועגן די האנדלס־רעכט און וועגן ארבעטס־רעכט האָבן פארנומען זייער גאנצן אינטערעס און דאָס האָט פארשווערט דעם אויסבוי פון דער ייִדישער קהילה, וועלכע זיי האָבן מיט אזוי פיל אָנשטרענגונג געגרינדעט אין 16טן יאָרהונדערט. די קהילה־פינאַנצן זענען ווי אומעטום געווען צעטרייסלט, א שווערער עול האָט געדריקט אויף די ייִדן צוליב די פאַרשידענע שטייערן פאַר דער מלוכה און דער שטאָט און די „מתנות", וואָס די קהילה האָט כסדר געמוזט געבן די גרויסע און די קליינע הערשער, דעם קלער און די סטודענטן, זיי זאָלן לאָזן לעבן; די דאָזיקע שווערע לאַסטן האָבן אָפּט דערפירט די קהילה-שיף צום טרייסלען, און נאָר אדאנק זייערע גרויסע קרבנות האָבן די פירער פון דער קהילה באַוויזן צו האלטן די דאָזיקע שיף אויפן וואַסער. דער קרוין־טריבונאל מיט די עלילת-דם פּראָצעסן, וועלכע האָבן זיך אין 18טן יאָרהונדערט איבערגעחזרט כמעט יעדעס יאָר, האָבן נאָך מער פארביטערט די ייִדן דאָס לעבן. די קהילה האָט גע-

מוזט לייען געלט און די פּראָצענטן האָבן אויפגעפרעסן כמעט אַלע הכנסות, אַזוי אַז די קהילה האָט געמוזט אויפנעמען אַלץ נייע הלוואות, כדי צו באַצאָלן כאָטש אַ טייל פון די אַלטע חובות.

ס'איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס עס האָבן זיך נישט געפו־נען קיין סך בעלנים צו איבערנעמען ביי אַזאַ לאַגע דעם אַמט פון ראש הקהל. פון דער אַנדערער זייט, ווען עס האָט זיך שוין איינער געפונען, האָט ער געוואָלט בלייבן אין אַמט אויפן גאַנצן לעבן און מען האָט אים נישט געקאָנט אַראָפּרייסן פונעם בענקל. ביי די קהילה־וואַלן האָבן



א מנורה אין דער פרנס־שול

געקאָנט דורכגיין נאָר אַזעלכע קאַנדידאַטן, וועלכע אַזאַ ראש הקהל האָט זיך אויסגעקליבן און זעלטן־ווען האָט געקאָנט דורכגיין איינער פון דער אָפּאָזיציע. אין אַלע קהילות פון פּוילן האָבן געהערשט (פּונקט ווי אין די שטאָט־מאַגיסטראַטן) עטלעכע רייכע משפחות, וועלכע האָבן געבילדעט אַ שטענדיקע אָליגאַרכיע. ווי איז געווען צו דעם, וועלכער האָט גע־וואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן דער דאָזיקער אָליגאַרכיע! דורך דער מאַכט, וואָס זיי האָבן געהאַט אין שטאָט, אין דער שטייער שאַצונגס־קאָמיסיע, אין אַלע אינסטאַנצן פון געריכט און דורך זייער השפעה ביים וואָיע־

וואדע און ביים וואַיעוואדעס פארטרעטער, האָבן די דאָזיקע תקיפים זיך שוין געקאָנט אַן עצה געבן מיט אַזאַ חוצפּהניק, וואָס האָט געוואגט זיי אָקעגנצוטרעטן, און אים צו צעקוועטשן, אַזוי אַז ער זאָל שוין מער נישט קענען דעם קאָפּ אויפהויבן. אָפטמאָל זענען זיי אין זייער נקמה קעגן אַזאַ „חוצפּהניק״ געגאנגען נאָך ווייטער. דורך זייערע פאַרבינדונגען מיט די ועדי המדינות און מיט דעם ועד ארבע ארצות האָבן זיי געקאָנט קאַליע מאַכן דעם קרעדיט פון אַזאַ מענטשן און אים רואינירן מאַטעריעל און מאָראַליש.

אַזאַ מין תקיף איז געווען אין לובלין אַרום מיטן 18טן יאָרהונדערט. ער האָט געהייסן אברהם בן חיים (אברהם ר״ח) און ער האָט געשטאַמט פון דער רייכער פאַמיליע היילפּערן.

דער יחוס־בריוו פון די היילפּערנס גרייכט צוריק ווייט ביז אין 16טן יאָרהונדערט. ער נעמט אַרום די שענסטע פאַמיליעס אין פּוילן און אויך מחוץ פּוילן. פון מוטערס צד ציט זיך זיין יחוס ווייטער צוריק, ווי פון פאָטערס צד. דער עלטסטער פון דער דאָזיקער משפּחה, וועמעס נאָמען ס'איז פאַרשריבן, איז געווען משה היילפּערן פון בריסק. זיין אייניקל אברהם איז געווען דער איידעם פון ר' מאיר בר' גדליה לובלין (דער מהר״ם לובלין). אברהם האָט גענומען אַנטייל אינעם צוזאַמענפאָר פון ועד ארבע ארצות אין יאָר 1655. אברהמס זון בנימין וואָלף האָט זיך באַטייליקט אין דער סעסיע פונעם ועד ארבע ארצות אין יאָר 1693 אין יעריסלאַוו. בנימין וואָלפס עלטסטער זון, מאיר, איז געווען רב אין אָפּאַטאָוו און דערנאָך אין לובלין, וווּ ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1723. בנימין וואָלפס טאָכטער הדסה האָט חתונה געהאַט מיטן מחבר פון „עיר בנימין״, ר' חיים און פון דער דאָזיקער חתונה זענען אַרויסגעקומען דריי קינדער: אונזער אברהם היילפּערן, און אַ צווייטער זון שאול און אַ טאָכטער, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיטן רב פון זשעלעכאָוו.

חיים איז געשטאָרבן אין 1707 און הדסה האָט געמוזט אַליין דערציען די קינדער. זי איז געווען רייך און האָט געטאָן אַ סך צדקה; ווען די „מדינה״ לובלין אינעם ועד איז געווען געענגט אין געלט, האָט זי אויסגע־

ליען 3000 פלאָרין, וועלכע זענען נאָך אין יאָר 1765 נישט געווען באַ־צאָלט. הדסהס זין האָבן זיך גאָר שנעל אריינגעטאָן אין קהילה־לעבן; אין יאָר 1732 זענען שוין ביידע, אברהם און שאול געווען מיטגלידער אינעם ועד פון דער מדינה לובלין, און שוין אין 1739 האָט אברהם פארטראָטן זיין פאָטערשטאט לובלין אינעם צוזאמענפאָר פונעם ועד אין יאראסלאוו. דאָ איז ער געקומען אין נאָענטע באציאונגען צו די פּראָ־מינענטסטע יידן פון פוילן און דאָ האָט ער אויך געזוכט שידוכים פאר זיינע קינדער.

אזוי האָט ער חתונה געמאַכט זיין זון משה פנחס מיט דער טאָכ־טער פונעם סוחר און עלטסטן פון די יידן אין רייסן, ישראל איסר פון זשאָלקיעוו. משה איסר איז קודם געווען רב אין סווירזש ביי לעמבערג און דערנאָך אין זשאלקיעוו און סעקרעטאר פונעם יידישן סיים פאר דער מדינה רייסן.

זיין צווייטן זון, יעקב חיים, האָט אברהם הייליפערן חתונה געמאכט מיט חיה, א טאָכטער פון דעם באַרימטן מעדיקער און פּרעזידענט פונעם יידישן סיים אין יעריסלאַוו, דר. יצחק פאָרטיס. צוויי ברידער פאָרטים זענען געווען דאָקטוירים אין לעמבערג: ליבערמאַן לוי און יצחק; דער ערשטער האָט שטודירט אין פאדוא און דער צווייטער אין פראנקפורט ביים אָדער. ביידע האָבן געהאט א גרויסע מעדיצינישע פּראקטיק אין לעמבערג און אין גאנץ רייסן, און דורכדעם ארויסגערופן א געפיל פון קנאה ביי די קריסטלעכע דאָקטוירים. אזוי ווערן זיי אין יאָר 1710 פאר־קלאָגט ביים קרוין־טריבונאל דערפאַר, וואָס זיי טראָגן נישט די געוועג־לעכע יידישע טראכט, נאָר א דאָקטערישע פעלערינע. באַזונדערס שטארק איז געווען דער האַס פון די קריסטלעכע דאָקטוירים קעגן דר. יצחק פאָר־טים, וועלכער האָט געהאט זיינע פאציענטן צווישן דער הויכער אריסטאָ־קראַטיע. ער איז געווען געלערנט אין אלע וויסנשאפטן, א בקי אין תלמוד און ער האָט אויך ארויסגעגעבן רבנישע הסכמות אויף פארשידענע ספרים. חוץ דעם האָט ער אויך גוט געקענט דעם „ברית חדשה" (נייער טעסטאמענט). אזוי דערציילט אונז דער גלח פון ליזשענסק, ראדלינסקי, אז דר. יצחק פאָרטים איז אמאָל אין דער דאָזיקער שטאָט קראנק גע־

וואָרן און ער איז אַ לענגערע צייט געלעגן אין בעט. דאַן האָט זיין פּאַ־ציענט, דער וואָיעוואָדע פון פּאָדאָליע, יוזעף פּאָטאָצקי, אים מבקר חולה געווען, און ער האָט שטאַרק געוואָלט, אַז דער יידישער דאָקטאָר זאָל זיך שמדן. ער האָט אים צוגעזאָגט גיטער און ערנפּאָסטנס, אויב ער וועט בייטן זיין גלויבן. אַזוי ווי דאָס האָט זיך פּאָטאָצקין נישט איינגעגעבן, האָט ער געשיקט צום קראַנקן דאָקטאָר דעם דערמאָנטן גלח ראַדלינסקי, אפשר וועט אים זיך איינגעבן דורכצופירן דאָס הייליקע ווערק. דער גלח האָט געגעבן דעם דר. פּאָרטים צו לייענען דאָס בוך פון דעם דאָמיניקאַנער אַלפּאָנסאָ באָנאָהאָמינע „טראַקטאַטוס ראַבי סאַמועלים", ער האָט מיט אים גערעדט איבער פאַרשידענע טעמעס פון דער קאַטוילישער רעליגיע און ער איז געבליבן דערשטוינט איבער דער בקיאות פון דעם יידישן דאָקטאָר אינעם נייעם טעסטאַמענט און אין די שריפטן פון די פאַרשידענע „פּאָטערס פון דער קירכע". ער האָט זיך דאַן מיאש געווען פון דעם פּלאַן אָפּצושמדן דעם דאָקטאָר, באַדויערנדיק שטאַרק, וואָס דער דאָזיקער פּלאַן האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

אַדאַנק דער השפּעה פון זיין פאָטער און פון זיין שווער, ווי אויך אַדאַנק זיין בקיאות אין תלמוד, וואָס ער האָט דערוואָרבן ביי זיין רבין, דעם רב פון אַמסטערדאַם ר' יונתן אייבעשיץ, איז יעקב חיים אויסגע־ווילט געוואָרן אַלס רב פון לובלין און ער האָט פאַרנומען דעם כסא הרבנות ביז צו זיין פּטירה אין יאָר 1769.

אַרום מיטן 18טן יאָרהונדערט האָט אויסגעבראָכן דאָס גרויסע מחלוקת צווישן יונתן אייבעשיץ און יעקב עמדן וועגן קמיעת. דאָס מחלוקת האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע גרעסערע יידישע קהילות און ס'האָט דערגרייכט קיין לובלין. ר' יעקב חיים האָט לאַנג נישט געוואַרט און אין ראש חודש אייר תקי"א האָט ער אויסגערופן דעם גרויסן חרם קעגן יעקב עמדן און זיינע חסידים.

דער חרם איז געוואָרן אונטערגעשריבן פון צען לומדים פון לובלין און פונעם רבס פאָטער, אברהם ר' חיימס און איז אויפגעשלאָגן געוואָרן אויף דער וואַנט פון דער מהרש"ל שול אין לובלין און דערנאָך אין כמעט אַלע שולן אין קליינפּוילן.

יעקב עמדן איז נישט געבליבן גלייכגילטיק צו די פּאַסירונגען אין לובלין און אין קליינפּוילן. ער האָט גוט געוווּסט, אַז דער אַמטירנדיקער פּרעזידענט פונעם ועד ארבע ארצות, אברהם פון ליסאַ, איז צעקריגט מיט אברהם פון לובלין, ווייל ער האָט אין אים געזען אַ מעגלעכן קעגנ-קאַנדידאַט פאַרן אַמט פון פּרעזידענט. דערפאַר האָט עמדן זיך געווענדט צו אים מיט דער פאָדערונג, ער זאָל אַרויסטרעטן שטרענג קעגן דעם רב פון לובלין און קעגן זיין פאָטער. אויך די חסידים פון יעקב עמדן האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין, און זיי האָבן געוואָרנט אברהמען פון ליסאַ, אַז אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין, ד. ה. אויב דער חרם קעגן יעקב עמדן וועט ווייטער אָנגעהאַלטן ווערן אין פּוילן, וועלן אין די לענדער פון מערב אייראָפּע פאַרשלאָסן ווערן אַלע טירן פאַר די יידן פון פּוילן. זיי האָבן אויך געוואָלט מאַכן פון דעם ענין אַ פּאָליטישע אַקציע און זיי האָבן דערקלערט, אַז דער קעניג פון פראַנקרייך, וועמעס אונטערטאַן יעקב עמדן איז געווען, קאָן ציען צו פאַראַנטוואָרטונג די פּוילישע יידן צוליב דעם חרם.

נאָך דעם דאָזיקן ברייוו האָט מען זיך געקאָנט ריכטן, אַז דער ענין וועט באַהאַנדלט ווערן אויפן קומענדיקן צוזאַמענפאָר פון ועד ארבע ארצות. און אויפן סיים אין קאָנסטאַנטינאָוו אין 1751 איז פאַקטיש געקומען צו אַ שאַרפער מחלוקת און קריגערייַ צווישן די לובלינער און דער פּאַרטיי פון אברהם פון ליסאַ. אברהם היילפּערן, וועלכער איז שוין געווען אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פונעם ועד, האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם דאָזיקן אַמט, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבן און פאַר וועלכן ער האָט געבראַכט אַזוי פיל קרבנות. דורך ברוך יאוון, דעם הויף-מעקלער פון דעם מיניסטער בריל, האָבן די אָנהענגער פון יעקב עמדן געפונען אַ וועג צום פינאַנץ-מיניסטער סיעדלניצקי, אונטער וועמעס העכסטער אויטאָריטעט דער אויטאָנאָמער יידישער אָרגאַן האָט זיך געפונען, און ער, דער פינאַנץ-מיניסטער, האָט מבטל געווען די וואַל פון אברהם פון לובלין (היילפּערן) צום יידישן מאַרשאַל און ער האָט אים באַפוילן צום קומענדיקן צוזאַמענפאָר פונעם ועד מיטצוברענגען זיין זון יעקב חיים, דעם רב פון לובלין.

אברהם פון ליסא האָט טריאומפירט: ער איז געבליבן אויף זיין ערן־אמט אלס יידישער מאַרשאַל, אַלס עלטסטער פון די יידן, און ער האָט דערלעבט אַ נקמה אָן זיין קעגנער. אָבער באַלד האָט זיך די לאַגע געביטן.

פון טאָג צו טאָג האָבן זיך געמערט די קלאַגעס פון די יידן קעגן די תקיפים אויף די צוזאַמענפאָרן פון די „מדינות" און אויפן ועד ארבע ארצות קעגן זייער באַלעבאַטעווען מיט די שטייער געלטער, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט אין די רעגירונגס־קרייזן.

שוין ביי דער פונאַנדערטיילונג פון די יידישע שטייער־התחייבותן אין דער סעסיע פונעם ועד אין יערױסלאַוו (פון 15טן מערץ ביז דעם 8טן יולי 1739) האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ ריזיקער דעפיציט אינעם בודזשעט. די שטייערן האָבן דערגרייכט 323 טויזנט גילדן יערלעך, חוצדעם איז אויפן צוזאַמענפאָר גופא באַוויליקט געוואָרן אַ סומע פון 11.000 גילדן אויף פאַרשידענע מתנות פאַר די פוילישע שררות און בישאָפן, און די שטייערן זענען געהעכערט געוואָרן מיט 34.000 גילדן יערלעך פאַר די קומענדיקע דריי יאָר. פאַרוואָס מען האָט געמוזט אַרויפלייגן אַזעלכע גרויסע שטייערן, ווערט פון די רעכענונגען נישט קלאָר. נאָר פון אַנדערע קוואַלן דערוויסן מיר זיך, אַז די גרויסע פּראָצעסן האָבן אָפּגעקאָסט אַ סך געלט (דער עלילת דם פּראָצעס אין צוויזמער, דער פּראָצעס קעגן די ברידער רייצעס אין לעמ־בערג — די קדושים וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט צוליב אַ בלבול, אַז זיי האָבן מבזה געווען דאָס קריסטנטום, און דער אימהדיקער עלילת דם פּראָצעס אין פּויזן אין 1736 ביז 1739); חוץ דעם איז בעת דער סעסיע גופא פאָרגעקומען אַ זייער אומאַנגענעמע מעשה מיט דעם געוועזענעם רב פון שידלאָוו, וועלכער האָט זיך געשמדט ביי די יעזואיטן, פאַר־בייטנדיק זיין נאָמען אויף יאַן יאַקאָב שידלאָווסקי און פאַרפאָלגנדיק מוראדיק די רבנים, זיינע געוועזענע חברים. דער פאָרזיצער פון דעם דאַ־זיקן סיים איז געווען העשל פון כעלם, און אברהם פון ליסא איז געווען וויצע פּרעזידענט. אברהם הײלפּערן פון לובלין איז דאַן געווען איינער פון די דעלעגאַטן. שוין דעמאָלט האָט דער רעגירונגס־קאָמיסאַר טשאַפּסקי אין נאָמען פונעם פינאַנץ־מיניסטער דזיאַלינסקי אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן געדאַרפט פירן צו אַ סאַנאַציע פון די פי־נאַנסן פון דער יידישער אויטאָנאָמער קערפּערשאַפט.

עס זענען אוועק 14 יאָר און די פראגע וועגן דער סאַנירונג פון די יידישע פינאַנסן איז אָפטמאָל באהאנדלט געוואָרן אפילו אין פוילישן סיים אין ווארשע; אין דער סיים-סעסיע פון 1748 איז אָפיציעל פאָרגעלייגט גע-וואָרן אויפצולייזן די גאנצע יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, און נאָר צוליב פאָרמעלע מאָטיוון איז דער פאָרשלאָג נישט געקומען צו דער אָפּ-שטימונג. די לאַגע פון די יידן אין פוילן האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. עס האָבן זיך געמערט די עלילת דם-פּראָצעסן, און מען האָט גע-מוזט דערלובן גלחים צו קומען אין די שולע פּרעדיקן שמד. באַלד איז אָנגעקומען קיין פוילן די „בולע" (גזירה) פונעם פויפּסט בענעדיקט דעם 19טן (פון 14טן יוני 1751) און נאָך איר זענען געקומען די דורכפירונגס-דעקרעטן פון די פוילישע בישאָפן יאן שעמבעק פון כעלם און פראנצישעק קאַביעלסקי פון בריסק און לוצק, דורך וועלכע א סך יידן האָבן פאַרלאָרן זייער עקזיסטענץ. געפינענדיק זיך אין דער גרעסטער סכנה, ווענדן זיך די יידן פון די צוויי דיעצעזעס מיט א ביטע צום פויפּסט בענעדיקט דעם 14טן, וועלכער שיקט איבער די פּעטיציע צום נונציוס אין ווארשע. דעם 18טן דעצעמבער 1752 ווענדט זיך דער נונציוס צום בישאָף קאַביעלסקי מיט דער פאַראָרדענונג אָפּצושטעלן די רדיפות. דער נונציוס וויל גאָר נישט גלויבן, אַז די יידן ווערן אַזוי אָן רחמנות גערודפט, און ער בעט דעם בי-שאָף דורכצופירן א שטרענגע אויספאָרשונג.

דאָס אַלץ ווערט באהאנדלט אין דער פאַרזאַמלונג פונעם ועד אין קאָנסטאַנטינאָוו. מען מוז זוכן מיטלען און וועגן ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון דער צרה. דאָס זיכערסטע מיטל איז געווען געלט, און מען האָט גע-מוזט וואָס גיכער שאַפן געלט, אפילו פאר שווערע פּראָצענטן. אברהם פון ליסא, וועלכער האָט אַמטירט אַלס ראש פונעם ועד פון זינט דעם יאָר 1740, האָט אַרויסגעשיקט זיינע סעקרעטאַרן אויף אַלע וועגן, זוכן געלט. וועגן דער הויך פונעם פּראָצענט האָט מען נישט געטאַרט פרעגן, דער עיקר איז געווען צו באַקומען די נויטיקע סומען און דאָס איבערצוגעבן, ווו מען האָט באַדאַרפט. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט מען געצאָלט אפילו 30 פּראָ-צענט, ווען די סכנה איז געווען גרויס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזעלכע געלט-מאַניפּולאַציעס האָט מען זיך

נעמוזט פאַרלאָזן אויף דער ערלעכקייט פון די סעקרעטאַרן און אַנדערע באַאמטע, ס'איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט פון קאָנטראָל, ווייל מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וויפיל דער באַאמטער האָט פּאַק-טיש אויסגעגעבן און וויפיל ער האָט באהאַלטן פאַר זיך. די עפנטלעכע מיינונג האָט אָפט פאַרדאַמט נישט איין „פאַרזאָרגער פונעם פאָלק ישראל״ אלס שווינדלער און גנב. ס'איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס קעגן אברהם פון ליסא האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע אונטער דער אָנפירונג פון אונזער אברהם היילפּערן פון לובלין.

נאָך דעם ווי מען האָט 14 יאָר געבאַלעבאַטעוועט מיט קהלשע געלטער אָן אַ שום קאָנטראָל, האָט מען געוואָלט קאָנטראָלירן די חשבונות זינט 1739. דער פינאַנץ-מיניסטער גראַף קאַראָל סיעדלניצקי האָט צונויפגערופן קיין יעריסלאַוו דעם פּרעזידענט פונעם ועד, אברהם פון ליסא, די סעקרע-טאַרן, קאַסירער און דעלעגאַטן פון די „מדינות״ און פון די גרויסע קהילות. זיי האָבן באַדאַרפט מיטברענגען מיט זיך אַלע ביכער, חשבונות, קוויטונגען און אַנווייזונגען. דער סטאַראָסטע פון ראַדאָם, קאַזשימיעזש גראַ-באָווסקי איז באַשטימט געוואָרן צום קאָמיסאַר פון דעם דאָזיקן סיים און צום איבערזעער פון אַלע רעכענונגען. ווי שטאַרק איז אָבער געווען די אויפרעגונג פון דעם קאָמיסאַר, ווען צו דער באַשטימטער צייט פאַר דער דער-עפענונג פונעם צוזאַמענפאָר זענען געקומען נאָר עטלעכע דעלעגאַטן פון פּרעמיסלע (פּשעמישל), עס זענען נישט געקומען, נישט דער פּרעזידענט, נישט די וויכטיקסטע באַאמטע. ערשט אין אַ וואָך אַרום איז געקומען אברהם פון ליסא און ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז די סעקרעטאַרן און די באַאמטע פון דער קאַסע געפינען זיך אין זאַמאָשטש, ווו די רעכענונגען ווערן קאָנטראָלירט און די אויסווייזן איבער די איינקונפטן און אויסגאַבן ווערן צוזאַמענגעשטעלט. דער קאָמיסאַר האָט צונויפגערופן דעם סיים אויפן 10טן נאָוועמבער אין ער האָט באַפוילן דעם ראש פון ועד, ער זאָל אונטער-זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרשטענדיקן אַלע עלטסטע, פּרנסים און דע-לעגאַטן, און אויך צו לאָזן אויסרופן אין אַלע קהילות, אַז וועלכע פון זיי עס פילט זיך געקריוודעט דורך די אויף זיי אַרויפגעלייגטע צו שווערע שטייערן, האָט דאָס רעכט צו קומען מיט זייערע קלאַגעס צום קאָמיסאַר אין יערים-

לאוו. אויף דער ביטע פון די געקומענע דעלעגאַטן איז באַשטימט געוואָרן א נאָענטערער טערמין פאַר דער דערעפענונג פונעם צוזאַמענפאָר (אָנפאַנג סעפּטעמבער), און דער קאָמיסאַר האָט נאָכאַמאָל שטרענג דערמאָנט דעם ראש פון ועד, ער זאָל אַלע פאַרשטענדיקן. אָבער אויך צום צווייטן טערמין זענען נישט געקומען די סעקרעטאַרן, נישט די פירנדיקע מיטגלידער פונעם ועד. און אַזוי ווי מען האָט נישט געקאָנט ווייטער אָפּלייגן דאָס פונאַנדער־טיילן פון די שטייער-התחייבותן, האָט דער קאָמיסאַר נאָמינירט אַן עקזע-קוטיוו-קאָמיסיע און איר איבערגעגעבן אַלע אויפגאַבן פון דעם ועד. אברהם האַלפּערן איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראש פון דער קאָמיסיע און די וואַל איז סאַנקציאָנירט געוואָרן פון דעם פינאַנץ-מיניסטער סיעדלניצקי.

אַזוי האָט אברהם היילפּערן דערגרייכט דעם הויכן אַמט, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט דאָס גאַנצע לעבן, אַן אַמט וואָס איז מיט רעכט באַ-טראַכט געוואָרן אַלס די העכסטע ערנשטעלע ביי די יידן אין פּוילן. אָצינד האָט היילפּערן געקאָנט זיך אָננעמען פאַר יונתן אייבעשיץ, וועמעס ענין ס'איז נאָך אַמאָל געקומען אויפן סדר היום פון ועד ארבע ארצות. אויף דער זיצונג פון ב׳ מרחשוון תקי"א האָט די פאַרזאַמלונג פונעם ועד דער־קלערט יונתן אייבעשיץ פאַר אומשולדיק און די שריפטן פון זיינע קעג-נער זענען פאַרברענט געוואָרן אויפן מאַרק אין יערוסלאַוו.

מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן די טעטיקייט פון אברהם היילפּערן אַלס ראש פונעם ועד ארבע ארצות. אָבער דער דאָזיקער גרויסער כבוד איז אים נישט גרינג באַקומען. אַ שווערע, פינסטערע נאַכט האָט זיך דאַן אויסגעשפּרייט איבערן פּוילישן יידנטום, ס'איז געקומען איין עלילת דם פּראָצעס נאָכן אַנדערן, ווי דער בלוטיקער פּראָצעס אין זשיטאָמיר (1753) און דער פּראָצעס אין יאַמפּאָל (1756), וועלכער האָט געקאָסט נישט ווײי-ניקער בלוט-קרבנות ווי דער ערשטער. אין דעם יאָר איז די פאַרזאַמלונג פונעם ועד צונויפגערופן געוואָרן קיין קאָנסטאַנטינאָוו. צו דער פאַרזאַמ-לונג איז געקומען אַ שליח פון די יאַמפּאָלער יידן און מיט ביטערע ווערטער דערציילט וועגן די ליידן פון דער דאָזיקער געפּייניקטער קהילה. די פאַר-זאַמלונג האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן נאָך אַמאָל צום פּויפּסט, און דער שליח, אליקום בן אשר זעליג, האָט זיך אַנטשלאָסן, אַליין צו פאָרן קיין

רוים. ער איז באַלד אַוועקגעפאָרן דורך װענעציע און מאַנטוא קיין רוים, און נאָך איידער ער האָט געקאָנט דערלײדיקן זיין אויפגאַבע, איז געקומען אַ נייע צרה איבערן פּוילישן יידנטום.

אין פּאָדאָליע איז אויפגעקומען דער פאַלשער משיח פראַנק, אַ גיים־טיקער נאָכפאָלגער פון שבתי צבי. אין אַ קורצער צייט זענען צו אים צוגעשטאַנען די נאָך געבליבענע שבתי צביניקעס אין פּוילן, און ער האָט זיך פאַר זיי דערקלערט פאַר אַ משיח. אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט אים נישט געגלויבט און געזען אין אים אַ פאַררעטער, און די רבנים האָבן גענומען אים רודפן, האָט ער זיך צוגעחנפעט צו די פּריצים און גלחים. אינעם בי־שאָף פון קאַמעניעץ פּאָדאָלסק, דעמבאָווסקי, האָט ער געפונען אַ מעכטיקן פּראָטעקטאָר. כדי צו האָבן אַן אויסרייד פאַר זיין שמד, האָט פראַנק ארויסגעפאָדערט די רבנים צו אַן עפנטלעכן וויכוח. דער בישאָף דעמבאָוו־סקי האָט געצווונגען די פּאָדאָליער קהילות צו שיקן זייערע רבנים קיין קאַמעניעץ צום וויכוח, און דאָ האָט פראַנק אויסגעדריקט זיין גלויבן אין אַ געטלעכער דריי־איינקייט *). אַלס ענטפער אויף דעם איז געקומען אַ חרם מצד די רבנים. אויף אַ באַשלוס פונעם ועד ארבע ארצות איז אויף אַן אסיפה פון רבנים אין בראָד (כ׳ סיון, תקט״ז) געוואָרן אויסגערופן דער

---

*) יעקב פראַנק, אַן אַוואַנטוריסט, שווינדלער און נואף, וועלכער האָט זיך אין זיינע שווינדלערייען באַנוצט מיט דער שפּראַך פון קבלה, איז געבוירן גע־וואָרן אין רייסן אין יאָר 1726, דער שפּעטערדיקער גאַליציע, אין אַ דאָרף לעבן הוסיאַטין. אין די יונגע יאָרן האָבן אים זיינע געשעפטן געפירט קיין טערקיי. אין סמירנע, וווּ ער האָט געלעבט אַ געוויסע צייט, איז נאָך געווען שטאַרק די השפּעה פון שבתי צבי, און דאָרט איז ער געפאַלן אויף דער אַוואַנטוריסטישער המצאה אויפצוטרעטן אַלס משיח. ער האָט דאַן גענומען באַווייזן פאַרשידענע שווינדלערישע מופתים און טרייבן אָרגיעס מיט ווייבער. אומקערנדיק זיך קיין פּוילן אין 1756, האָט ער זיך קודם באַזעצט אין לאַנצקאָראָן, לעבן קאַמעניעץ פּאָדאָלסק. דאָ האָט דער בישאָף דעמבאָווסקי דערשמעקט, אַז ער קאָן אין פראַנקן און אין זיינע תלמידים געווינען שעפסלעך פאַר דער קירכע, ער האָט אים דערי־בער געשטיצט אין זיינע שטריטן מיט די יידן. פאַר זיין עפנטלעכן וויכוח מיט די יידן האָט פראַנק אָפּגעגעבן אַ מין דעקלאַראַציע, אין וועלכער ער האָט דער־קלערט, אַז ער גלויבט אין תורת משה און איז אָנגעפאַלן אויפן תלמוד. ווייטער האָט ער דערקלערט, אַז גאָט איז איינער אָבער ער האָט דריי געשטאַלטן, וועלכע בילדן דאָך אַן איינהייט. אין דעם דאָזיקן אני מאַמין האָט דער בישאָף געזען, אַז עס וועט אים נישט שווער זיין צו ברענגען פראַנקן מיט זיין גאַנצער חבריא צו דער שמד, און ער האָט אים דעריבער געשטיצט און באַשיצט קעגן די יידן. (אַנמערקונג פונעם איבערזעצער).

חרם קעגן פראַנקן און זיין חבריא. פראַנק און זיינע לייט זענען דאַן אַרויס-געטריבן געוואָרן פון די קהילות, קיין שום ייד האָט נישט געוואָלט שטיין אין זייערע ד׳ אמות. געפינענדיק זיך אין אַזאַ לאַגע, האָבן זיי זיך גע-ווענדט צום קעניג אויגוסט דעם דריטן און צו זיין מעכטיקן מיניסטער בריל, ביי וועמען זיי האָבן געפונען שוץ און שטיצע. באַלד איז באַשטימט געוואָרן אַ צווייטער וויכוח אין לעמבערג, ווו פראַנק האָט זיך אונטערגענומען צו באַווייזן דאָס אָנקומען פון משיחן. די יידן וואָלטן זיך נישט גע-ווען אינטערעסירט מיט די דאָזיקע פּלוידערייען, ווען פראַנק זאָל נישט גע-ווען אָנזאָגן די באַשולדיקונג פון ריטואַל-מאָרד, וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו „באַווייזן".

די באַרצווייפלונג צווישן די יידן איז געווען גאָר גרויס. די פירער פונעם ועד ארבע ארצות מיט אברהם היילפּערן בראש האָבן נישט גערוט, זוכנדיק אַלע מעגלעכע מיטלען מבטל צו זיין דעם וויכוח. היילפּערן האָט זיך אַפילו צו דעם צוועק איבערגעבעטן מיט זיין אַלטן שונא ברוך יאַוון, דעם הויף-מעקלער פון דעם מיניסטער בריל, כדי צו געפינען אַ צוטריט צו דער רעגירונג. אַדאַנק זיין השפּעה איז געוואָרן דערגרייכט, אַז מען זאָל שטעלן פראַנקן די באַדינגונג פאַר איינאָרדענען דעם וויכוח, אַז תיכף נאָכן וויכוח דאַרף ער זיך שמדן. דער פּלאַן פון די יידן, צו צווינגען פראַנקן, ער זאָל זיך שמדן נאָך פאַרן וויכוח, האָט זיך נישט איינגעגעבן אַדאַנק פראַנקס כיטרעקייט.

דער לעמבערגער וויכוח האָט זיך אָנגעהויבן דעם 10טן יולי 1756 און ער האָט געדויערט זיבן וואָכן; פאַר דער גאַנצער צייט האָט דאָס פּוילישע יידנטום געוואַרט מיט אומרו און אויפרעגונג אויף דעם לעצטן פּונקט — אויף פראַנקס באַשולדיקונג וועגן ריטואַל-מאָרד. דער לעמבער-גער רב, חיים הכהן ראַפּאַפּאָרט, האָט גערעדט אין נאָמען פון די יידן, און הינטער די קוליסן זענען געשטאַנען די דעלעגאַטן פונעם ועד ארבע ארצות מיט אברהם היילפּערן בראש. נאָך דעם וויכוח האָט פראַנק זיך געשמדט אין דער לעמבערגער קאַטעדראַל צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער און ער איז באַלד אַוועק קיין וואַרשע, כדי דאָרט דורכצופירן די שמד-צערעמאָניע אויף אַ פייערלעכן אופן.

ער איז געפאָרן דורך זאמאשטש, ווו ער איז אָנגעקומען אין יום כיפור. פון זאמאשטש איז ער געפאָרן קיין קראסנאסטאוו, ווו דער פירשט ראדזיוויל איז געקומען אים מקבל פנים זיין, בלייבנדיק מיט אים עט־לעכע שעה. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָ געקומען צו אַן עלילת דם פראָצעס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין שטעטל וואָיסלאַוויצע און זיך געענדיקט אין קראסטנאסטאוו מיט דעם מאַרטירער טויט פון די אומשול-דיקע יידן *).

פון קראסנאסטאַוו איז פראַנק געפאָרן קיין לובלין. אַרומגערינגלט פון באוואָפנטע רייטערס, איז דער „משיח"-משומד אָנגעקומען קיין לוב-לין דורך דער פאָרשטאָט קאַלינאָוושטשיזנא. דאָ האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם יידן צו באַגעגענען דעם פאררעטער, און עטלעכע יידן, וואָלף זאַמאָיסקי, זיסקינד, דער זון פון קאָפל, הערש, דער זון פון אַבוש, לייב שמוקלער און סראָל קירשנער האָבן באוואָרפן פראנקס קאָטש מיט בלאָטע און שטיינער, אזוי אַז פראנקס באוואָפנטע באַגלייטער האָבן גע-מוזט מיט די אויסגעצויגענע שאבלעס פונאַנדערטרייבן דעם אויפגערעגטן עולם. ס'איז געקומען צו אַ געשלעגריי ביז די טריבונאַל־וואַך האָט ווי־

---

*) דער בלוט־בלבול אין וואָיסלאַוויצע איז געווען א דירעקטער רעזולטאַט פון דער געמיינער העצע פון פראַנקן און פון זיינע לייט. בכלל האָט פראַנקס בא-שולדיקן די יידן, אז זיי געברויכן קריסטלעך בלוט „צו ריטועלע צוועקן", גע־בראכט א סך צרות די יידן אין פוילן. אין וואָסלאַוויצע, לעבן לובלין, ווו עס איז געפונען געוואָרן א דערמאָרדעטער יונגער שייגעצל, מיקאָלאַי אַנדרעיטשוק, זיינען די פראַנקיסטן ארויס מיט א בלוט-בלבול, און באשולדיקט אין דעם „ריטועלן־מאַרד" דעם רב און דעם דיין פון וואָיסלאַוויצע און די צוויי שמשים פון דער שול. די פארביסנקייט פון די פראנקיסטן איז געווען אזוי ווייט, אז איינע פון די פראנקיסטישע ווייבער האָט זיך פארשטעלט אלס די רביצין און זי איז גע־גאנגען צום אָרטיקן גלח, כלומרשט זיך מודה זיין אינעם פארברעכן, וואָס זי און איר מאן זיינען באַגאַנגען. די באשולדיקטע יידן זיינען א לאנגע צייט געפּיי-ניקט געוואָרן אין אַרעסט און דערנאָך זענען זיי פאַרמשפּט געוואָרן צו ווערן צעשניטן לעבעדיקערהייט. דריי פון די פאראורטיילטע האָט מען טאַקע אויף אזא שוידערלעכן אופן דערהרגעט און זייערע צעשטיקלטע קערפּערס בא־גראָבן אויפן קריסטלעכן צמענטער, ווייל די גלחים האָבן אויף זיי „געהאַט רח-מנות" און באַגאָסן מיטן היליקן טויף־וואסער אינמיטן דער גרויעלדיקער הענ-קערישער ארבעט. דער באשולדיקטער רב האָט זיך אליין גענומען דאָס לעבן אין תפיסה, כדי נישט אַריינצופאלן אין די הענט פון די רוצחים. (אָנמערקונג פונעם איבערזעצער).

דערגעשטעלט די רו. דערנאָך איז געוואָרן איינגעאָרדנט אַ שטרענגע אויספאָרשונג און ערב סוכות, דעם 6טן אָקטאָבער 1759, האָט דער קרוינטריבונאַל אונטערן פאָרזיץ פון אַלעקסאַנדער יאַבלאָנאָווסקי, פאַרמשפּט די שולדיקע צו צוויי וואָכן אַרעסט יעדן איינעם, און די קהילה איז פאַרמשפּט געוואָרן צו צאָלן פראַנקן 2000 מאַרק.

אין לובלין האָט פראַנק געוווינט אין אַ פּאַלאַץ פון אַ שליאַכטשיץ, און ער איז אָפּט אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע מקורבים שפּאַצירן איבער דער שטאָט און אין די פאָרשטעט. ער האָט אויך באַזוכט דעם אַלטן יידישן בית עולם, באַטראַכטנדיק די שיינע מצבות. דעם 18טן אָקטאָבער איז געשטאָרבן איינער פון זיינע מקורבים, וועלכער האָט פאַר דער שמד געהייסן ר׳ משה, די קריסטלעכע אָרדנס און די צעכן האָבן אים געמאַכט אַ פייערלעכע לויה, פירנדיק זיין טויטן קערפּער צו דער קירכע, וווּ ער איז באַגראָבן געוואָרן. דעם הספּד האָט געהאַלטן דער גלח בזשעסקי.

ערשט ווען פראַנק האָט פאַרלאָזן די שטאָט, דעם 23סטן אָקטאָבער, האָבן די לובלינער יידן געקאָנט פריי אָפּאָטעמען. אברהם הייל‍פּערן האָט זיך געקאָנט אויך אַ ווייל אויסרוען. אָבער באַלד זענען געקומען נייע פּאַסירונגען, וועלכע האָבן געפאָדערט נייע אָנשטרענגונגען פון זיינע שוואַכע כוחות. ער איז שוין געווען צו אַלט און געבראָכן צו קענען דערפילן די שווערע אויפגאַבן. ער האָט דעריבער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט אַלס ראש פון ועד ארבע ארצות, און ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין בית המדרש, וווּ ער האָט פאַרבראַכט די צייט מיט לערנען. צום ראש פון ועד איז אויסגעוויילט געוואָרן ר׳ מאיר פון דובנא, און אברהם הייל‍פּערנס זון, דער זשאָלקעווער רב ר׳ משה פּנחס, האָט אים געדינט אַלס „רעכטע האַנט”, ביז צו דער אויפלייזונג פון דער יידישער אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע אין יאָר 1764 (תקכ״ד). אברהם האָט נישט דערלעבט דעם סוף פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן. ער איז געשטאָרבן ט״ו חשוון ה׳תקכ״ג (1טן נאָוועמבער 1762). מען האָט אים קבר געווען אויפן אַלטן יידישן בית עולם אין לובלין.

זיבן יאָר שפּעטער איז אים נאָכגעגאַנגען אין קבר אַריין זיין זון יעקב חיים, דער רב פון לובלין. מען האָט אים מקבר געווען נעבן זיין

פאָטער. די אַנדערע קינדער פון אברהם היילפערן, ווי אויך די אייניקלעך און אוראייניקלעך האָבן זיך צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן אָנגענומען נייע פאַמיליע־נעמען און פאַרגעסן זייער יחוס מיט זייער זיידן. אין לובלין איז געבליבן אַן אָנדענק די פון אים געגרינדעטע שול, וועלכע מען האָט גערופן די „פרנס שול״, אַ פשוטער זאַל אויפן ערשטן שטאָק פון הויז נומער 44 אויף דער שעראָקאַ גאַס. אינעווייניק זענען די ווענט פאַרשטעלט מיט הויכע שרענק, אויסגעפולט מיט ספרים. אַ גאַנצן טאָג זענען דאָ געזעסן בחורים און געלערנט. אַן אַלטער ייד אַ קאַליקע איז דאָ געזעסן און געהיט די ספרים. ער איז אויך געווען דער שטענדיקער בעל תפילה, מלמד און שמש פון דער אַמאָל באַרימטער פרנס שול.

ע ל פ ט ע ר   ק א פ י ט ל

# דער חוזה פון לובלין

(ר׳ יעקב יצחק האָראָוויץ)

„ער איז געווען א מלאך, אַז זיין טיר האָבן אָנגעקלאַפּט די גרעס־טע רבנים פון זיין צייט, ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבן די אויגן, נישט פאראייניקנדיק זיך מיטן בורא עולם" — דאָס האָט געזאָגט וועגן אים דער אָפּאטאָווער רב ר׳ אברהם יהושוע העשל. דער מגיד פון קאָ־זשעניץ האָט אים גערופן „אורים ותומים" און די גאנצע וועלט האָט אים געגעבן דעם נאָמען „דער חוזה פון לובלין". זיין פּנים איז געווען בא־לויכטן פון א שטראַל פון הייליקייט, וואָרום זיין נשמה איז געווען פאר־וואָרצלט אין דער נשמה פון משה רבינו, אין דער נשמה פון דעם מקובל ר׳ יצחק לוריא און אין דער נשמה פונעם בעל שם טוב. ער איז געווען שטארק אין גייסט, א מענטש מיט אַלע מעלות, כמעט פולקאָם ווי א מלאך, ווי ישעיה הנביא — עס האָט אים נאָר געפעלט די הייליקע ערד פון ארץ ישראל..."

אין דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט זענען אויפגעקומען צוויי באַ־וועגונגען אינעם פוילישן יידנטום: דער פראַנקיזם, און דער חסידיזם. ביידע זענען אויפגעקומען אין דערזעלבער פּראָווינץ, די באַגרינדער פון

ביידע ריכטונגען זענען געבוירן געוואָרן אין פּאָדאָליע, אין דרום מזרח פון פוילן: יעקב לייבאָוויטש פראנק איז געבוירן געוואָרן אין אויסציע, ר׳ ישראל בעל שם אין אָקאָפּ, אָדער ווי דאָס שטעטל האָט געהייסן אויף פויליש „אָקאָפּי שוויענטעי טראָיצי״ — די פעסטונג פון דער הייליקער דרייאייניקייט. וואָס יעדער פון די צוויי האָט פון תחילת געוואָלט, דאָס וועט בלייבן אַ סוד אויף אייביק. אָבער אין זייער שפּעטערדיקן לעבן האָבן זיי זיך געלאָזט אויף פאַרשידענע וועגן צו פאַרשידענע צילן. פראנק האָט דערפירט זיינע חסידים צו שמד און פארראט און עלילת דם, זיינע קאבאליסטישע פאנטאזיעס זענען דערטרונקען געוואָרן אין די דאָגמען פון דער קאַטוילישער קירכע, פונקט ווי זיינע תלמידים און חסידים זענען אונטערגעגאַנגען צווישן די קאַטוילישע פאמיליעס פון פוילן.

אַן אַנדערער גורל איז באַשערט געווען דעם באַגרינדער פונעם חסידיזם. זיין גאַנץ לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין די קאַרפּאַטן־בערג, שטענדיק געווען צווישן זיינע חסידים, קיינמאָל האָט ער נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין שום אמט, אַזוי האָט ער געווירקט אין דער שטיל צווישן די יידן אין פּאָדאָליער געגנט.

דורך דער אויפלייזונג פון דעם ועד ארבע ארצות און פון די ועדים פון די איינצלנע „מדינות״, האָבן די קהילות פארלוירן דעם קאָנטראָל איבער די שטרעמונגען אינעם יידנטום און אַזוי האָט דער חסידיזם געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו פאַרוואָרצלען און נישט געקוקט אויף די קעגנער, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשידענע קהילות, זיך אויסצושפּרייטן איבער גאַנץ פוילן.

דער תלמיד און נאָכפאָלגער פונעם בעל שם טוב, דער מגיד פון מעזשיבעזש (מיענדזיזשעטש), האָט פאַרטיפט די חסידישע תורה און געלייגט דעם יסוד פאַר דער אַנטוויקלונג פון די רבישע „הויפן״.

אויפן אָרט פון אַ שטאַרקן, גוט אָרגאַניזירטן גאַנצן יידנטום האָט פון איצט אָן דער רבי און זיין „הויף״ געדאַרפט בילדן דעם כוח פונעם פאָלק. דאָ, אין די רבישע הויפן, האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס לעבן פון אַ גרופּע יידן, דאָ האָבן זיך די חסידים אויסגעלעבט, דאָ האָבן זיי געלערנט זוהר און דאָ האָבן זיי געזוכט און געפונען טרייסט און הילף אין

אַלע עניִים פֿונעם לעבן. אַריינקוקנדיק אין די אויגן פֿונעם רבין, האָט דער חסיד געזען זיין צוקונפֿט, אויפֿן רבינס ליפּן האָט ער געפֿונען אָפּ-געצייכנט זיין גורל, און אין דער פֿרייד און דער התלהבות ביים דאַווע-נען און ביי די סעודות ביים רבינס טיש האָט ער פֿאַרגעסן די דחקות און די נויט פֿונעם לעבן.

די תּלמידים פֿונעם מגיד האָבן אַרויסגעטראָגן און פֿאַרשפּרייט זיין תורה און די תורה פֿונעם בעל שם ווייט אין מערב און צפֿון פּוילן; איי-נער פֿון די דאָזיקע שליחים איז גע-ווען ר׳ יעקב יצחק האָראַוויץ, דער חוזה פֿון לובלין.


פֿראַגמענט פֿון דער מהרש״ל־שול

ר׳ יעקב יצחק איז געבוירן גע-וואָרן אין שטעטל יוזעפֿאָוו ביי דער ווייסל, נישט ווייט פֿון לובלין. זיין פֿאָטער, ר׳ אליעזר, איז געווען רב אין שטעטל און דאָס רבנות האָט קוים געקלעקט אויף צו דערנערן און דערציען זיינע קינדער. דער קליינער יעקב יצחק האָט שוין אַלס ייִנגל אַרויסגעוויזן אַן ערנסטע באַציאונג צום לעבן. ער פֿלעגט כּמעט שטענדיק האַלטן די אויגן צוגעמאַכט, ער האָט זיי געעפֿנט נאָר צום לערנען. ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָר, איז געקומען קיין יוזעפֿאָוו ר׳ זוסיע, אַ ברו-דער פֿונעם רבין אלימלך פֿון ליזשענסק (לעזשאַיסק). איין מאָל האָט ר׳ זוסיע באַטראַכט יעקב יצחקן ביים דאַווענען, באַמערקנדיק טרערן אויף זיין פּנים. דאָס ייִנגל האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, ביז עס האָט זיך באַוויזן בלוט אין זיינע אויגן. האָט ר׳ זוסיע אויפֿגעהויבן זיין קול און געזאָגט: „איך האָב דיר אַריינגעלייגט אַ נשמה אין דיין האַרץ, איצט גיי צו מיין ברודער אלימלך, ער וועט אין דיר אַריינגעבן אַ גייסט".

פון דער דאָזיקער שעה אָן האָט די שכינה גערוט אויף דעם יינגל.

באַלד האָט דער פאָטער אַ שידוך געטאָן מיט אים, מיט דער טאָכ־טער פון אַ דאָרפשענקער פון קראַסנאָבראָד. ביז צו דער חתונה האָט ער זיין כלה נישט געזען, און ווען ער האָט זי דערזען פאַר דער חופּה, האָט ער דערקלערט, אַז ער וויל מיט איר נישט חתונה האָבן. דער פאָטער האָט אים אָבער געצוואונגען און צוליב כיבוד אב האָט יעקב יצחק דאָס מיידל מקדש געווען, אָבער תיכף נאָך די קידושין האָט ער פאַרלאָזן זיינע עלטערן, די מחותנים און זיין יונג ווייב און איז אַנטלאָפן פון שטאָט. ער האָט לאַנג אַרומגעוואַנדערט, געהאַט פאַרשידענע איבערלעבונגען — דער שטן האָט אים געוואָרפן שטיינער פאַר די פיס.

אַמאָל אין אָוונט — אַזוי דערציילט דער רבי פון ניעשוויזש — האָט יעקב יצחק געבלאָנדזשעט אַליין אין וואַלד, ער איז געווען הונגעריק און מיד, האָט ער פּלוצים דערזען אין דער ווייטנס אַ ליכט, און ווען ער איז נענטער צוגעקומען, האָט ער באַמערקט אַ העל באַלויכטן פענסטער אין אַ שיינעם הויז. ער איז אַריין אין דעם הויז און דאָ האָט ער פאַר זיך דערזען אַ וואונדערשיינע פרוי, וועלכע האָט אים דערלאַנגט צו עסן און צו טרינקען און דערנאָך האָט זי זיך צו אים צוגערוקט און אָנגע־הויבן אים צו רייצן. אַ דערשראָקענער איז יעקב יצחק אויפגעשפּרונגען פונעם בענקל און ער האָט דערמאַנט דער פרוי די דינים ווי אַזוי אַ חתונה געהאַטער מאַן דאַרף זיך אויפפירן. די פרוי האָט אים אָבער נישט געוואָלט נאָכלאָזן, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט אין דער הויך און גע־רופן דעם נאָמען פונעם אויבערשטן צו הילף. אין דער רגע האָט אַ דו־נער אַ קראַך געטון, דאָס הויז איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן, נישט ברענ־נענדיק יעקב יצחקן קיין שום שאָדן, די פרוי אָבער איז פאַרשווונדן גע־וואָרן אונטער דער חורבה פונעם הויז. דער יונגער צדיק איז אַרויס אַ זיגער אינעם קאַמף מיטן שטן. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איז יעקב יצחק געקומען קיין מעזשיבעזש צום מגיד, וווּ עס זענען געקומען אויך אַנ־דערע יונגע לייט, כדי דאָ צו טרינקען ביים קוואַל די נייע תורה; דאָ האָבן זיך אויפגעהאַלטן די שפּעטערדיקע זיילן פונעם חסידיזם: לוי יצחק פון באַרדיטשעוו און זלמן שניאור פון לאַדי. יעקב יצחק איז געבליבן

א לענגערע צייט אינעם הויף פונעם מגיד, ביז ער האָט דורך א צופאל געדופן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

דער מגיד פלעגט דאַווענען ביחידות אין אַ חדר מיוחד, און נאָך צום סוף האָט ער געלאָזט אַריינקומען צו זיך צען פון זיינע מקורבים, כדי צו האָבן אַ מנין. איין מאָל איז צווישן די צען געווען אויך יעקב יצחק. דער מגיד האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים און געהייסן אַן אַנדערן אַריינרופן. אָבער אַזוי ווי קיין אַנדערער איז נישט געווען, איז יעקב יצחק געבליבן. ווען דער מגיד האָט אָנגעהויבן ביים דאַווענען צו שפּרינגען אַהין און אַהער און צו וואַרפן אין התלהבות און דביקות מיטן קאָפּ און מיט די הענט אין אַלע זייטן, איז יעקב יצחק געפאַלן אין חלשות. האָט דער מגיד געזאָגט: „כ'האָב דאָך פאָראויס געוווּסט, אַז ער פּאַסט זיך נישט אַהער. ער האָט אַנדערע אויגן ווי יעדער מענש, מיט זיינע אויגן האָט ער תיכף דערזען די פמליה של מעלה, — פון דאַנען נעמט זיך זיין פאַלן אין חלשות?"

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג האָט יעקב יצחק פאַרלאָזן מעזשי־בעזש און ער איז געגאַנגען קיין ריטשוואַל צום רבין ר' שמעלקע, ווו ער האָט צוויי יאָר געלערנט מיט התמדה און זיך פאַרטיפט אויך אין קבלה. פון דאַנען איז ער געגאַנגען קיין ליזשענסק צום רבין ר' אלימלך, וועמעס ברודער ר' זוסיע האָט אַנטדעקט אין יעקב יצחקן דעם „חוזה" — דעם „זעער". ביים רבין אלימלך איז געווען אַ גרויסער הויף, הונדער־טער חסידים זענען דאָ געקומען נאָך אַ ברכה אָדער אַן עצה. דאָ האָט זיך יעקב יצחק באַקענט מיט אַ סך חברים, וועלכע זענען שפּעטער גע־וואָרן באַרימטע רביים, ער האָט זיי אַלע איבערגעשטיגן מיט זיין פרו־מער התנהגות און ער איז געוואָרן דער געליבטער תלמיד ביים רבין. אָבער אויך דאָ האָט ער נישט געקאָנט לאַנג בלייבן, ער איז אַוועק אין דעם נאָענטן שטעטל לאַנצוט, ווו ער האָט געגרינדעט אַן אייגענעם „הויף" און אַ סך חסידים זענען צו אים געקומען. באַלד אָבער איז אים געוואָרן „באַפוילן פון הימל", ער זאָל אויך די דאָזיקע שטאָט פאַרלאָזן און גיין קיין וויעניאַווע. אַ מלאך האָט זיך באַוויזן צו אַ פּשוטן פרומען ייד, איבערגעבנדיק אים דעם דאָזיקן באַפעל פאַר יעקב יצחקן. תחילת

האָט יעקב יצחק נישט געוואָלט גלויבן דעם יידן, אָבער ווען דער באפעל האָט זיך איבערגעחזרט צום דריטן מאָל, האָט דער חוזה געזען, אז אַ העכערע מאכט פאָדערט דאָס פון אים, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין קיין ווינעיאוווע.

ווו אָבער געפינט זיך די דאָזיקע ווינעיאוווע? אין לאנצוט האָט דאָס קיין שום מענטש נישט געוווסט. נאָר דורך אַ צופאל איז מען דער־פון געוווויר געוואָרן. צום לאַנצוטער רב איז אין אַ געוויסן טאָג אָנגעקו־מען אַ שאלה: אין אַ גט איז געווען געשריבן צום סוף „אזוי געשען אין טשעבאָוו״ אָנשטאָט ווי עס האָט באדארפט צו זיין „אזוי געשען אין טשעבאָוו המכונה ווינעיאוווע״. דורך דעם איז ר׳ יעקב יצחק געוווויר גע־וואָרן, ווו די דאָזיקע ווינעיאוווע געפינט זיך און ער האָט זיך תיכף גע־נומען צוגרייטן צום וועג.

אויף מערב זייט פון לובלין, ביים גרויסן טייך טשעבאָווקא, ליגט דאָס פאָרשטעטל ווינעיאוווע. ביז צו דער גרויסער מלחמה פון 1914־18 האָט ווינעיאוווע געבילדעט אַ באַזונדערע שטאָט, וועלכע האָט געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע פון עטלעכע יאָרהונדערטער. נאָך דער מלחמה איז ווינעיאוווע געוואָרן אַ טייל פון לובלין. אויף אַ קליינעם פּלאַץ, ארומ־גערינגלט פון נידעריקע הילצערנע הייזקעס, שטייט דאָ די אַלטע שיינע שול, וועלכע דערמאָנט אָן אמאָליקע בעסערע צייטן. נעבן דער שול האָט זיך געפונען דער בית המדרש, און נישט ווייט פוןביידע דער בית עולם מיט זיינע פשוטע ווייסע מצבות.

דאָ האָט זיך באַזעצט ר׳ יעקב יצחק, דאָ אין איינעם פון די קליינע הייזקעס, אין אַ קליין שמאָל געסל האָט ער געעפנט זיין „הויף״. אין דער יידן־שטאָט פון לובלין האָט דעמאָלט אַ חסידישער רבי זיך נאָך נישט געקאָנט באַזעצן. די אַלטע טראַדיציע פון דער לובלינער קהילה, מיט אירע רבנים, לומדים און ראָשי ישיבה, דאָס באַוווסטזיין פון דער פירנ־דער ראָלע, וואָס די קהילה האָט געשפּילט אין גאַנץ פּוילן, האָט דאָ גע־שאַפן אַ שאַרפע וואַכזאַמקייט קעגן נייע שיטות און באַוועגונגען; נישט געקוקט אויף אַלע צרות און אומגליקן, וואָס די לובלינער יידן האָבן גע־ליטן, נישט געקוקט אויף דער גרויסער אָרימקייט, וואָס איז נאָך געוואַקסן

דורך דאָס ארויסשיקן די יידן פון דער לובלינער קריסטלעכער שטאָט (וועלכע האָט געהאט אַ „פּריווילעגיע" צו נישט טאָלערירן קיין יידן) — נישט געקוקט אויף אַלע שווערע דאגות, האָט דער לובלינער רב עזריאל האראוויץ, וועמען מען האָט גערופן דער „אייזערנער קאָפּ", געהיט מיט שארפע אויגן, אַז קיין שום ייד זאָל נישט וואַגן קיין גוט וואָרט צו רעדן וועגן דעם רבין. דערווייל זענען טאָג-טעגלעך געקומען קיין וויעניאַווע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, זוכנדיק אין זייער נויט אַ



א מנורה אין דער מהרש"ל־שול

טרייסט און הילף אין רבינס הויף. עס האָט נישט לאנג געדויערט, אַז די אָרימע יידן, וועלכע האָבן געפונען טרייסט אין וויעניאַווע, זאָלן פאַרשפּרייטן אומעטום דעם רבינס נאָמען, דערציילן וועגן זיין פרומקייט און גוטסקייט, איבערגעבן די תורה, וואָס ער האָט געזאָגט און רעדן מיט ענטוזיאַזם וועגן זיין גרייטקייט צו העלפן אַלעמען, וואָס קומען צו אים. און אַזוי איז נישט איין אומגליקלעכער געלאָפן בסוד סודות, אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, פון לובלין קיין וויעניאַווע, כדי בלויז אָנ-

צוקוקן דעם רבין. באַלד האָט מען אין די שולן פון די צעכן און אין די קלויזן דערציילט וונדער־מעשיות פון וויעניאַווע. דאָס איז אַלץ געשען אין דער שטיל, בסוד סודות, די מעשיות זענען געגאַנגען פון אויער צו אויער, כדי חלילה נישט צו ציען אויף זיך דעם צאָרן פון דעם „אייזער־נעם קאָפּ" און פון די מנהיגים פון דער קהילה. אָבער אַ וונדער האָט זיך באַוויזן אין די ענגע גאַסן פון דער לובלינער געטאָ און דאָס האָט געעפנט פאַרן רבין דעם וועג צו דער יידישער לובלין.

אַ לובלינער סוחר האָט אַמאָל פאַרטאָג געהאַט עפּעס צו פאַרזאָרגן אין וויעניאַווע, האָט ער דערביי באַמערקט ווי דער שמש גייט פון טיר צו טיר, גיבנדיק אין יעדן טויער דריי קלעפּ מיטן האַמער, רופנדיק אַזוי אין שול אריין. אויך ביים רבינס טויער האָט ער געגעבן די דריי קלעפּ מיטן האַמער און האָט זיך שוין פאַרנומען ווייטער צו לויפן, ווען דאָס טויער האָט זיך פּלוצים געעפנט און דער רבי אַליין האָט זיך באַוויזן אין טויער און געהייסן דעם שמש בלייבן שטיין. אַ דערשטוינטער איז דער שמש געבליבן שטיין, וואַרטנדיק, וואָס דער רבי וועט אים הייסן טאָן, בעת דער רבי איז פאַרשווונדן אינעם הויז, אָבער באַלד אַרויסגעקומען מיט אַ קאַן וואַסער און מיט אַ וואַש-בעקן אין האַנט און געהייסן דעם שמש זיך וואַשן די הענט. אַ דערשראָקענער איז דער שמש געפאַלן דעם רבין צו די פיס און געבעטן מחילה. דער לובלינער סוחר האָט נישט פאַר־שטאַנען וואָס דאָ גייט פאָר, אָבער באַלד האָט ער זיך דערוווּסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער שמש איז די פאָריקע נאַכט שפּעט איינגע־שלאָפן, און ווען ער האָט זיך פאַרטאָג אויפגעכאַפּט, האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט, און אַז ער מוז שוין לויפן רופן אין שול אריין. ער האָט שוין נישט געקאָנט אָפּגיסן נעגל-וואַסער און איז געלאָפן אָן נטילת ידים צו זיין עבודת הקודש. דער רבי אָבער האָט דאָס „גע־זען" מיט זיינע גייסטיקע אויגן און ער האָט אים דערפאַר אַליין אַקעגנ־געטראָגן די קאַן וואַסער מיטן בעקן, כדי אים צו ראַטעווען פון אַ זינד.

אַזעלכע און אַנדערע וונדער זענען שנעל באַקאַנט געוואָרן אין לובלין און זיי האָבן צוגעצויגן צום חוזה די הערצער און די מחשבות פון אַ סך לובלינער יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענע וואַנדערונג

פון לובלין קיין וויעניאַוועט, און באַלד איז די צאָל פון זיינע חסידים געוועזן אַזוי גרויס, אַז ער האָט געקאָנט וואַגן, זיך אַריבערצוציען קיין לובלין. דאָ האָט ער געדונגען אַ גרויסע קלויז (אויף שעראָקאַ גאַס נו־מער 28 אין הויף), אין וועלכער ער האָט געקאָנט לערנען און דאַווענען און זיין צוזאַמען מיט זיינע חסידים, ניט געשטערט פון די מתנגדים. און ווען דער חוזה האָט זיך באַזעצט אין לובלין, זענען אים נאָכגעקומען אַלע זיינע חסידים, צווישן זיי די שענסטע יידן לומדים און בעלי בתים; דאָס גאַנצע קאָכעדיקע יידישע לעבן האָט זיך אַזוי אַריבערגעטראָגן פון וויעניאַוועט קיין לובלין.

* * *

דאָס איז געווען אַן אויפגערודערטע צייט; נאַפּאָלעאָן האָט דער־אָבערט די גאַנצע וועלט, אַלטע מלוכות צעשלאָגן און נייע געבילדעט. זיין מאַכט האָט געגרייכט פונעם אַטלאַנטישן אָקעאַן ביז צו דער ווייסל. די פּוילישע מלוכה, וועלכע מען האָט שוין געהאַלטן פאַר אַ בר מנן, האָט געזאָלט אויפשטיין תחית המתים אַ דאַנק זיין חסד. אין יאָר 1807 איז געשאַפן געוואָרן דאָס פירשטנטום וואַרשע, און אַלע זיינע איינוווינער איז געגעבן געוואָרן גלייכע רעכט. אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון אמונה האָבן באַקומען גלייכע פליכטן און גלייכע רעכט כלפּי דער מלוכה.

ווען די בשורה וועגן דער דאָזיקער נייעס האָט דערגרייכט אין די יידישע גאַסן, האָט דאָס אַרויסגערופן פאַרשידענע געפילן. אין די חסי־דישע קלויזן האָט מען וועגן די פּאַסירונגען אַ סך גערעדט. נאַפּאָלעאָן איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נייער סנחריב.

נישט ווייט פון לובלין, אינעם שטעטל פּולאַווי, וווּ עס געפינט זיך דאָס אַלטע פאַמיליען־שלאָס פון די פירשטן טשאַרטאָריסקי, איז געווען דער צענטער פון דער פּוילישער פּאָליטיק, און די שטראַלן פון דער דאָזיקער פּאָליטיק האָבן געגרייכט ביז אין די נאָענטע „הויפן״ פונעם חוזה אין לוב־לין און פונעם מגיד אין קאָזשעניץ. פון די מעשיות, וואָס יידן אין יענעם געגנט פלעגן דערציילן, קומט אויס, אַז דער קאָזשעניצער זאָל האָבן דורכ־געמאַכט בנוגע נאַפּאָלעאָן דיזעלבע פּאָליטישע עוואָלוציע וואָס דער פירשט טשאַרטאָריסקי.

אַט וואָס חסידים דערציילן: ר׳ מענדל פון רימאַנאָוו האָט אויפ-געפאָדערט זיינע חסידים מתפלל צו זיין פאַרן וויל פון נאַפּאָלעאָנען. „ווי מעג מען דאָס טון?" האָט געפרעגט זיין תלמיד, ר׳ נפתלי פון ראָפּ-טשיץ, „נאַפּאָלעאָן איז דאָך דער גרעסטער כופר אויף דער וועלט". „אין גאָט לייקענען זיי אַלע", האָט ר׳ מענדל געענטפערט, אָבער ער איז דער סנחריב — ער מוז זיגן; די וועלט איז אָפּהענגיק פון זיין זיג". אָבער ר׳ נפתלי האָט זיך נישט געלאָזט אָראָפּפירן פון זיין מיינונג, און ער האָט ווייטער געפרעגט: „ווי מעגן מיר פאַר אים מתפלל זיין? ער האָט דאָך גע-וואָלט אונזערע קינדער אַרייננעמען אין די שקאָלעס, אונזערע זין צום מי-ליטער, ער וויל אונז דאָך גלייכמאַכן מיט אַלע פעלקער און אַוועקרייסן די וואַנט, וועלכע איז לויטן געזעץ אויפגעשטעלט צווישן אונדז און זיי; ער וויל נישט גאָר נישט וויסן, אַז מיר זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, ווי עס שטייט בפירוש געשריבן אין דער תורה; דו האָסט אונז אויסדער-וויילט צווישן אַלע פעלקער, האָסט אונז אַרומגענומען מיט דיין ליבע און מיר זענען דיר געפעלן געוואָרן". „יאָ" — האָט געענטפערט שוין מיט אומגעדולד דער רימאַנאָווער רבי — אָבער נאַפּאָלעאָן איז די בייטש אין גאָטס האַנט, ער איז דאָס דער, וועלכער זאָגט צו די פעלקער און צו זייע-רע מלכים: ווייל איר האָט אונטערדריקט די יידן, וועט איר פון מיר גע-שטראָפט ווערען".

די רביים האָבן זיך נישט געקאָנט אייניקן און זיי זענען געגאַנגען צו זייער לערער, דעם חוזה פון לובלין, כדי צו בעטן זיין פּסק.

ר׳ יעקב יצחק האָט זיך צוגעהערט צו די מיינונגען פון די צוויי צדיקים און זיך אַריינגעטראַכט אין דעם ענין, ווי אַזוי אויסצוגלייכן די חלוקי דעות. ער האָט נאָכגעטראַכט, אַרויסגעקוקט צום פענסטער, זיך אַרומגעקוקט אין צימער און ווידער אַרויס דורכן פענסטער, אָבער ער האָט נישט געפונען קיין תשובה.

זענען די צוויי צדיקים געפאָרן קיין קאָזשעניץ, פאַרצולייגן דעם ענין פאַרן מגיד און צו בעטן ביי אים אַ תשובה. דער מגיד איז גראָד געווען צוריקגעקומען פון מרחץ — ס׳איז געווען אַ פרייטיק נאָכמיטאָג, ער איז געלעגן אַ מידער אין זיין בעט. ר׳ מענדל און ר׳ נפתלי האָבן זיך נישט

געקימערט וועגן דעם און זיי האָבן אים תיכף געזאָגט, וועגן וואָס זיי זע-נען צו אים געקומען, און דער מגיד איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און גערעדט מיט א הויך קול: „מען זאָגט, אַז נאַפּאָלעאָן האָט אַ גרויסן באַ-שיצער אין הימל, מיר אָבער זאָגן: „ברוך אלוקינו לעולם ועד", ער האָט אַרויסגענומען די יידן פון קלויז און האָט זיי אריינגעשטופּט צום מילי-טער, ווו זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן צו פאַרלאָזן גאָטס געבאָט... זאָלן דעריבער פאַרזונקען ווערן די אַלע, וועלכע פאַרפירן צו זינד...!" דער מגיד



זילבערנע לייכטער אין דער מהרש"ל-שול

איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און בייז געקוקט פאַר זיך. דאַן האָבן אים פאַרלאָזן די כוחות, און אַ פאַרחלשטער איז ער צוריקגע-פאַלן אויפן בעט.

די דאָזיקע שמועסן און דיסקוסיעס און אַמפּערייען, וואָס זענען דאַן געפירט געוואָרן אין די חסידישע קלויזן אין לובלין, קאָזשעניץ, פּשיסכע, ריטשיוואָל, אַפּטע (אָפּאַטאָוו) איזביץ א. אז. וו. האָבן געהאַט אַ רעאַלן יסוד. נאַפּאָלעאָן האָט אין דער יולי-קאָנסטיטוציע פאַרן וואַרשעווער פירשטנטום פּראָקלאַמירט די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע בירגער און דאָס אַראָפּרייסן די געטאָ-מויערן. דאָס איז געווען אַ מוראדי-קער קלאַפּ פאַר די אַלע פּאָליאַקן, וועלכע זענען געווען צוגעוווינט צו אַ מיטלאַלטערלעכער פוילן מיט די פאַרשידענע פונאַנדערגעטיילטע

שטאַנדן, ווו ס'איז נישט געווען קיין רעכטלעכע גלייכקייט, נאָר פּאַרשי-דענע „פּריווילעגיעס". אָבער אויך די יידן, באַזונדערס די פאָרשטייער פון די קהילות, האָבן דערפילט, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג מאַכט אַ סוף צו דער קהל-פּאָליטיק. אויך די חסידים האָבן דערזען די סכנה, וואָס דערנענטערט זיך, און דאָס האָט זיי געבראַכט אין אַ פאַרבינדונג מיט די פירער פון דער קהילה און די רעפּרעזענטאַנטן פון דעם אַלטן קהל־סיסטעם — צום ערשטן מאָל זינט דער עקזיסטענץ פון דער חסידישער באַוועגונג. מען האָט מיט פאַראייניקטע כּוחות אָנגעווענדט אַלע מיטלען, לויט דעם אַלטן שוין אויס-געפּרובירטן סיסטעם האָט מען געשיקט שתּדלנים אין אַלע פּריצישע הויפן, כּדי צו פּועלן, אַז נאַפּאָלעאָנס קאָנסטיטוציע זאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך אויך די פּאָליאַקן געסטאַרעט צו דערגרייכן דעמזעלבן ציל; און דורך די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען און שטרעבונגען פון אַלע, פון יידן און פון פּאָליאַקן, האָט זיך איינגעגעבן צו פּועלן ביים הערצאָג פון וואַרשע, דעם קעניג פרידריך אויגוסט פון סאַקסען, אַז ער זאָל דורך דעם דעקרעט פון 17טן אָקטאָבער 1808 סוספּענדירן אויף 10 יאָר די גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן.

די חסידים האָבן טריאומפירט. זיי האָבן אָפן דערקלערט, אַז דאָס גרויסע וווּנדער פון בטל מאַכן „די טייוולאָנישע קאָנסטיטוציע" איז די אַרבעט פונעם חוזה פון לובלין, פונעם מגיד פון קאָזשעניץ און פון אַנ-דערע „גוטע יידן".

באַלד האָט זיך געמאַכט אַ צווייטע געלעגנהייט צו „ראַטעווען די יידן פון דער מאַכט פונעם טייוול". דער קריגס־מיניסטער אינעם וואַרשע־ווער פירשטנטום האָט געגעבן צו וויסן דורך צייטונגען און פּלאַקאַטן, אַז אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון גלויבן זענען מחויב צו דינען דעם פאָ-טערלאַנד מיט וואָפן אין דער האַנט. דאָס האָט ווידער אַרויסגערופן אַ שרעק. עס האָבן אָנגעהויבן לויפן שליחים און שתּדלנים קיין וואַרשע און לובלין פון דאָרטן קיין קאָזשעניץ, פּזשיסכע, קאַזשמיעזש, איזביץ און אַנ-דערע רעבישע הויפן, אָפּצושרייען די גזירה. דער מגיד פון קאָזשעניץ האָט געהאַט די נאָענטסטע באַציאונגען צום פירשט פּאָניאַטאָווסקי, זיין השפּעה אינעם הויף פון די טשאַרטאָריסקים איז געווען אַלעמען באַקאַנט. מען





דער יידישער טויער אין לובלין (פאָטאָגראַפירט פון ביידע זייטן)

איז דעריבער איבער אים געלאָפן פון אלע זייטן, ער זאָל לאָזן ווירקן זיין השפעה, כדי צו ראַטעווען פון דער נייער „סכנה".

דער מגיד האָט זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט, און אויך אַנדערע צדיקים און פּרנסים האָבן צוגעהאָלפן, און אַ דאַנק דער געמיינזאַמער אַרבעט, איז דערגרייכט געוואָרן, אַז די מיליטערפּליכט איז פאַר אַלע פּוילישע יידן פאַרביטן געוואָרן אין אַ „קאָפּ־שטייער".

דורך דעם געלינגען פון דער דאָזיקער שתדלנות איז די השפּעה פון די צדיקים איבער די פאָלקסמאַסן, וועלכע איז סיי ווי שוין געווען גענוג שטאַרק, נאָך שטאַרקער געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון די פּוילישע יידן איז איצט אַריבער אין לאַגער פון חסידיזם.

די נאַפּאָלעאָנישע עפּאָפּעיע האָט זיך באַלד געענדיקט. דער גרויסער קריגס־מאַן האָט זיך געלאָזט אויף זיין פעלדצוג קיין רוסלאַנד און מיט אים האָבן געהאַט דעמזעלבן סוף די פּוילישע לעגיאָנען. אַ חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז דער מגיד פון קאָזשעניץ איז געפאַלן דעם פּירשט פּאָניאַטאָווסקי צו די פיס, בעטנדיק אים, ער זאָל נישט נאָכגיין נאָכן קייזער קיין רוסלאַנד, אָבער דער פּירשט האָט אים נישט געפאָלגט. באַלד האָבן זיך באַוויזן די פאָלגן פון דעם דאָזיקן שריט. דער קייזער פון די פראַנצויזן האָט פאַרלוירן כמעט זיין גאַנצע אַרמיי און ער איז אַנטלאָפן אויף אַ קליין וועגעלע איבער פּוילן אין זיין פאָטערלאַנד. אונטערוועגס האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין קאָזשעניץ און דער מגיד האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען דעם סוף פונעם „סנחריב פון צפון".

פּירשט פּאָניאַטאָווסקי איז דערטרונקען געוואָרן אין טייך עלסטער (אין דער שלאַכט ביי לייפּציג) און נאַפּאָלעאָן איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די ענגלענדער. די רביים האָבן געזען די איבערקערונג אין אייראָפּע, דאָס פאַלן פון די גרויסע און מעכטיקע און דאָס דערהייבן זיך פון די קליינע און שוואַכע. ס'איז געווען די צייט, ווען פרומע לייט האָבן געקאָנט האָפן, אַז אויך פאַר די יידן וועט אויסשלאָגן די שעה פון דערלייזונג — עס האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן דערנענטערן דעם „קץ" — דעם סוף פון גלות און דאָס אָנקומען פון משיחן. די צדיקים פון קאָזשעניץ און פון פּזשיסכע האָבן זיך פאַראייניקט אין זייערע תפילות

מיטן חוזה פון לובלין, כדי „אויפצורייסן דעם הימל״. ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו האָט זיי פאַר זיין פּטירה הייליק צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין הימל אָנווענדן זיין גאַנצע השפּעה, כדי צו איבערצייגן די פּמליה של מעלה אין דער נויטווענדיקייט פון אַ שנעלער דערלייזונג פונעם פאָלק ישראל. אָבער אין הימל האָט מען געהאַט אַנדערע מחשבות, און די הימל־שטורמער האָבן טייער באַצאָלט פאַר זייער געוואַגטקייט: דער מגיד פון קאָזשעניץ און דער „ייד פון פּזשיסכע״ זענען נפטר געוואָרן אין דעם זעלבן יאָר תקע״ה — (1815). אויך דער חוזה פון לובלין איז געשטאָרבן אין דעם זעלבן יאָר.

שמחת תורה תקע״ה האָט ער שוין געפילט, אַז עס ענדיקן זיך זיינע טעג, און ער האָט געבעטן זיינע מקורבים, זיי זאָלן אים נישט פאַרלאָזן און אים גוט אָפּהיטן. די חסידים זענען געווען שטאַרק בגילופין — די פלע־שער און גלעזער אויפן טיש און אויף די פענסטער־ברעטער האָבן דער־קלערט די פריילעכקייט פון די דאָזיקע מענטשן. דער רבי האָט געמערקט, אַז זיינע מקורבים פאַרשטייען אים נישט און ער האָט געבעטן די רביצן, זי זאָל אים אָפּהיטן. די פרוי האָט דאָס געטון מיט אַ סך ליבע און אכטזאַמ־קייט, כאָטש אויך זי האָט נישט פאַרשטאַנען ווי ווייט עס האַלט מיט איר מאַן. פּלוצים האָט עמיץ געקלאַפּט אין דער טיר; די פרוי האָט געמוזט אויף אַ ווײַלע פאַרלאָזן דאָס בעט, כדי צו גיין עפענען די טיר. ווען זי איז צו־ריקגעקומען צום בעט, האָט זי דעם רבין מער נישט געטראָפן אין בעט; זי האָט געזען ווי עפּעס נעפּלדיקע געשטאַלטן טראָגן אַרויס דעם רבין דורכן פענסטער. אָבער ווען זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, איז עס געווען פולשטענדיק פאַרשלאָסן און די ליידיקע פלעשער און גלעזער זענען גע־שטאַנען אויפן פענסטער־ברעט אַזוי ווי פריער.

די רביצן איז געווען פאַרצווייפלט. זי האָט געוויינט און געשריען, אָבער די חסידים זענען נישט געווען אויפצוטרייסלען פון זייער שיכרות. באַלד האָט אָבער אַ תלמיד פונעם צדיק, ר׳ לייזער פון כמיעלניק, פאַרביי־גייענדיק אויפן וועג דערהערט עפּעס אַ קרעכצן פון צווישן די קוסטעס. מיט אַ געוואַגטן שריט האָט ער זיך דערנענטערט צום אָרט, פון וואַנען דער קרעכץ איז געקומען, און צו זיין גרויסן שרעק האָט ער באַמערקט

דעם צדיק, וועלכער איז געלעגן אַ צעשלאָגענער אויף דער ערד, שעפּטשענדיק תפילות מיט אַ קוים הערבאַרן קול. לייזער האָט תיכף צונויפגערופן די חסידים, וועלכע האָבן געוואָרפן אַ גורל, ווער עס דאַרף אָננעמען דעם רבין ביים קאָפּ, ווער ביי די פיס. שמואל פון קאַראָוו האָט געוווּנען דעם גרויסן כבוד אָנצונעמען דעם הייליקן צדיק ביים קאָפּ. די אַנדערע האָבן צוגעהאָלפן און אַזוי האָבן זיי אַהיימגעבראַכט דעם קראַנקן רבין און אים געלייגט אין זיין בעט אריין. פון יענער נאַכט אָן איז ער געלעגן קראַנק, ביז ער איז נפטר געוואָרן אין תשעה באב פון דעם זעלבן יאָר תקע"ה, און דעם זעלבן טאָג איז ער געקומען צו קבורה אויפן אַלטן בית עולם אין לובלין.

פיר יאָר שפּעטער איז אים נאָכגעגאַנגען אין קבר אַריין זיין מתנגד און פיינט פון אַלע צדיקים, דער לובלינער רב ר' עזריאל הלוי האָראַוויץ. זיין קבר געפינט זיך אויף דעם זעלבן בית עולם, נישט ווייט פונעם חוזה. דער טויט האָט פאַראייניקט די צוויי, וועלכע האָבן זיך אין לעבן אַנאַנדער באַקעמפט.

## צוועלפטער קאפיטל

# אַ שפּאַציר דורך דער יידן-שטאָט

לובלין שפּרייט זיך אויס אויף צוויי הויכפּלאכן, א גרעסערע און א קלענערע. אויף דער גרעסערער און העכערער ליגט די אַלטשטאָט מיט אירע מויערן, בראמעס, קירכעס און פּאלאצן; אויף דער קלענערער און נידעריקערער געפינט זיך דער שלאָס. אין דרום־מערב ענדיקט זיך די שטאָט מיט דעם קראקעווער טויער, אין צפון-מזרח מיט דעם שלאָס-טויער, וועלכן מען רופט אויך דער יידישער טויער, און פון וועלכן עס פירט א בריק צום שלאָס־בארג. די אַלטשטאָט זעען מיר פון מזרח זייט, און מיר קענען דאָ זען די קראקעווער בראמע, דעם שפּיץ פונעם ראָטהויז, די יעזואיטן-קירכע און די דאָמיניקאַנער־קירכע מיטן קלויסטער. די אַלע געביידעס זענען נאָך היינט פאראנען *).

פונעם קראָקעווער טויער האָט זיך אָנגעהויבן די קראָקעווער פאָרשטאָט, וועלכע האָט אין 17טן יאָרהונדערט געהאַט נאָר קליינע הייזער,

---

*) דער לייענער ווערט געבעטן צו געדענקען, אַז דער אויטאָר האָט געשריבן דאָס דאָזיקע בוך אָנפאַנג 1918, אַזוי אַז אומעטום, ווו עס רעדט זיך דאָ וועגן געביידעס אָדער אנשטאַלטן, „וועלכע עקזיסטירן נאָך היינט", דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז דאָס באַציט זיך צו יענער צייט, אָבער נישט צו דער הייניקער לובלין (אָנמערקונג פונעם איבערזעצער).

און נאָר וור־ניט־וו אַ פּריצישן פּאַלאַץ. נאָר די קירכעס בילדן דאָ דאָס שענסטע, וואָס ס׳איז כדאי צו זען. אַרום דעם שלאָסבארג זעען מיר אַ קראַנץ פון נידעריקע הייזער; דאָס איז די יידן-שטאָט, וועלכע האָט זיך דאָ צונויפגעקוועטשט צו די פיס פונעם שלאָס. דאָס זענען באַזונדערס די געגנטן פון פּאָדזאַמטשע און פון דער שניידער־גאָס (קראַוויעצקאַ). מיט דעם דאָזיקן אונטערשטן טייל פון דער שטאָט ווילן מיר זיך דאָ באַקענען צוזאַמען מיט דעם יידישן טייל פון דער אַלטשטאָט. און איצט לאָמיר אָנהויבן אונזער שפּאַציר.

ביים אַריינגאַנג אין דער אַלטשטאָט שטייט דער קראָקאָווער טויער, אַ בוי-ווערק פונעם 14טן יאָרהונדערט. ער באַשטייט פון צוויי טיילן: פון דעם אייגנטלעכן טויער אין סטיל פון דער תקופה פון די אָרדנס־ריטער, און פונעם טויער־טורעם, וועלכער איז ערשט שפּעטער צוגעבויט געוואָרן. אין פריערדיקע צייטן האָט זיך אַרום דעם טויער געצויגן אַ גרוב, וועלכן מען האָט גערופן דער שטאָט-גרוב, און איבער וועלכן מען האָט בייטאָג אַראָפּגעלאָזט אַ פאַל־בריק. היינט איז דער פּלאַץ אויסגעגלייכט און עס זענען דאָ אויסגעבויט שיינע הייזער.


א מנורה אין דער מהר״ם־שול

מיר גייען דורך דעם טויער און קומען אין דער אַלטשטאָט. דאָ וווינקען אונז פריינטלעך אקעגן הויכע בכבודע קאַמיעניצעס מיט כאַראַקטעריסטישע שפּיציקע דעכער, און זיי גיבן אונז־איבער דעם גרוס פון יאָרהונדערטער. טונקלע טרעפּן און לאַנגע כמעט פינסטערע קאָרידאָרן פירן צו די געוועלבטע צימערן, אין וועלכע עס האָבן אַמאָל געוווינט מיוחסדיקע פּריצים און פּאַטריציער-משפחות. איצט וווינען דאָ בלויז יידן, וועלכע האָבן אין דער נאָענט זייערע קלייטן.

אַ פּאָר שריט ווייטער גיסט זיך אַריין די טויער-גאָס (בראַמאָווא) אין

רינגפּלאַץ (רינעק). אַ נישט שיין הויז שטייט דאָ אין מיטן און פאַרנעמט דעם גרעסטן טייל פונעם פּלאַץ. דאָס איז דאָס ראָט-הויז (ראַטוש) און גלייכצייטיק דער טריבונאַל. דאָ איז געווען דורך צוויי יאָרהונדערטער דער פּוילישער קרוינטריבונאַל. אַמאָל איז דאָס געווען אַ מאָנומענטאַלער בנין מיט אַ שיינעם טורעם. אָבער צום אָנפאַנג פון 19טן יאָרהונדערט איז ער פון די רוסן געוואָרן אַזוי גרינטלעך איבערגעאַרבעט, אַז ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען זיין גאַנצע שיינקייט. אין דעם דאָזיקן הויז זענען אין די אַלטע צייטן דורכגעפירט געוואָרן אין דער העכסטער אינסטאַנץ כמעט אַלע עלילת דם-פּראָצעסן אין פּוילן.

אַרום דעם טריבונאַל שטייען די שענסטע הייזער, צווישן זיי דאָס הויז פון קעניג סאָביעסקי (רינעק 15), אין וועלכן דער צאַר פּעטער דער גרויסער איז איינגעשטאַנען אין יאָר 1716. אין איינעם פון די דאָזיקע הייזער געפינען זיך די ביוראָס פון דער יידישער קהילה און פון דער קהילה־ביבליאָטעק, כאַראַקטעריסטיש זענען די גרויסע הויפן אין די הייזער, מיט די גאַנעקעס ווי בריקן איבערן הויף.

דער רינגפּלאַץ בילדעט דעם העכסטן פונקט אויף דעם הויך־פּלאַך פון דער אַלטשטאָט, וועלכער לויפט-אָפּ משופּע אויף מזרח און מערב-זייט צו די פעלדער פון די פאָרשטעט. מיר באַמערקן דאָס צום בעסטן, ווען מיר בויגן אַריין אין דער ריבנאַ־גאַס. דאָ שטייט אַ קליינע הייזקע האַרט ביי דער שפּיץ פונעם שטאָטבאַרג, און ווען מיר גייען אַריין אין דער הייזקע, באַמערקן מיר, אַז מיר געפינען זיך אויפן העכסטן גאָרן פון אַ ריזיק גרויס הויז מיט אַ דריי־עקיקן הויף. ס'איז דאָס הויז אויף דער קאָוואַלסקאַ גאַס נומער 5.

מיר פאַרלאָזן דאָס כאַראַקטעריסטישע הויז און מיר קערן זיך אום צוריק צום רינגפּלאַץ. פון רינגפּלאַץ פירט אַ גאַס (גראָדזקאַ־זאַמקאָוואַ) דירעקט צום יידישן טויער. די דאָזיקע גאַס ווערט אין דער מיט איבערגעריסן דורך אַ גרויסן פּלאַץ, אויף וועלכן ס'איז ביז צום אָפּאַנג פון 19טן יאָרהונדערט געשטאַנען דער פּאַראַפיאַלנער קאָשטשיאָל (קירכע). אַרום דעם קאָשטשיאָל האָט זיך געצויגן דער צמענטער. אין די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז דער קאָשטשיאָל געוואָרן אַראָפּגעוואָרפן, און

פונעם צמענטער זענען די ביינער געוואָרן ארויסגעגראָבן און אריבערגע-
פירט אויף אן אנדערן צמענטער. אויפן פּלאַץ פונעם געוועזענעם צמענ-
טער איז היינט א שיינער שפּאציר-גאָרטן, אויף וועלכן עס גייען ארוים די
פענסטער פונעם יידישן בית יתומים און מושב זקנים (גראָדזקא גאס נר.
11); לאָמיר אריינגיין אָנקוקן דעם בית יתומים:

די קינדער באקומען אין דעם דאָזיקן אנשטאלט שול-דערציאונג און
פולשטענדיקע אויסהאלטונג. מערסטנס זענען דאָס מלחמה-יתומים. א טייל
זענען אהער געבראכט געוואָרן פון די ווייטע פּראָווינצן פון רוסלאנד.
אינעם זעלבן הויז וווינען, נעבן די קינדער, זקנים און קאַליקעס.

דורך א פענסטער פונעם צווייטן שטאָק גיבן מיר א בליק אויף דער
יידן-שטאָט, וועלכע שפּרייט זיך אויס
מאַלעריש ארום דעם שלאָס; מיר
פארלאָזן דאָס הויז פון די קינדער
און זקנים און מיר לאָזן זיך גיין
דורך דער גראָדזקא-גאס אראָפּצו צום
יידישן טויער.



קראַוויעצקא-גאַס 20

דער טויער בילדעט, צוזאמען
מיט צוויי הייזער, וואָס זענען מיט
אים פארבונדן אויף ביידע זייטן,
איין איינהייט. ער שטאַמט פון אלטע
צייטן, איז אָבער געוואָרן גרינטלעך איבערגעבויט ביים סוף פון 18טן יאָר-
הונדערט און פאראייניקט מיט די הייזער פון דער רעכטער און פון דער
לינקער זייט. שוין אינעם טויער גופא הויבט זיך אָן דאָס לעבעדיקע לעבן
פון דער יידן-שטאָט. מיר זעען דאָ קליינע קלייטלעך, ווו מען באַקומט
יעטוועדע סחורה. די קרעמער, מענער און פרויען, רופן אוים זייער
סחורה און בעטן די פארבייגייענדיקע אריינצוגיין קויפן. די הייזער, וואָס
זענען פארבונדן מיטן טויער אויף דער רעכטער און לינקער זייט, האָבן
זייערע אויסגענגן אין טויער גופא. מיר גייען צו צום לינקן גאַנג און מיר
געפינען זיך פּלוצים אין א געווימל פון פארשידענע שטיגן, וואָס פירן
ארויף און אראָפּ אין אלע זייטן. דאָס הויז געפינט זיך אויף דער שפּיץ פון

דער שטאָט־הויכקייט, דער אונטערשייד אין דער הויך צווישן דער גאַס פון אויבן און דער פון אונטן (גראָדזקא און קאָוואַלסקאַ) איז שוין נישט אַזוי גרויס ווי אין דער ריבנא־גאַס; דאָ איז נאָר אַן אונטערשייד פון איין שטאָק. ביים אויסגאַנג אויף קאָוואַלסקאַ גאַס געפינט זיך אַ גרויס הויז מיט געוועלבן, וועלכעס שטאַמט וואַרשיינלעך פון 17טן יאָרהונדערט

לאָמיר זיך אומקערן צוריק צום יידישן טויער. דאָ הילכט אונדז אַקעגן אַ ליאַרם, אַ געשריי, פון די קויפער און פאַרקויפער, מען בעט און מען שעלט, מען שווערט זיך און מען דינגט זיך; מיר ווערן אַריינגעשטופט צווישן אַ רעדל מענטשן, פון וועלכע מיר ווערן ווייטערגעשטופט ביז צום אַרויסגאַנג פונעם טויער.

ענדלעך געפינען מיר זיך אין דער יידן־שטאָט. פון דאַנען האָט אַמאָל געפירט אַ בריק איבער דעם גרוב אַרויף צום שלאָס-באַרג. אויף דער דאָזיקער בריק האָט אַמאָל דער רוסישער גענעראַל פּיאָטר איוואַנאָוויטש איבערגענומען פון די לובלינער בירגער די שבועה פון טרייהייט. פון דאַנען האָבן די בירגער פון לובלין זיך צוגעקוקט צו דער גרויסער שריפה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דער יידן-שטאָט דעם 16טן אָקטאָבער 1656. היינט איז אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער בריק אַ בערגל, פון וואַנען עס פירן דריי וועגן: איינער גלייך צו דער זאַמקאָווא-גאַס און צום זאַמעק (שלאָס) און דיביידע אַנדערע, לינקס און רעכטס אַרום דעם שלאָסבאַרג, פירן דירעקט אין דער יידן-שטאָט.

אינעם יידישן טויער און אין זיינע דרויסנדיקע פליגלען געפינען זיך געוועלבן מיט אַ טיר און אַ פענסטער צו דער גאַס. זיי ווערן אָנגערופן „קני-געוועלבן", ווייל דאָס פענסטער האָט די פאָרם פון אַ קני אין דער טיר פונעם געוועלב. דאָס איז אַזוי געמאַכט געוואָרן, כדי אין טאָג פון אומרוען זאָל דער ייד קענען צושליסן די טיר פון געוועלב און פאַרקויפן דורכן פענסטער.

פון די דריי וועגן ווילן מיר איצט אויסקלייבן דעם רעכטן און מיר ווילן זיך דאָ אַראָפּלאָזן מיט דער פּאָדוואַל־גאַס, ווו מיר זעען באַלד ביים יידישן טויער אַן אַלט הויז, וואָס זעט אויס ווי אַ קלויסטער און וועלכעס מען רופט טאַקע דער „יידישער קלויסטער". דאָס איז אַמאָל געווען די

קירכע פון הייליקן וואַיציעך און דער לאַזאַר-שפּיטאָל, געגרינדעט אין יאָר 1611. דאָס הויז איז שוין פון לאַנג פאַרלאָזן געוואָרן פון די גלחים, און דער איצטיקער באַלעבאָס פון דעם הויז, אַן אָרימער קריסט, פאַרדינגט דאָס צו אָרימע לייט אויף דירות, און אין דעם גרויסן זאַל פון דער אַמאָ־ליקער קירכע געפינט זיך די פאָלקסקיך פון פאַראיין „אחיעזר". דאָס הויז איז אַן אמתער אַזיל פאַר אָרימע לייט מיט זיין פייכטקייט, שמוץ, דורכגע-בראָכענע, צוגעבראָכענע און פאַררעגנטע סופיטן און מיט זיינע זקנים, קאַ־ליקעס און פאַרעלנטע קינדערלעך. אַ פיינלעכן איינדרוק מאַכט אויפן באַ־זוכער דער שיינער אָבער שטאַרק פאַרלאָזענער הויף פון דעם אַמאָליקן קלויסטער, וועמעס סקולפּטור־רעשטן זענען באַהאָנגען מיט שמאַטעס און ווו די איינוווינער הענגען ארויס אויף דינע שטריקלעך זייער אָרימע וועש צום טרוקענען.

מיר פאַרלאָזן דעם דאָזיקן פלאַץ פון אָרימקייט און מיר וואַרפן אַ בליק צום יידישן טויער און דער הינטערשטער זייט פון דער גראָדזקאַ-גאַס, ווו די הייזער זענען געבויט אויף טעראַסעס ווי אין אַ טייל איטאַ-ליענישע שטעט. און מיר געפינען זיך אויפן שטח פון דער אַמאָל זעלבסטשטענדיקער געמיינדע, פּאָדזאַמטשע (הינטערן שלאָס). זי באַ־שטייט פון צוויי גאַסן, וועלכע נעמען אַרום אין אַ האַלבן קרייז דעם שלאָס פון דרום זייט. דאָס איז די שניידער־גאַס (קראַוויעצקאַ) און די פּאָדזאַמטשע-גאַס. די שניידער־גאַס איז זייער לאַנג, זי ציט זיך אַרום דעם גאַנצן שלאָס-באַרג ביז צו דער אויסערסטער גרעניץ פון דער שטאָט. די הייזער זענען דאָ נישט אַלט, די עלטסטע זענען פון 18טן יאָרהונדערט, זיי זענען אָבער זייער אָריגינעל, מיט דאַך שטיבלעך, וועראַנדעס, באַלקאָ-נען, געבויט אין אַ מאָלערישער אומאָרדענונג, אַזוי אַז זיי ציען-צו דאָס אויג מיט זייער רייכטום אין פאָרמען. איין זאַך האָבן די אַלע הייזער בשותפות: זיי האָבן אַלע דורכגעלעכערטע דעכער, צעבראָכע־נע פאָדלאָגעס (פּאָלן), קרומע טרעפּ און אָן אַ שיעור איינוווינער, כאָטש זיי זענען אַלע שוין צום איינפאַלן; דערצו קומט נאָך די פאַרשידנפאַרבי-קייט פון די דאָזיקע הייזער, וואָס מאַכט זיי נאָך מאָלערישער. דאָ און אין אַ זייטיקער גאַס וווינען די אָרימע לייט. פון דאַנען גייט דער פלעק־טיפוס כמעט קיינמאָל נישט אַוועק.

די הייזער אויף פּאָדזאַמטשע האָבן אַן אנדערן כאַראַקטער: זיי זעגען אַלט און זיי דריקן זיך ענג צום שלאָסבאַרג, אַזוי אַז די באַרג־וואַנט סטאַרטשעט אַרויס איבער זיי, אַרויסהויבנדיק אויף אַלע זייטן דעם שלאָס מיט זיינע מויערן און גאַנקעס ווי אַ שטאַרקע פעסטונג. אין איינעם פון די דאָזיקע הייזער, וואָס זענען ממש ווי צוגעקלעפּט צום באַרג, געפינט זיך די קירזשנער־שול, אָדער, ווי מען רופט זי אויך, די ליפּער־שול. זי טראָגט אויך דעם נאָמען פון שאול וואַל, דעם לעגענדאַרן איינטאָגיקן קעניג פון פּוילן. די שול האָט נישט קיין שום אַרכיטעקטאָנישע שיינקייט, זי איז אַ פּשוטער פירעקיקער זאַל אויפן ערשטן שטאָק פון דעם הויז. עס לאָזט זיך נישט היסטאָריש פעסטשטעלן, צי די שול איז טאַקע געוואָרן אויפגעבויט דורך דעם לעגענדאַרן קעניג, אָדער צי האָט ער דאָרט נאָר אַמאָל געדאַווענט. די ערשטע השערה קאָן באַגרינדעט ווערן דורך דעם אופן ווי מען רופט אויף צו הקפות אין דער דאָזיקער שול. די פאָרמעל פון אויפרופן איז דאָרט אַזאַ: ברשות מורינו ורבינו השר ר׳ שאול וואַל, מכבד מיט כבוד התורה״.

שאול וואַל ווערט נאָך ביז צום היינטיקן טאָג באַטראַכט אַלס לעגענדאַרער קעניג פון פּוילן. עס דערציילט זיך אַ לעגענדע, אַז די פּוילישע פּריצים האָבן אַמאָל נישט געקענט זיך אייניקן, וועמען זיי זאָלן אויסקלייבן אַלס קעניג, און אַזוי ווי די וואַל האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן דעם טאָג, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז דער ערשטער, וואָס וועט פאַרבייגיין, זאָל דערווייל אויסגעווײלט ווערן אַלס קעניג. אַזוי איז דער ייד שאול אויסגעווײלט געוואָרן אַלס קעניג. פון דאַנען טאַקע שטאַמט זיין נאָמען „וואַל״. באַלד אָבער האָבן זיך די פּריצים געאייניקט און שאול האָט געמוזט איבערלאָזן דעם „טראָן״ אַן אַנדערן ווירקלעכן פּרעטענדענט צו דער פּוילישער קרוין. אָבער אין דער קורצער צייט פון זיין קיניגשאַפט האָט שאול דעקרעטירט אַ סך פּריווילעגיעס פאַר די יידן.

אַזאַ איז די לעגענדע, וועלכע איז וואַרשיינלעך פאַרבונדן מיט געוויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען. אין דער ווירקלעכקייט איז שאול (בן יהודה) קאַצענעלנבויגן געווען אַ רייכער צאָל־פּאַכטער און באַנקיר ביים הויף פון די קעניגן סטעפאַן באַטאָרי און זיגמונט דעם דריטן. ער האָט גע-

קומען אין אָרענדע אַלע הכנסות פון דער בריסקער סטאַראָסטווע — ווי ער האָט געהאַט זיין שטענדיקן וווינאָרט — ווי אויך די זאַלץ-גרובן און צאָלן. דעם 7טן יוני 1589 באַקומט ער פונעם קעניג סטעפאַן באַטאָרי דעם טיטל פון אַ קעניגלעכן הויף-פאַקטאָר און הויף-דינער מיט אַלע פּריווילעגיעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די דאָזיקע טיטלען. די באַקומענע פּריווילעגיעס האָט שאול אויסגענוצט לטובת דער בריסקער קהילה און פאַר דער גאַנצער ליטווישער יידנשאַפט. ווען ס'איז פאַרגעקומען אַ סכסוך צווישן די בריסקער יידן און די קריסטלעכע בירגער פון שטאָט, איז שאול אויפגעטראָטן אַלס פאַרטיידיקער פון די יידן, און ער האָט אויך פאַר זיי אויסגעווירקט פאַרשידענע פּריווילעגיעס.

אַ וואָסערע באַציאונגען שאול וואָל האָט געהאַט צו דער לובלינער קהילה, לאָזט זיך ביים איצטיקן מצב פון די היסטאָרישע פאָרשונגען נישט פעסטשטעלן. וואַרשיינליך פלעג ער קומען צו די גרויסע יאַרידים קיין לובלין און אפשר אויך אַלס דעלעגאַט פון די ליטווישע קהילות צום ועד ארבע ארצות. אויב אַזוי, האָט ער געמוזט יעדעס יאָר וויילן אין לובלין עטלעכע וואָכן, און דאַן איז שוין מעגלעך, אַז אַזאַ רייכער מאַן ווי שאול וואָל האָט זיך געגרינדעט אַן אייגענע שול, פאַר זיך און פאַר די אַנדערע ליטווישע יידן, וואָס זענען געקומען קיין לובלין, און דאָס נישט בלויז צום דאַווענען, נאָר אויך כדי צו האָבן, ווו זיך צונויפצוקומען און אָפּצו-האַלטן באַראַטונגען.

שאול איז געשטאָרבן אין יאָר 1617, און זעקס יאָר שפּעטער האָבן זיך די ליטווישע קהילות אָפּגעטיילט פון די פּוילישע און געגרינדעט אַן אייגענעם ועד המדינה אין בריסק, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען שאול וואָלס זון, מאיר, דער רב פון בריסק. דורך דער גרינדונג פון אַ באַזונדערן יידישן ועד און סיים אין בריסק האָבן זיך געענדיקט די באַציאונגען פון די ליטווישע יידן מיט לובלין, אָבער די וואָלס זענען געבליבן טריי זייער פאַמיליען-שול. אין ערשטן דריטל פונעם 17טן יאָרהונדערט לעבט אין לובלין שאול וואָלס אייניקל, אַ זון פון ר' מאיר, ישראל וואָל, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1639 און וועמעס קבר געפינט זיך אויפן אַלטן בית עולם אין לובלין. וואַרשיינלעך האָבן זיינע קינדער דערהאַלטן די טראַ-

דיציע פון דער שול, און דער אמט פון גבאי פון דער שול איז אַריבער־געגאַנגען בירושה פון פאָטער צו זון אַזוי איין דור נאָכן צווייטן. מיט דער צייט האָבן איבערגענומען די שול די קירזשנער, וועלכע פלעגן זיך אונ־טערשיידן אין איינגעזעסענע און אין וואַנדערנדיקע, אָדער „לויפערס״. פון דאַנען נעמט זיך דער היינטיקער נאָמען, די „לויפער שול״, אָבער דער דאָ־זיקער נאָמען האָט נישט באַוויזן צו מאַכן פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם גרינדער פון דער שול שאול וואַל.

* * *

איצט פאַרלאָזן מיר די קליינע שול מיט אירע טראַדיציעס און אויך פּאָדזאַמטשע און די שניידער-גאַס און מיר שפּאַצירן צוריק צום יידישן טויער. פון דאַנען גייען מיר אַרויף מיט דער זאַמקאָווא גאַס און באַ־טראַכטן די אַלטע הייזער, וועמעס פאָדערשטער טייל געפינט זיך אין דער הויף פון דער זאַמקאָווא, בעת דער הינטערשטער טייל ליגט אונטן ביים שלאָסבאַרג. דערנאָך לאָזן מיר זיך צוריק אַראָפּ פון דער זאַמקאָווא גאַס און גייען לינקס פונעם יידישן טויער צו דער ברייטער גאַס (שעראָקאַ), וועלכע איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דער יידן-שטאָט. „ברייטע גאַס״ האָבן אַגב געהייסן די הויפּט-גאַסן אין די יידישע געגנטן פון קראָקע און פון לעמבערג.

די ברייטע גאַס אין לובלין איז ווירקלעך ברייט און זי איז פון ביידע זייטן איינגעראַמט אין הויכע הייזער פון צוויי אָדער דריי שטאָק. דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע איז דאָס הויז ביים אויסגאַנג קאָוואַלסקאַ גאַס, וועלכעס איז ענג פאַרבונדן מיט דעם יידישן טויער ווי אויך די הייזער נומערן 9—21 אויף דער ברייטער גאַס, וועלכע שפּאַרן זיך אָן מיט זייערע הינטערשטע ווענט אינעם שלאָסבאַרג. לויט אַ נישט באַוויזענער טראַדיציע זענען די אסיפות פון ועד ארבע ארצות פאָרגעקומען אין דעם הויז נר. 19, וואָס לאָזט זיך אָבער נישט אויף זיכער באַווייזן, ווייל דער לעצטער צוזאַמענפאָר פונעם ועד אין לובלין איז פאָרגעקומען אין יאָר 1682.

אינעם הויז שעראָקאַ גאַס נומער 2, אינעם הינטערשטן טראַקט פונעם

ערשטן שטאָק, געפינט זיך די שול, וועלכע איז אויפגעבויט געוואָרן פון הערש דאָקטאָראָוויטש, דעם הויף־פאַקטאָר פון קעניג וולאַדיסלאַוו דעם 4טן. הערש דאָקטאָראָוויטש האָט באַקומען פונעם קעניג די דערלויבעניש צום בוי פון דער דאַזיקער שול דעם 16טן יולי 1638 און צוגלייך די פּריווילעגיע אָנצופירן די שול אַזוי ווי עס וועט אים געפעלן. די פּרנסים פון לובלין האָט דער קעניג פאַרבאָטן, אונטער דער דראָאונג פון שטרענגע שטראָפן, זיך אַריינצומישן אין דער טעטיקייט פון דעם גרינדער פון דער דאַזיקער שול. די שול איז מיט לאַנגע יאָרן צוריק געקויפט געוואָרן דורכן קאַטליער־צעך, און זי הייסט ביז היינט די קאַטליער־שול. די הערן קאַטליערס האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק די שול „גרינטלעך" רעסטאַווירט, און אָפּגעמעקט אַלץ, וואָס ס'איז אין איר געווען „אַלט און נישט שיין". היינט בילדעט די קאַטליער-שול אַ מאָדערנעם בנין מיט אַ פרויען-גאַלעריע, וועלכע פאַרשמעלערט שטאַרק דעם אויבערשטיין חלל פון דעם זאַל. די מזרח-וואַנט מיטן ארון קודש ווערן פאַרצירט פון אַ שיינעם פּאָרטאַל אין רענעסאַנס-סטיל. שיינע בענק און גוטע באַלויכטונג גיבן־צו דער סינאַגאָגע אַ מאָדערנעם אויסזען.

אינעם שכנישן הויז (שעראָקא נר. 3) געפינט זיך אויפן ערשטן שטאָק די שול פון די האַנדלס-אָנגעשטעלטע — די „משרתים שול". די דאַזיקע שול באַשטייט פון אַן איינפאַכן גרויסן צימער מיט פענסטער צו דער גאַס. דער עזרת נשים געפינט זיך אין אַ זייטיקן צימער און איז פאַרבונדן מיט דער מענער שול דורך אַ גרויסער עפענונג אין דער וואַנט.

אין דערזעלבער גאַס, נומער 28, געפינט זיך דאָס שטאַם-הויז פון דער משפחה האָראָוויץ, די אור אור-אייניקלעך פון יעקב יצחק האָראָוויץ, דעם „חוזה פון לובלין", וועלכע זענען זייער שטאָלץ אויף זייער יחוס, און וועלכע פּראָצעסירן זיך שטענדיק וועגן דעם ירושה-הויז. אינעם הויף פון דעם דאָזיקן הויז, צו וועלכן מען קומט דורך אַן ענגן קאָרידאָר, שטייט אַ געראַומיקע שטוב מיט אַ האַלצערנעם דאַך, מיט אַ סך גרויסע פענסטער: דאָס איז די קלויז, אין וועלכער דער חוזה האָט געדאַוונט און ווו ער פלעגט פאַרברענגען דעם גרעסטן טייל פון טאָג. זיין דירה האָט דער חוזה געהאַט אינעם פראָנט-הויז אויפן ערשטן שטאָק. די קלויז איז אַ גרויסער, שלעכט

פארטונקעלוועטער חדר מיט אַ סופיט פון האָלץ-באַלקנס. ביים אריינגאַנג אין קלויז באמערקט מען אַ קליינעם חדר, וואָס איז אָפּגעשאָליעוועט פון דער קלויז און זעט אויס ווי אַ שטייג: דאָ דאַוונען די פרויען.

פון דער דאָזיקער קלויז האָט אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָנען ארויס־געשטראָמט אין אַלע זייטן דאָס ליכט פונעם חוזה; דאָ איז געווען דער גייסטיקער צענטער פאַר אַ גרויסן טייל פון פוילישן יידנטום; דאָ זענען פּלענער אָנגעצייכנט געוואָרן, און פּלענער צעשטערט געוואָרן. היינט איז די קלויז אין וואָכנטאָג אַ הקדש פאַר אָרימע לייט און קאַליקעס, וועלכע פאַר-ברענגען דאָ טאָג און נאַכט, און אין ווינטער וואַרימען זיי זיך דאָ ביים גרויסן אויוון. עטלעכע הייזער ווייטער (שעראָקאַ 40) שטייט דאָס שטאַם-הויז פון דער משפחה אייגער. דאָ האָט ליבעלע אייגער געגרינדעט זיין קלויז, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַ חסיד, און אהער זענען צו אים געקו־מען זיינע חסידים. צוויי הייזער ווייטער (שעראָקאַ 44) געפינט זיך די פּרנס־שול, ד. ה. די שול פון אברהם הײלפּערן, און אַקעגנאיבער זעען מיר די קצבים גאַס (יאַטעטשנאַ), אין וועלכער עס געפינט זיך דער קאָמפּלעקס בנינים, וועמעס באַדן דר. יצחק מאַי האָט געקויפט ביים סוף פון 16טן יאָרהונדערט ביים וואָיעוואָדע טענטשינסקי, און דערנאָך דאָס געשאַנקען דער קהילה פאַרן בוי פון אַ שול, אַ ישיבה א. אז. וו. און די קהילה האָט טאַקע פאַרבויט כמעט דעם גאַנצן שטח.

דעם גרעסטן פּלאַץ פאַרנעמט דאָ די לובלינער גרויסע שול, וועלכע הייסט נאָך דעם ערשטן ראש ישיבה פון לובלין ר׳ שלמה לוריע „מהרש״ל־שול״; נעבן איר איז אויפגעבויט געוואָרן אַ צווייטע קלענערע שול, אויפן נאָמען פונעם דריטן ראש ישיבה פון לובלין ר׳ מאיר לובלין — די מהר״ם־שול. אַקעגנאיבער דיביידע שולן איז געשטאַנען דאָס בית המדרש, ווו ס׳איז וואַרשיינלעך אין פריערדיקע צייטן געווען די ישיבה, וועמעס ראש האָט געהאַט דעם טיטל „רעקטאָר״. אין דער נאָענט פון די שולן איז גע־שטאַנען דאָס שעכט-הויז און דאָס באָד (יאַטעטשנאַ 8). דאָ זענען געשטאַ-נען די בודקעס פון די קצבים און פון אַנדערע הענדלער, דאָ איז געווען דער צענטער פון דער געטאָ. דאָ פלעגן אויך אויסגעפירט ווערן די טויט־אור־טיילן איבער די יידן, וואָס זענען פאַרמשפט געוואָרן אין די עלילת דם

פּראָצעסן און נישט איין ייד, נישט איין גדול בישראל, האָט אויף דעם דאָ-זיקן ענגן פּלאַץ צווישן די שולן און בתי מדרשים אויסגעהויכט זיין אומ-שולדיקע נשמה.

די אַלע שולן מיטן בית מדרש, מיט דער ישיבה זענען געפאַלן אַ קרבן פון דער גרויסער שרפה, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 16טן אָקטאָ. 1656. אַ קעניגלעכע קאָמיסיע, וועלכע האָט באַזוכט דעם פּלאַץ אין יאָר 1661 האָט דאָ געפונען לויטער פאַרברענטע חורבות. אָבער באַלד זענען די שולן און די אַנדערע הייזער ווידער אויפגעבויט געוואָרן און זיי זענען דאָ געשטאַנען פולע 200 יאָר, נישט געקוקט אויף די פאַרשידענע קאַטאַסטראָ-פעס, וואָס האָבן געטראָפן דער יידן-שטאָט. אין דער שרפה פון יאָר 1856 זענען די אַלע הייזער ווידער פאַרברענט געוואָרן אויף אַש. אין עטלעכע יאָר אַרום זענען זיי ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן און זיי האָבן דאַן באַ-קומען די געשטאַלט, וואָס זיי האָבן איצט.

* * *

די שולן אין פּוילן בילדן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער אַרכיטעק-טור- געשיכטע פון דעם דאָזיקן לאַנד. זיי זענען געבויט געוואָרן אָדער אונטער דער השפּעה פון די מערב-לענדישע סטילן, אָדער אונטער דער מזרחדיקער (ביזאַנטינישער) השפּעה, און לויט דעם האָבן זיי, אָדער לענגלעכע אָדער ברייטע פאָרמען. זיי בילדן, ווי מען רופט דאָס אין דער אַרכיטעקטור, אַ לאַנגע שיף אָדער זיי האָבן אַ צענטראַלע ברייטע פאָרם. לאַנגשיפּיקע שולן זענען אָדער איינשיפּיק, ווי די רמ״א-שול אין קראָקע, די לויפער-שול, די קאַטליער-שול און די מהר״ם-שול אין לובלין, אָדער צוויי שיפּיק ווי די עלטסטע שול אין פּוילן, — די „אַלטע שול" אין קראָ-קע, אָדער די שול אין כעלם. איןביידע באַשטייט דאָס סופיט-געוועלב פון צוויי קוואַדראַטן, וועלכע שטיצן זיך יעדע אויף אַ באַזונדערער זייט.

אין פּוילן איז מער פאַרשפּרייט די פאָרם פון „צענטראַל-שולן" ווי די לאַנגשיפּיקע. אין די צענטראַלע שולן האָט דער הויפּט-זאַל צום דאָ-ווענען אַ קוואַדראַט-פאָרם מיט אַ געוועלבטן סופיט. אין גרעסערע שולן שטיצט זיך די וועלבונג אויף אַ זייל אָדער אויף פיר זיילן אין קוואַדראַט, אין וועלכע עס גייט אַריין דער באַלעמער.

די מהרש״ל־שול אין לובלין געהערט — אזוי ווי די שולן אין פּרע־מיסלע, ריישע, אַפּטע, לאנצוט — צום טיפּ פון די ״צענטראַל־סינאַגאָגעס״ מיט אַ קראַנץ־געזימס אַלס מיטל־שטיצע, וועלכע צעטיילט זיך אין פיר זיילן. יעדע זייל בילדעט ווידער אַ בינטל פון דריי זיילן. די שול מאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. זי איז זייער גרוימיק און זי האָט אַ פרויען-שול אויף דער מערב- און צפון-זייט. די שול האָט אַ סך ליכט. די הויכע, גרויסע פענסטער שטאַמען וואַרשיינלעך פון דעם לעצטן אי־בערבוי; אין פריערדיקע צייטן פלעגט מען, צוליב זיכערקייט, מאַכן קלע־נערע פענסטער. בייגאַכט צינדט מען אָן די גרויסע לייכטער ווי אויך די שיינע מנורה, וועלכע געפינט זיך רעכטס פונעם עמוד. אין ימים טובים שטעלט מען אויפן עמוד און אויפן באַלעמער זילבערנע לייכטער, וועל־כע ווערן, ווי אַלע כלי קודש, געהאַלטן פאַרשלאָסן אין דער קאַסע פון דער קהילה.

אין דעם זעלבן בנין, אונטער איין דאַך מיט דער מהרש״ל־שול, גע־פינט זיך די מהר״ם־שול, וועלכע איז אויך נאָך דער שריפה פון 1856 גרינטלעך איבערגעבויט געוואָרן. זי בילדעט אַ לאַנגן זאַל צום דאַווענען, פון וועלכן צוויי דריטל זענען פאַרנומען פון דער מענער-שול און איין דריטל פאַר די פרויען. די ווייבערישע שול איז אָפּגעטיילט פון דער מע-נערישער מיט אַ האַלב-הויכער וואַנט. אינדערמיט פון דער שול פאַר מע־נער שטייט דער באַלעמער, וועלכער איז אַרומגענומען פון וווּנדערשיינע בראָנזענע שטאַכיטן. אַ שיינע מנורה, אַ מעשענע שיסל און אַ הענגלייכ־טער בילדן דאָס צירונג פון דער דאָזיקער אַלטער שול, אין וועלכער עס זע־נען בשעת מלחמה איינגעאָרדנט געוואָרן די מיליטערישע „גאָטעס דינסטן״.

חוץ די דערמאָנטע צוויי שולן געפינט זיך אין דעם זעלבן הויז אַ קליינע צעך-שול און די דירות פון די שמשים. דער גאַנצער בנין מאַכט פון דרויסן דעם איינדרוק גיכער פון אַ קאָנצערט הויז אָדער פון וועלכער ס׳איז אַנדערער מאָדערנער געביידע ווי פון אַן אַלטן מקום קדוש.

אין דערזעלבער גאַס, אַביסל קווער אַקעגנאיבער, שטייט דאָס בית המדרש. דאָס איז אַן איינגאָרנדיק הויז (אויף יאַטעטשנאַ נר. 6), וואָס



היסטאָרישע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית־עולם, פון לינקס צו רעכטס: ר׳ שלום שכנא, לובלינער רב, נפטר 1559, און זיין זון ר׳ שאול פישל אפרים (1625).



די עלטסטע מצבות אויף דעם אַלטן לובלינער בית־עולם, אין דער לינקער זייט די מצבה פון דעם חזן אברהם בן אושאי (?) פון דעם יאָר 1543.

איז אונטן פאַרנומען פון דירות, און אויפן ערשטן שטאָק אין אַ גרויסן געוועלבטן זאַל, וואָס דינט צום לערנען און צום דאַווענען, איז דאָס אייגנטלעכע בית המדרש. די ווענט פון בית המדרש זענען פאַרשטעלט מיט הויכע שאַפעס מיט ספרים, צווישן וועלכע עס געפינט זיך נישט איין יקר המציאות פון די אַלטע לובלינער דרוקן. אין די לובלינער שולן און קלויזן געפינען זיך בכלל רייכע ביבליאָטעקן, וועלכע זענען אָבער מערסטנס אָפּ־געלאָזן און נישט קאָמפּלעט און אין קיינער פון זיי איז נישטאָ קיין קאַ־טאַלאָג. די ביבליאָטעקן ווערן „געהיט" פון אַ פּשוט שטיקל פּאַפּיר אויף דער וואַנט, ווו ס'איז אָנגעשריבן אַ חרם פאַר דעם, וואָס וועט גנבענען אַ ספר. ווען דאָס דאָזיקע שטיקל פּאַפּיר זאָל קענען רעדן, וואָלט עס געקאָנט דערציילן, וויפל טייערע ספרים עס זענען פון דאַנען געגנבעט געוואָרן און ארויסגעפירט געוואָרן פון לובלין אין מערב אייראָפּע, ווו זיי בילדן אַ צי־רונג אין די גרויסע ביבליאָטעקן...

אין זיין איצטיקער פאָרם שטאַמט דאָס לובלינער בית המדרש פונעם 18טן יאָרהונדערט, נאָר וואָס די פענסטער זענען שפּעטער פאַרגרעסערט געוואָרן. פריער איז אויף דעם זעלבן פּלאַץ געשטאַנען אַן אַנדער בית המדרש, אין וועלכן ס'איז אפשר אויך געווען די ישיבה, ווו די באַרימט־סטע גאונים פון פּוילן האָבן געזאָגט תורה. אָבער אויך דער היינטיקער בנין האָט הינטער זיך אַ שיינע פאַרגאַנגענהייט. אין דעם דאָזיקן בית המדרש האָבן „געלערנט" און געדאַוונט די שענסטע בעלי בתים פון לובלין. דאָ האָט געלערנט צעדערבוים, דער שפּעטערדיקער אַרויסגעבער פון „המליץ" אין פּעטערסבורג, ביי איינעם פון די טישן פון בית המדרש האָט געלערנט יחיאל מענדעלזאָן, אַ פריינט פון דעם היסטאָריקער פּראָפעסאָר גרעץ, און דאָ האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן ר' לייבעלע אייגער, ביז ער האָט אָנגעהויבן צו פאָרן קיין איזביץ צום רבין ר' מרדכי יוסף און שפּעטער אַליין געוואָרן אַ „צדיק". צוזאַמען מיט דעם גייסטיקן בייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם דאָזיקן מענטשן, האָט ער אויך געביטן דאָס בית המדרש פאַר דער קלויז, וועלכע ער האָט געעפנט פאַר זיינע חסידים. אַ סך לובלינער יידן האָבן זיך אין יענע יאָרן אַריבערגעצויגן פון מתנגדישן בית מדרש אין די חסידישע קלויז.

צו דער גרופּע הייזער אין דער יידישער געגנט, אויפן אַלטן פּלאַץ פון דר. יצחק מאַי, געהערט אויך די תלמוד תורה, וועלכע געפינט זיך הינ־טער דער מהרש״ל־און מהר״ם־שול. ביז האַרבסט 1917 האָט דאָס דאָ־זיקע הויז געהאַט נאָר איין גאָרן, אָבער צום סוף פון דעם יאָר האָט מען דאָרט ארויפגעבויט אַ צווייטן גאָרן, דורך וואָס ס'איז אביסל פאַרשטעלט געוואָרן דאָס ליכט פאַר דער מהר״ם-שול.

* * *

איצט פאַרלאָזן מיר דעם אַלטן צענטער פון דער יידישער לובלין, מיר פאַרלאָזן דאָס אָרט פון קאָכעדיקסטן לעבן און מיר לאָזן זיך גיין צום פּלאַץ פון די טויטע. אונזער ציל איז דער אַלטער בית עולם.

מיר גייען ביז צום ענד פון דער יאַטעטשנאַ גאַס און קומען צו דער קליינער הילצערנער בריק איבער דעם טייכל טשעכאָווקאַ. די הייזער ווערן דאָ וואָס אַמאָל קלע־נער, וואָס אַמאָל ווייטער איינס פונעם אַנדערן, וואָס אַמאָל מער חורבות. די צאָל־רייכע וואָרענונג־אויפשריפטן: „אַכטונג, פלעקטיפוס״, וועל־כע מיר האָבן דאָ געטראָפן אין מערץ 1918, כאַראַקטע־ריזירן אַמבעסטן די דאָזיקע ווינקלעצער פון דער גרויסער אָרימקייט. מיט אַ ביטערער איראָניע פלעגן די לובלינער



אַרויפגאַנג צום אַלטן בית־עולם

יידן דערקלערן, אַז די אָרימע לייט האָבן מיט באַוווסטזיין זיך אויסגעקליבן זייערע וווינונגען אין דער דאָזיקער געגנט, כדי זיי זאָלן האָבן נאָענט צום בית־עולם.

מיר גייען דורך דאָס בריקל איבער דער טשעכאָווקאַ, גייען פאַר־ביי דער כאַראַקטעריסטישער שטוב פון יאַטעטשנאַ נר. 17, און

נאָך עטלעכע הונדערט שריט זעען מיר שוין דעם אַלטן בית עולם. אויף עטלעכע בערגלעך, אונטערן שאָטן פון הויכע ביימער, געפינט זיך דער יחוס-פּלאַץ פון לובלין. פון דער ווייטנס גריסן אונז די ווייסע מצבות.

דער בית עולם איז אַלט אַרום פירהונדערט יאָר. די עלטסטע מצבה, וואָס מען געפינט דאָרט, איז אויפן נאָמען פון יעקב קאָפּעלמאַן, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר ה'ש"א (1541). לויט דער אָרטיקער טראַדיציע, זאָל דער יעקב קאָפּעלמאַן זיין אידענטיש מיט דעם גרויסן למדן ר' יעקב פּאָלאַק, וועלכער האָט איינגעפירט אַ ניי סיסטעם אינעם „לערנען" אין פּוילן *)

דער פּלאַץ, אויף וועלכן דער בית-עולם ליגט, הייסט גראָדזשיסקאָ; דער דאָזיקער נאָמען זאָגט, אַז דאָ איז אַמאָל געשטאַנען אַ שלאָס, אָדער עפּעס אַ פעסטונג (גראָד הייסט אויף פּויליש שלאָס). אויך די טאָפּאָגראַ-פּיע פון דעם פּלאַץ לאָזט-צו די השערה, אַז דאָ האָט אַמאָל געמוזט זיין אַ פעסטונג אָדער אַ שלאָס. אַ טייל פון דעם שטח פונעם בית עולם האָט שוין אין דער ערשטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט געהערט צו דער לובלי-נער קהילה, וועלכע האָט דאָ מקבר געווען אירע מתים. אָבער ערשט אַרום דעם יאָר 1550 (ש"י—לויט דעם יידישן לוח) האָט די קהילה צוגעקויפט דעם רעשט פונעם פּלאַץ, אויסגעברייטערט דעם בית עולם און אים אַרומ-גענומען מיט אַ מויער.

מיר גייען דורך די קליינע פורטקע אין דער מויער און קומען אויפן פּאָרהויף; דאָ געפינט זיך די האַלב איינגעפאַלענע הייזקע פונעם קברות-מאַן, דאָ איז אויך געווען דאָס טהרה-שטיבל און מען פלעגט דאָ אויך אָפּליינען די מתים, וועלכע מען האָט אַריינגעבראַכט פון די אַרומיקע קליינע קהילות. אין דער שאַצקאַמער פון דער לובלינער קהילה געפינט זיך נאָך ביז היינט דער זילבערנער שעפּ-לעפל, מיט וועלכן מען האָט באַגאָסן די מתים

*) ר' יעקב פּאָלאַק איז געבוירן אין פּויזן אין יאָר ר"כ (1460) און געשטאָרבן אין לובלין אין ש"א; דעם נאָמען „פּאָלאַק" האָט מען אים געגעבן אין פּראַג, דער הויפּטשטאָט פון בעמען, ווו ער איז געווען אַ געוויסע צייט ראש ישיבה. (אָנמערקונג פונעם איבערזעצער).

ביי דער טהרה. די דאָזיקע כלי האָט די קהילה באַקומען אַ מתנה פון אברהם הײלפּערנס פּאַטער ר׳ חיים און ס׳איז אין איר איינגראַווירט דאָס יאָר, ווען ר׳ חיים איז געשטאָרבן (תס״ז) — 1707). היינט, ווען דער דאָ־זיקער בית עולם איז געשלאָסן, און די קהילה באַזיצט אַ נייעם בית עולם (אויף דער אָביוואַטעלסקא גאַס), איז דאָס טהרה־שטיבל אינגאַנצן אַ חורבה, און דער פּאָרהויף איז פאַרוואַקסן מיט גראָז.

דורך אַ קליינער טיר קומען מיר אַריין צום בית עולם. די סטעזשקע שלענגלט זיך דורך דעם מיט גראָז באַוואַקסענעם פעלד, וואָס ליגט אונטערן שאָטן פוןביימער און קוסטעס, און ציט זיך וואָס אַמאָל העכער אויפן בערגל. ביים אַריינקומען מערקט מען נאָך נישט קיין מצבות, אָבער וואָס העכער מיר שטייגן אַרויף, אַלץ מער מצבות באַגעגע־נען מיר. אַ טייל מצבות שטייען נאָך גלייך, אַנדערע טיף, און די מער־סטע ליגן אויף די קברים און זענען באַדעקט מיט גרוז און ערד. וואָס העכער מיר שטייגן אַרויף אויף די בערגלעך, אַלץ געדיכטער ווערן די ביימער און אומדורכדרינגלעכער די קוסטעס. מען מוז זיך גוט אָנשטרענ־גען פונאַנדערצובויגן די צווייגן און די בלעטער, כדי צו קענען ווו נישט ווו איבערלייענען אַ מער לעזבאַרע אויפשריפט אויף אַ מצבה.

באַלד זענען מיר אויפן העכסטן פּונקט, אויף דער וואַל־ליניע, וועל־כע ציט זיך אַרום דעם גאַנצן בית החיים. פון דאָנען עפנט זיך פאַר אונ־זערע אויגן אַ וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע אין אַלע זייטן. אקעגן צפון זייט זעען מיר די קליינע הייזקעס פון דער פאָרשטאָט קאַלינאָוושטשיזנא, אויף דרום זייט סטערטשען אַרויס די טורעמס פון דער אַלטשטאָט און די בריק־לעך און שיס-עפענונגען פונעם שלאָס. אקעגן מערב זייט פאַרזענקט זיך אַביסל דער באָדן, ענלעך צו אַ קעסלטאָל, פון וועלכן עס הויבט זיך אַרויס די גוט דערהאַלטענע חורבה פון דעם פראַנציסקאַנער קלויסטער. די לעצטע יאָרן איז דאָ געווען אַ פּאַפּיר־פאַבריק, וועלכע עקזיסטירט נישט מער. צוויי יאָרהונדערטער לאַנג האָבן די יידן אַ סך געליטן פון די פראַנציסקאַנער מאָנאַכן, דאָ האָבן זיי דורכגעבראָכן די מויער פון בית עולם, דאָ האָבן זיי זיך מיט געוואַלט געמאַכט אַ דורכגאַנג דורכן בית עולם צו זייער קלויסטער־גאָרטן און שטענדיק האָבן זיי געצאַפּט געלט ביי דער יידישער

קהילה. אַלע פּאָר יאָר האָבן די יידן געשלאָסן מיטן קלויסטער אָפּמאַכן, אין וועלכע ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דאָס אייגנטום־רעכט פון דער קהילה אויפן בית עולם (צ. ב. דער אָפּמאַך פון 16טן יולי 1622), אָבער די פראַנציסקאַנער האָבן תמיד געפונען עפּעס אַ שוואַכן פּונקט, כדי אויפ־סניי ארויסצוקומען מיט טענות און תביעות און אָנצוטון צרות.

אַרום סוף פון 18טן יאָרהונדערט זענען די פראַנציסקאַנער — גלייך



די אויבערשטע טייל פון דער מצבה אויפן קבר פון ר' אברהם ברי חיים היילפּערן, פאָרלעצטער ראש פון ועד ארבע ארצות (געשטאָרבן ט"ו חשון 1792)

ווי אנדערע מאָנאַכן־אָרדנס, — געוואָרן ארויסגעטריבן פון לאַנד, און דער קלויסטער איז פאַרקויפט געוואָרן אַ פּריוואַטן מענטשן; דאָס אַלטע מחלוקת איז אָבער געבליבן אין זכרון פון פאָלק.

די נאָענטקייט פון אַ קלויסטער צום יידישן בית עולם און דער פאַקט, וואָס דער קלויסטער איז געווען טיף אין טאָל און דער בית עולם אין דער הויך אויפן באַרג, האָט געגעבן דער פאָלקס־פאַנטאַזיע מאָטיוון צו פאַרשידענע מעשהלעך און לעגענדעס. מיט דער צייט האָבן זיך די פאַרשידענע דעראַינערונגען און דערציילונגען פאַראייניקט צו דער פאָלגנדער לעגענדע, וועלכע יידישע מאַמעס דערציילן נאָך היינט זייערע קינדער:

„הינטער דער שטאָט לובלין האָט זיך געצויגן אַ גרויסער באַרג, וועלכער האָט געהערט צו צוויי ברידער. די ברידער האָבן שטענדיק געהאַט צווישן זיך מחלוקת און זיי האָבן זיך צעטיילט מיטן באַרג. איינער האָט זיין חלק געשאָנקען אַ מאָנאַכן־אָרדן, וועלכער האָט דאָ אויפגעשטעלט אַ קלויסטער, און דער אַנדערער האָט זיין חלק אַוועקגעשאָנקען די יידן, וועל־

כע האָבן אויף דעם פּלאַץ געמאַכט אַ בית עולם. די מאַנאַכן האָבן געוואָלט די יידן פאַרטרייבן, האָבן זיי יעדעס מאָל, ווען מען האָט געבראַכט אַ בר מנן אויפן בית עולם, געלאָזט קלינגען די קלויסטער־גלאָקן. די יידן האָבן זיך נישט געפילט גוט מיט דעם און זיי האָבן זיך פאַרקלאָגט ביי וואָיעוואָדעם און קעניגן — אָבער אומזיסט, די מאַנאַכן האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן און זיי האָבן כסדר געלאָזט קלינגען זייערע גלאָקן.

איינמאָל איז געשטאָרבן אַ פרומער ייד אַ צדיק, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געטאָן קיין אומגערעכטע זאַך. אַלע יידן זענען געגאַנגען צו דער לויה, און באַגלייט דעם מת ביז אויפן בית עולם. און ווען מען איז צוגעקומען מיטן אָרון צום קבר, האָבן די קלויסטער־גלאָקן אָנגעהויבן צו קלינגען



מצבה פון אַ יונגן תלמיד־חכם
(יאָר 1824)

ווי געוועגלעך. די יידן זענען געווען שטאַרק פאַרצערט, אָבער אין דער זעלבער רגע איז פּלוצים אַראָפּגעפאַלן דאָס שוואַרצע טוך פונעם אָרון, דער צדיק האָט זיך געגעבן אַ הויב־אויף און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן. דערשראָקענע זענען דער עולם מיט די קברנים געבליבן שטיין, און דער צדיק האָט צוגערופן אַ יינגל און אים געהייסן שנעל לויפן אין זיין דירה און אים ברענגען אַ ספר פון זיין ספרים שאַנק. דער בחור איז מיט אַלע כוחות געלאָפן אין שטאָט אַריין און באַלד געבראַכט דעם געוווּנטשענעם ספר. דער צדיק האָט גענומען דעם ספר, לאַנג אַרומגעמישט, ביז ער האָט אויפגעמישט די תפילה, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן מיט אַ הויך קול. דער צדיק האָט געזאָגט די תפילה, די גלאָקן האָבן געקלונגען און דער עולם איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט און זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

פּלוצים האָט מען באַמערקט, ווי דער קלויסטער הויבט זיך אָן צו

שאָקלען און ווי די ערד אונטער אים הויבט אָן איינצוזינקען. דער צדיק האָט מתפּלל געווען און דער קלויסטער איז געזונקען טיפער און טיפער. באַלד האָט מען געהערט אַ מוראדיקן געוויין און געשריי פון דער טיפעניש. די מאָנאַכן, וואָס זענען געווען אין קלויסטער, זענען גיך ארויסגעלאָפן און גענומען ארויפקלעטערן אויפן בארג ארויף. ארויפקומענדיק אויפן בארג, זענען זיי געפאַלן אויף די קני פאַרן צדיק און אים געבעטן מחילה. אויך די יידן האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיך מרחם זיין, און דער צדיק האָט צוגעמאַכט דעם ספר, צוגערופן דאָס בחורל, וועלכער האָט אים דאָס ספר געבראַכט, ער זאָל דאָס צוריקטראָגן אהין, פון וואַנען ער האָט דאָס גענומען, און דאַן איז ער צוריקגעפאַלן טויט אין זיין ארון. דער קלויסטער



מצבה פון ר׳ יקותיאל ברי אליעזר סאלמאן (געשטאָרבן ט״ו שבט 1810)

האָט אויפגעהערט זינקען, ער איז געבליבן שטיין טיף אונטן ווי אין אַ טעפּל, אונטער דעם בית עולם. און אַזוי שטייט ער ביז אויפן היינטיקן טאָג".

* * *

דער „פאַנטעאָן" פון דעם אַלטן בית החיים געפינט זיך אין זיינע בידעריקער ליגנדיקע טיילן. דאָ שטייט די מצבה פון ר׳ שלמה לוריא (מהרש"ל), פון ר׳ שלום שכנא און אַנדערע גדולים פון לובלין ביז צו

עזריאל הלוי האראוויץ און די רבנים פונעם 19טן יאָרהונדערט. נעבן זיי געפינען זיך די קברים פון די ראשי הקהל פון לובלין, פון די ראשי הועד ארבע ארצות, צווישן זיי אברהם היילפּערן מיט זיינע פאָרגייער און קינדער און קינדס־קינדער. ביים קבר פונעם „חוזה" שטייט א גרויסע מצבה, און פרומע מענטשן קומען אהער בעטן דעם צדיק, ער זאָל זיך פאר זיי באַמיען „דאָרט אויבן", און זיי לאָזן דאָ איבער אויפן קבר קוויטלעך מיט זייערע נעמען. דער קבר ווערט פונעם פאָלק באטראכט אלס הייליק, און מען טאָר זיך צו אים נישט דערנענטערן צו נאָענט, פונקט ווי צום קבר פון יעקב קאָפּעלמאַן *), וועלכער איז דאָ געקומען אלס ערשטער צו קבורה. נעבן די ראשי ישיבות, רבנים, פרנסים, וכדומה, ליגן דאָ די באַרימטע דאָקטוירים, די קעניגלעכע הויף־דינער, גרויסע סוחרים און אַלע, וועלכע האָבן געשפּילט א וועלכע נישט איז ראָלע אין דער קהילה אָדער אינעם יידנטום בכלל. די ערד דעקט איצט צו זייערע ביינער אין די צייט און די וועטערן האָבן אומ־געוואָרפן אָדער אָפּגעמעקט זייערע מצבות. וויקלגראָז און קוסטעס האָבן אַרומגענומען און זיך פונאַנדערגעוואַקסן צווישן און אַרום די מצבות, אַזוי אַז ס'איז שווער צו זיי צוצוקומען. די רייכע פאַרצירונגען אויף די מצבות, די לייבן, לעמפּערטן, מנורות, קרוינען, אָפּגעהאַקטע ביימער, אָפענע ספרים און אַלעגאָרישע געשטאַלטן זענען פון די ווינטן און רעגנס און שטורעמס וואָס אַמאָל מער אָפּגעמעקט געוואָרן, און אויף די מערסטע מצבות קאָן מען שוין די אויפשריפטן נישט איבערלייענען. דער גרויסגעבער פון לובלינער מצבה־אויפשריפטן, ה' ניסנבוים ווי אויך אַן אַנדערער לובלינער פאָר־שער, ה' שפּער, האָבן זיך משתדל געווען ביי דער לובלינער קהילה, זי זאָל עפּעס טון, צו ראַטעווען דעם דאָזיקן טייערן היסטאָרישן מאָנומענט; אָבער זיי האָבן נישט געפונען קיין פאַרשטענדעניש ביי די קהילה־פאַרשטייער, און זיי האָבן געמוזט אויפגעבן זייער פּלאַן. אַזוי גייט דער בית החיים לאיבוד

*) דער קבר פון יעקב קאָפּעלמאַן אָדער ר' יעקב פּאָלאַק, געפינט זיך ביים ראַנד; פאַר אים זענען מיר צוויי מצבות פון 16טן יאָרהונדערט, פון וועלכע איינע איז פון חזן אברהם. עטלעכע שריט פון דעם חזן איז דער קבר פונעם „חוזה", און אויף דער רעכטער זייט פון אים ליגט דעם חוזהס קעגנער, דער „אייזערנער קאָפּ". הינטער אים ליגט ר' שלום שכנא. דער קבר פון מה'רש"ל איז נעענטער צום אַריינ־גאַנג.

— וואָס ס'איז אַ גרויסער, אומאָפּשאַצבאַרער שאָדען פאַר דער יידישער געשיכטע און פאַר דער קונסט-געשיכטע; אין פאַרן אָנדענק פון די גדולים, וועלכע רוען דאָ, איז דאָס אַן אַקט פון אומדאַנקבאַרקייט און פון מאַנגל אין פּיעטעט.

* * *

מיר פאַרלאָזן דעם בית עולם און קערן זיך אום צוריק צו דער יידן-שטאָט. פון דער יאַטעטשנאַ גאַס נעמען מיר אַן אַנדערן וועג און קומען אַריין אין דער רוסישער גאַס (אוליצאַ רוסקאַ), די עלטסטע לובלינער פאָר-



די אַלטע שול אין וויעניאַוואַ

שטאָט דער „טשוטעק" (טשוואַרטעק), ווו עס געפינט זיך די עלטסטע לובלינער קירכע פונעם שוויענטי מיקאָלאַי. איצט איז דער „טשוואַרטעק" ווי אַלע אַרומיקע גאַסן באַוווינט נאָר פון יידן, און ער ציט זיך ביז צו דער לובאַרטאָווסקאַ-גאַס, דער לענגסטער גאַס פון דער נייער יידישער געגנט פון לובלין. די לובאַרטאָווסקאַ-גאַס מאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. נעבן קליינע בודקעס שטייען דאָ פּירשטאָקיקע הייזער מיט מאָדערנע פּאַסאַדעס, דורך וועלכע די געגנט באַקומט דאָס אויסזען פון אַ גרויסשטאָט. דאָ וווינען די רייכערע אָרטאָדאָקסישע יידן, די סוחרים, וועלכע האָבן אין דערזעלבער גאַס זייערע הורט-געשעפטן און מאַגאַזינען. די גאַס איז דאָ

שטענדיק פול פון מענטשן, אַלץ האנדלט דאָ, ווארום דאָ איז די בערזע פאר רובלען און עסטרייכישע קראָנען, מיט וועלכע מען האָט שטארק ספעקולירט אין דער אָקופּאַציע-צייט. ביי די געשעפטן שטייען טרעגערס ארומגעגארטלט מיט שטריק, ווארטנדיק אויף ארבעט. דאָס זענען שטארקע יידישע מענטשן מיט געזונטע ידים, א היפוך צו די בלאַסע, ענג־ברוסטיקע יידן־לומדים, וועלכע מיר האָבן געזען אין די קלויזן און בתי מדרשים אויף דער שעראָקאַ-גאַס. אין אַ ווינקל אין אַן עק-גאַס זעט מען א הויפן מענטשן, וועלכע שפּיצן אָן זייערע אויערן. עס זענען דאָ האנדלס-אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אויף א ווייַלע פארלאָזן דאָס געשעפט, דינסטן מיט קוישן אין די הענט, און קינדער מיט די שולטאַשן, רינגלען ארום א בלינדן מאַן, וועלכער זינגט מיט א צעוויינטער ווייַנענדיקער שטימע אַלטע באַקאַנטע לידער, פאַרדינענדיק אויף אזא אופן זיין ברויט. פאַרשיידענע מאָלער, וועלכע דער קריג האָט אהער פארשלעפּט, האָבן שוין געמאָלן דאָס בילד פון דעם גאַסנזינגער, און אַ מער גליקלעכער זינגער פון יידישע לידער, דער יידיש דייטשער דיכטער אדאָלף דאָנאַט, האָט דעם בלינדן גאַסנזינגער פון לובלין געווידמעט דאָס פאָלגנדע ליד :

הינטער דעם יידן-טויער
אין דער ווינקלדיקער גאַס
שטייט דער גאַסנזינגער און זינגט . . .
ער זינגט משהס אז ישיר,
זינגט פון שונאימס האַס,
און פון גאָט,
וואָס האָט די ליבע באַשאַפן;
פונעם לאַנד מצרים
און פון זיינע מכות,
פון הונגער-ליידנדע קינדער,
פון דער שטורעמדיקער צייט,
פון די טויזנטער זין,
וואָס זענען אין מלחמה געפאַלן
און פון די מאַמעס אין שווארצן קלייד.

## די יידן־שטאָט לובלין

אוּן אין איין אָטעם
ווייגט ער דאַן ווידער
זיינע פון ווייטיס דורכגעווייקטע
הויך שרייענדיקע,
אָטעם־רויבנדיקע לידער
פון פאָלקס טרערן
און פון דער אייביקער בענקשאַפט
נאָך ירושלים,
נאָך ירושלים.

הינטער דעם יידן טויער
אין דער ווינקלדיקער גאַס
שטייט די גרויסע מאַסע
און הערט זיך צו...
אָבער דער זינגער,
דער בלינדער זינגער,
זעט זיי נישט
און הערט זיי נישט.
ער זעט נישט, ווי רשעים אויגן פאַרדרייען
מערקט נישט, אַז זיי טוען אים נישט פאַרשטיין.

הינטער דעם יידן־טויער
אין דער ווינקלדיקער גאַס
שטייט דער גאַסנזינגער און זינגט...

* * *

די לובאַרטאָווסקאַ האָט מער ווי אַ קילאָמעטער די לענג און זי פירט צום נייעם בית עולם אויף דער אָביוואַטעלסקאַ־גאַס. טויזנטער גרויסע און קליינע מצבות זעט מען פון דער ווייטנס אַרויסשטייגן פון דער בית עולם־

מויער — זיי זאָגן אונז עדות וועגן דער איצטיקער גרויסקייט פון דער יידישער קהילה אין לובלין. פאַר דעם דאָזיקן בית עולם ליגט — ארומגע-נומען מיט אַ נידריקערער מויער — דער קליינער מיליטערישער בית עולם, אויף וועלכן עסטרייכיש־אונגאַרישע יידישע אָפיצירן און סאָלדאַטן רוען אין שכנות מיט רוסיש-יידישע סאָלדאַטן. די ערשטע מתים האָט מען אהער געבראַכט צו קבורה פון דער שלאַכט ביי קראַשניק אין אויגוסט 1914. דעם טרויעריקן קאַראַכאַר האָט דערעפנט דער עסטרייכישער אויבער־ארצט דר. שפעכט. דער בית עולם איז געוואָרן געהייליקט ערשט אין זומער 1918 און דאַן האָט מען אהער אריבערגעפירט פון דער גאַנצער געגנט אַלע גע-פאַלענע און געשטאָרבענע יידישע סאָלדאַטן פון דער גאַנצער מלחמה צייט. די לאַנגע רייען קברים, אויף וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין שום מצבה, נישט עמיץ קומט ארויפלייגן אַ בלום, מאַכן אַ זייער טרויעריקן איינדרוק. קיין קול שטערט נישט די רו פון די, וואָס ליגן דאָ און וועלכע האָבן פארבראַכט די לעצטע טעג פון זייער לעבן אונטערן דונער פון קאַנאָנען, אָדער וואָס האָבן אין די טיפע טראַנשייען זיך צוגעצוויגן דעם טויט. אָרימע יידישע סאָלדאַטן!

מיר באַרלאָזן די יידישע געגנט און קערן זיך אום צוריק אין שטאָט. די בילדער, וועלכע מיר האָבן געזען, שטייען נאָך פאַר אונזערע אויגן, און מיר באַמערקן קוים, אַז מיר געפינען זיך אין אַן אייראָפּעאישער שטאָט, צווישן האָטעלן, קאַפע-הייזער, קאָנפיטעריעס, אַ שטאָט, ווו אויסגעפוצטע דאַמען און עלעגאַנט אָנגעטוענע הערן פראָמענירן אין די הויפּטגאַסן ביים שיין פון דער אָונט־זון. אויך יידן באַמערקט מען צווישן די שפּאַ־צירנדיקע, אָבער מאָדערנע יידן, וועלכע זענען אוועק פון דער געטאָ, שי־לער פון גימנאַזיע אין די רוסישע סטודענטן־מונדירן, אָדער סטודענטן פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט אין זייערע סטודענטישע היטלעך. אָבער מיר האַלטן זיך נישט אויף לאַנג אויף דעם דאָזיקן קאָרסאָ, און מיר ווענדן זיך צו דער פאָרשטאָט וויעניאַווע און טשעכאָווקאָ, כדי אויך דאָ זיך צו באַקענען מיט די יידישע מאַסן־וווינונגען.

ווען מען דאַרף שרייבן אַ גט אין טשעכאָוו, ווערט נאָך ביז היינט געשריבן: „אַזוי געשען אין טשעכאָוו, וואָס רופט זיך וויעניאַוואַ״. פון

דעם זעט מען, אַז די ביידע פאַרשטעט האָבן געבילדעט איין קהילה. אין אמתן איז נאָר וויעניאַוואַ אַ גאַנצע יידישע קהילה מיט אַ שול, בית מדרש, באָד און בית עולם. די שול שטייט אויף אַ בערגל אינמיטן פון אַ קליינעם פּלאַץ כמעט אין צענטער פון דעם דאָרף. די שול איז אַ שטיין־בנין מיט שיינע אַרכיטעקטאָנישע פאָרמען, איין־שיפיק, קוואַדראַט, מיט אַ פּאָליש, און אַ פרויען שול אין דער הויך. לײדער איז דער דאַך פון דער שול דורכגעבראָכן פון אַלטקייט און פון די רעגנס, און דערפאַר איז דאָס גאַנצע הויז נאַס. די קהילה איז געווען געצוווּנגען אַרויסצונעמען פון דער שול די ספרי תורה און אַנדערע טייערע חפצים און צו דאַווענען אין נאָענטן בית מדרש. פון זינט דער צייט ווערט די שול וואָס אַמאָל מער חרוב, און אויב עס ועט זיך נישט באַווייזן קיין רעטנ־דיקע האַנט, וועט זי אינגאַנצן איינפאַלן.

וויעניאַוואַ מאַכט דעם איינדרוק פון אַ דאָרף. די קליינע הייזקעס מיט וועראַנדעס, גערטנער מיט גרינצייג און די ברונעמער לאָזן גאָר נישט דערקענען, אַז דאָס איז אַן אַלטער ישוב אין דער נאָענט פון אַ גרויסער שטאָט. טשעכאָוו אָדער טשעכאָווקאַ ליגט נענטער צו דער שטאָט און איז אָפּגעטיילט פון וויעניאַוואַ דורך גרויסע און שיינע גערט־נער. אין דער לענג פון דעם גרויסן און זומפּיקן טייך ציט זיך אַ וועג, וועל־כער פאַרבינדט די צוויי דערפער אָדער פאַרשטעטלעך. אַ קליינע מיל קלאַפּט דאָ בייטאָג און נאַכט און פון דער מיל פירט אַ שמאָלע און קויטיקע יידי־שע גאַס צו דער שטאָט. קליינע, האַלב איינגעפאַלענע הייזער שטייען דאָ געדיכט צוזאַמענגעשטופּט אין אַ ווילדער אומאָרדענונג, און אין די בלאָטיקע גאַסן קריכן אַרום יידישע קינדער און קוקן שרעקעוודיק אויף די פאַרבייגייענדיקע. אין איינער פון די דאָזיקע איינפאַלנדיקע בודעס געפינט זיך דאָס „שטיבל", דאָס הייסט דער בית תפילה פון דער קליי־נער געמיינדע, און אין אַן אַנדערער הייזקע איז דאָס חדר, די איינציקע שולע פון דעם אָרט. דער מאָנאָטאָנער זינג־זאַנג פון די קינדער ביים לערנען אין חדר און די קלאַפּעריי פון דער וואַסערמיל בילדן אַן אייגנאַרטיקע האַרמאָ־ניע, וועלכע ווערט פאַרפולשטענדיקט דורכן קוויטשען פון די געטריבענע גרויסע מאַסן חזירים. אַזוי זעט אויס היינט דאָס דאָזיקע שטעטל־דערפל, און אַזוי האָט עס אויסגעזען מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען יעקב יצחק האָ־

ראָוויץ, דער „חוזה פון לובלין״, איז אַהער געקומען פון לאַנצוט אין גאַ־
ליציע און זיך דאָ באַזעצט. בעת ער האָט דאָ געלעבט, איז דער דאָזיקער
רואיקער פּלאַץ געווען דער וואַנדערציל פון אַ סך חסידים און אומגליקלעכע
מענטשן, וועלכע האָבן ביים צדיק געזוכט אַ רפואה און אַ לינדערונג פון
זייער נויט; אָבער ווען דער צדיק האָט זיך פון דאַנען אַרויסגעצויגן קיין
לובלין אויף דער שעראַקאַ גאַס, איז דאָס שטעטל אַריינגעפאַלן אין זיין גע־
וועגלעכן שלאָף, פון וועלכן עס האָט זיך ביז היינט נאָך נישט אויפגע־
וועקט.

## פרעסע שטימען וועגן:

# דאס פוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראל־פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאקטאר: מארק טורקאוו

**יעקב לעשטשינסקי** שרייבט וועגן אלחנן צייטלינס „אין א ליטעראַרישער שטוב" אלס א בוך, וואס קען דינען ווי א מצבה אויפן קבר פון הונדערטער דערמארדעטע יידישע שרייבער („פארווערטס", ניו־יארק, 17טער יאנואר 1947):

פיל יידישע ביכער באקומען איצט ביי אונדז גאר אן אנדער ווערט, גאר א באזונדערע חשיבות — זיי ווערן הייליקע ספרים, ווייל זיי טראגן אין זיך די נשמות פון קדושים, וועלכע זענען ווילד און גרויזאם פארשניטן געווארן פון דער וועלט. פארמאגן מיר איצט צווייערליי הייליקע ספרים — ספרים, וועלכע דערציילן אונדז פון די ליידן און גבורות פון די מאסן, פון דעם ברייטן פאלק, און ספרים, וועלכע פאראייביקן פאר קומענדע דורות די נשמות פון די פירער פון פאלק — פון זיינע לערערס און שרייבער, פון זיינע בעסטע זין פון דער עפאכע, וועלכע איז אזוי טראגיש פארשוונדן צוזאמען מיט אירע בעסטע קינדער.

צו דער קאטעגאריע פון די דאזיקע באמת הייליקע און טייערע ספרים מוז מען צורעכענען דאס בוך פון אלחנן צייטלין, פונעם זון פון בארימטן שרייבער הלל צייטלין און פון ברודער פונעם זייער טאלאנטפולן דיכטער אהרן צייטלין — „אין א ליטעראַרישער שטוב". דאס בוך איז געשריבן געווארן נאך פאר דער מלחמה און איז ארויסגעגעבן געווארן נאך אין דער לעבעדיקער, קאכעדיקער ווארשע, אין דער יידישער זודיקער און אייביק לויפנדיקער ווארשע. ס'איז אבער כמעט ווי נישט אנגעקומען צום יידישן לייענער — די מלחמה האט שטום געמאכט דאס פוילישע יידנטום, און נאר קרעכצן און רחמים בעטן צו ראטעווען, צו שרייען געוואלד צו דער טויבער וועלט זענען דערגאנגען צו די יידן, וועלכע האבן געהאט דעם נס צו אנטלויפן פון אייראפע אין פריערדיקע צייטן. קומט אין דער ערשטער רייע א גאר גרויסער דאנק דעם פארלאג „דאס פוילישע יידנטום" אין בוענאס איירעס, וואס האט אפגעראטעוועט דעם דאזיקן גרויסן היסטארישן דאקומענט פון פארגעסנהייט און האט ערגיץ־ווו געפונען אן עקזעמפליאר און ווידער לעבעדיק געמאכט א בוך, וואס וועט פאר שפעטערדיקע דורות זיין איינע פון די וויכטיקסטע מצבות אויפן קבר פון צענדליקע יידישע שרייבער און לע־

דער און פון פיל יידישע פּשוטע מענטשן, וועלכע האָבן געאָטעמט די לופט פון דער יידישער ליטעראַרישער וואַרשע. און כאָטש אלחנן צייטלין רעדט אַזוי ווייניק, אַזוי קנאַפּ און באַשיידן וועגן זיין אייגענעם פּאָטער, געפינען מיר זיך די גאַנצע צייט פון לייענען פון בוך אין זיין אַטמאָספער, אין דער ווירקונג פון זיין ברוזנדיקן טעמפּעראַמענט, ליטעראַרישן און געזעלשאַפטלעכן; פילן מיר די גאַנצע צייט, ווי ער פירט אָן מיטן גרויסן עולם באַזוכער פון זיין שטוב, פירט אָן הן מיט זיינע באַמערקונגען און אויך מיט זיין שווייגן.

איך בין זיך מודה, אַז ס׳איז נישט פאַר מיינע כוחות צו געבן אַ ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיק פון הלל צייטלין און ס׳איז אויך נישט קיין אַרבעט פאַר איין מענטשן און פאַר אַ צייטונגס־אַרטיקל. דאָס בוך, וואָס ליגט פאַר מיר און וואָס רופט אַרויס אין מיין זכרון אַזוי פיל טרויעריקע און נאָך מער אמת פּריידיקע זכרונות פון אַ צייט, ווען וואַרשע איז געווען נישט נאָר אַ ליטעראַרישער, נאָר אויך אַ געזעלשאַפטלעכער צענטער, גיט גאָר נישט קיין געלעגנהייט דערצו. דאָס איז דאָך ווייניקער פון אַלץ אַ בוך וועגן הלל צייטלין — דאָס איז דאָך אַ מצבה אויפן קבר פון יענע צענדליקע מענטשן, שרייבער און נישט־שרייבער, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט הלל צייטלין, זיך געוואַרעמט אַרום זיין יידישן פלאַמפייער, געטרונקען פון זיין קרישטאָל־ריינעם קוואַל.

נאָר לאָמיר איבערגיין צום בוך. צוערשט זיין אינהאַלט: אַן אַרטיקל פון ש. ניגער וועגן הלל צייטלין; נאָכדעם קומט אַ כאַראַקטעריסטיק פון אלחנן צייטלין, פון מאַרק טורקאָוו, דער רעדאַקטאָר פון די אויסגאַבן פונם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום"; נאָכדעם קומען 13 קאַפּיטלעך זכרונות פון אלחנן צייטלין, וועלכע נעמען אַרום אַ פּעריאָד פון אומגעפער צען יאָר — פון 1904 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה; נאָכדעם קומען לידער פון אלחנן צייטלין; און צום סוף אַ שלום־וואָרט פון דיכטער אהרן צייטלין, וועלכער געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרק און וועלכער איז, דוכט זיך, דער איינציקער לעבנגעבליבענער פון דער גרויסער צייטלין־פאַמיליע.

מיר וועלן אָנהייבן פונעם סוף — פון די פּאָר קורצע ווערטער פון אהרן צייטלין. ער הייבט אָן זיין נאָכוואָרט אַזוי: זיי שטאַרק, מיין האַנט, ציטער נישט! מ׳הייסט דיר שרייבן. מענטשן זאָגן: אַ מצבה שטעל — אַ מצבה פון ווערטער. ניין, איך האָב נישט די ווערטער"...

אָט די דאָזיקע פּאָר שורהלעך, וועלכע ווערן געוויס פון אַלע לייענער פון בוך געלייענט צום אָנהויב, פאַרפאָלגן מיך די גאַנצע צייט פון לייענען דעם בוך. איך לייען און זע פאַר מיינע אויגן פּרצן, און ביאַליקן און צענדליקע יידישע און העברעאישע שרייבער פון וואַרשע, און איך טראַכט וועגן אַ מצבה פון ווערטער... אָבער ווייל טאַקע זיי זענען געשריבן געוואָרן נישט אַלס מצבה, נישט געדאַכט גאָר וועגן מצבות, זענען זיי אַזאַ טרעפנדיקע מצבה. יעדער קומענדיקער ליטעראַטור־היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלן קאָנען נישט נאָר די ווערק פון די אַלע צענדליקע שרייבער, וועלכע ווערן פאַר אונדז דורכגעפירט אין בוך, נאָר אויך די מענטשן מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, מיט אַלע זייערע דערהויבנקייטן און שוואַכקייטן, וועט געפינען דאָ אוצרות פון מאַטעריאַל.

אָט מאָלט אונדז אלחנן צייטלין אַ בילד, ווי ביאַליק קומט אַמאָל אויף אַ באַזוך צו צייטלינען. איז צוערשט קומט דער פּסיכישער צו־

שטאַנד פון דער גאַנצער עדה פון צייטלינס שטוב — דאָ זענען נישט נאָר צייטלין אַליין און זיין גאַנצע באַגאַבטע און אַקטיווע משפּחה. דאָ איז אויך די גאַנצע יידישע און העברעאישע ליטעראַרישע משפּחה. פאַרשידענע טיפּן לעבן איבער פאַרשידן דעם פיבער פון דערוואַרטונג. איינער מיט צערודערטע נערוון, וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן; אַ צווייטער — מיט איינגעשפּאַרטער שווייגעניש, אָבער פיבערן — פיבערן אַלע. און אָט איז ביאַליק אַריין ווי אַ וויכער. די געשפּאַנטקייט ווערט אויסגעלאָדן און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנצענטרירטער וואַרטונג אויף אַ שמועס וועגן ליטעראַטור, וועגן יונגע טאַלאַנטן. וועגן אנערקענען אָדער חלילה נישט אנערקענען דעם אָדער אַנדערן טאַלאַנט. און ביים טיש זיצט אויך דער אָנהייבער אהרן צייטלין, פון וועלכן נישט נאָר דער פאָטער און די בלוט־משפּחה, נאָר די גאַנצע פּאָעטישע עדה האָפּט גרויסעס און וויכטיקעס. מען קוקט אַרוים אויף אַ געלעגנהייט פאַרלייגן דעם גרעסטן און געקרוינטסטן שופט זיינע פּראָבעס און צו הערן דאָס געגאַרטע וואָרט. אָבער ביאַליק איז פול מיט אימפּעט, נאָר נישט מיט ליטעראַטור־אימפּעט. אים אינטערעסירן טויזנטער קליינינקייטן און צענדליקע מענטשן, אָבער דער געהאָפּטער ליטעראַטור־שמועס ווערט ווי נאַרעטשנע אויסגעמיטן. נאָר גאָט איז אַ פאָטער! מען רוקט ווי ס'נישט איז אונטער דעם געליבטן דיכטער דאָס העפטל, וווּהין דער יונגער דיכטער אהרן צייטלין ציקלט אַריין זיינע ערשטע העברעאישע שירים. ביאַליק לייענט אימפּעטיק, מישט זייטן און מישט צוריק — ס'איז קלאָר, אַז ער האָט זיך פאַראינטערעסירט. ער האָט פאַרגעסן אין זיין טיי, די גלאָז אָוועקגערוקט גאַנץ ווייט און געטרונקען פונעם קוואַל פון אַ יונגן פּאָעט מיט אַ דורשט, ווי נאָר ביאַליק האָט עס געקאָנט. און דער פּסק דין איז אויסגעפאַלן אַזוי, ווי מיר ווייסן עס שוין איצט פון די שירים פון אהרן צייטלין איןביידע אונזערע שפּראַכן. דער עולם האָט אויפגעלעבט — מען איז אַרויף אויף יענעם שליאַך, אויף וועלכן מען האָט אַזוי לאַנג געוואַרט און געהאָפּט.




ביאַליק דרשנט! איך האָב גוט געקאָנט ביאַליקן און איך הער ממש זיין שטימע ווען איך לייען די דאָזיקע בלעטלעך, וועלכע מאָלן דעם דאָזיקן אָוונט. געדרשנט מיין איך אין בעסטן זין פון וואָרט — דאָס הייסט, אַליין פאַרנומען דעם גאַנצן טיש מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט, פאַרשלונגען אַלע מוחות און אַלע הערצער און זיי פאַרשקלאַפט צו זיין קול, וואָס האָט געקלונגען אַזוי שטאַרק, אַזוי פעסט, אַזוי לעבעדיק און שפּרודלדיק. קיינער וואַגט נישט צו נעמען דאָס וואָרט, ווייל ביאַליק רעדט אַזוי, אַז ס'איז אוממעגלעך זיך אַריינצומישן.

און אָט איז אין וואַרשע אַ פּורים־סעודה. די העברעאישע קורסן

מאַכן אַ סעודה. די קורסיסטקעס לאַדן איין פרצן. און פרץ, דער גאָט פון די יידישיסטן זאָגט צו קומען. די העברעאיסטן זענען אַ קליין גרופקעלע אינעם יידישיסטישן צענטער — אין וואַרשע. אַ קליין גרופקעלע, אָבער אַ גוט אָרגאַניזירטס, אַ פעסט אַנטשלאָסענס צו קעמפן אויף לעבן און טויט פאַר לעבעדיק מאַכן די נאַציאָנאַלע שפראַך. פאַרטיי־יידישיסטן קעמפן, אָבער ליטעראַטן האָבן אַכטונג צו די דאָזיקע משוגענע עקשנים. אָפט איז מען מקנא די העברעאיסטן, וואָס זייערע משוגעים זענען פאַנאַטישער, אויסגעהאַלטענער פון די יידישיסטישע משוגעים. פרץ קומט צו די העברעאיסטן, אָבער ער פאַרקליבט זיך אין אַ באַזונדערן צימער מיט אַ גרופע קורסיסטקעס אין מען קנאַקט יידישע פאָלקס־לידער— אינעם טעמפל פון די העברעאיסטן. און די לעצטע זינגען־מיט, און נאָך מיט וואָסער אַ היץ און ברען!

אינעם דאָזיקן לעצטן בילד איז געגעבן נישט נאָר פרץ און נישט קיין צופעליקער פורים־אָוונט — ס'איז געגעבן די גאַנצע וואַרשעווער אַטמאָספערע פון יענע יאָרן — פון די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די יידישע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע איז געוואַקסן ווי אויף הייוון, ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער וועג באַרג־אַרויף צו פרייהייט, צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין אַלע פאָרמען איז הונדערטפראָצענטיק געזיכערט, און די ליידן זענען דאָך נאָר קאַמף־ליידן און דעריבער אַזעלכע זיסע און גרינגע.

ס'איז טאַקע אָפט דער גרעסטער פאַרדינסט און דער גרעסטער ווערט פון דאָזיקן ביכל פון אלחנן צייטלין, וואָס נישט פאַרגעבנדיק זיך מיט אַזעלכע צילן, האָט דער מחבר געגעבן נישט פרטים, נישט שטיקלעך, נאָר די גאַנצע אַטמאָספער פון דער דעמאָלטיקער וואַרשע.

ס'איז אוממעגלעך צו איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַלע קאַפיטלעך, וועלכע זענען כלומרשט באַזונדערע און כלומרשט שייך נאָר צום לעבן פון אַ יידישן בחורל, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אין אַ קהלשער שטוב אין בעסטן זין פון וואָרט; אין אַ שטוב פון אַ טאַטן, וואָס איז געווען געווים אַ חד בדרא; אין אַ שטוב, ווו יידישע שרייבער פון אַלע קאָלירן און פאַרבן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, זיך צוזאַמענגעבוצקעט און אינאיינעם געשאַפן יענעם וווּנדערבאַרן כאָר, וואָס האָט אויסגעזונגען אַלע בענקשאַפטן פון די יידישע מאַסן, אַלע האָפענונגען פון יידישן פאָלק. איך ווייס נישט, צי די גרויסע קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט אונדז געטראָפן, מאַכט דאָס דאָזיקע ביכל אַזוי הויך און טייער פאַר אונדז — מעגלעך. וואָלט דער כאָר נאָך איצט געזונגען און געבוצקעט, וואָלטן מיר פון דעם דאָזיקן ביכל אויך הנאה געהאַט, אָבער נאָר ווי פון אַ גוטער ליטעראַרישער אַרבעט, ווי פון אַ טאַלאַנטפולן ווערק—איצט אָבער האָט דער מחבר פאַראייביקט אַ קאַפיטל יידישע נשמה־געשיכטע, אַ קאַפיטל יידישע גייסט־געשיכטע. און פאַראייביקט האָט ער זי אַזוי, אַז דורות וועלן פון אים שעפן... נחת און צער...

☆

**יעקב באָטאָשאַנסקי** שרייבט: „אין ז. סעגאַלאָוויטשעס טלאָמאַצקע 13 — אַ גוטער אָנהויב" („די פּרעסע, בוענאָס איירעס, דעם 8טן יאַנואַר 1947):

„אַ הויז נומער, וואָס האָט זיך אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר דערוואָרבן אַ פּאָפּולאַריטעט נישט נאָר ביי דער אינטעליגענץ און ביי דער יוגנט פון גאַנצן יידישן פּוילן. דער נאָמען „טלאָמאַצקע דרייצן" איז געוואָרן אַן אַדרעס. פאַר איינע איז דאָס געווען אַן אַדרעס צו בענטשן, פאַר אַנדערע אַן אַדרעס צו זידלען. פאַר אונדז יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן איז דאָס געווען אַ נויטווענדיקייט. אַן אַדרעס, אַן אָפענע טיר, אַ ווינקל, ווו מ'קען זיך האַלטן אינגאַנצן פריי, יידישלעך פריי".

אָט אַזוי כאַראַקטעריזירט דער דיכטער און בעלעטריסט ז. סעגאַלאָוויטש דאָס לאָקאַל פון וואַרשעווער יידישן ליטעראַטן פאַראיין וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם דרייצנטן נומער פון דער גאַס טלאָמאַצקע אין זיין בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „טלאָמאַצקע 13" (פון פאַרברענטן נעכטן); דאָס דאָזיקע בוך האָט דער צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע אַרויסגעגעבן אַלס דאָס ניינטע פון דער סעריע „דאָס פוילישע יידנטום", וואָס דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און מיט אברהם מיטלבערג אַלס פאַרלאַג דירעקטאָר.

טלאָמאַצקע דרייצן איז טאַקע געווען דאָס פרייסטע יידישלעכע ווינקל אין דער גאַנצער וועלט. דאָרט האָט דאָס יידישע וואָרט געקלונגען אויסערגעוויינלעך פריי און נאַטירלעך און דאָרט האָט קיינמאָל קיין מערהייט נישט געפּרוווט באַצווינגען אַ מינדערהייט און דער גרעסטער האָט דאָרט נישט געקענט באַהערשן דעם קלענערן.

22 יאָר האָט זיך דער וואַרשעווער יידישער ליטעראַטן פאַראיין געפונען אויף טלאָמאַצקע דרייצן — פון 1916 ביז 1938. אין משך פון אָט די 22 יאָר האָט זיך אויסגעשמידט אַ יידיש לעבן און אַ יידישע קולטור און אַ יידישע ליטעראַטור פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס האָט איבערגעשטיגן פאַנטאַזיעס און טלאָמאַצקע דרייצן האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן חלק אין דעם אַלעמען. טלאָמאַצקע דרייצן האָט געהאַט די השפּעה פון פּרצן און אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג איז זיין רעכטע האַנט יעקב דינעזאָן געווען אַ מיטגליד. צוויי פון פּרצעס נאָענטסטע דריי תלמידים און פריינט, שלום אש און נאָמבערג (דער דריטער איז אברהם רייזען), זענען געווען אייגענע מענטשן אין דעם דאָזיקן לאָקאַל! טלאָמאַצקע דרייצן איז געווען אַ גייסטיקע היים פון חסידיש־פרומען הלל צייטלין, פון בונדישן פירער וו. מעדעם און פון שטורעם־אָנזאָגער פּרץ מאַרקיש. פון טלאָמאַצקע דרייצן אַרויס זענען באַקאַנט און באַרימט געוואָרן די י. י. זינגערס, די אהרן צייטלינס, די ראַוויטשעס, די קאַגאַנאָווסקיס, די יהושוע פערלעס, די מאַנגערס אא"וו און אַזוי ווייטער.

ז. סעגאַלאָוויטש איז געווען איינער פון די שטאַמיקסטע געסט אויף טלאָמאַצקע דרייצן, ער איז אָפּט געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד און ער האָט גענומען אָנטייל אין אַסך שאַרפע דיסקוסיעס און סקאַנדאַלן און ער איז געווען אַ צילברעט פון אַסך קיבצן. אין אַ שאַרזש לידל וועגן טלאָמאַצקע דרייצן (וואָס איז געשאַפן געוואָרן, ווי סעגאַלאָוויטש דערציילט פון א. ש. יורים, פיגור־

דירט סעגאַלאָוויטש אויבנאָן און עס ווערט געזונגען:

סעגאַלאָוויטש זייען
האַלט אין שרייען...

סעגאַלאָוויטש איז אַ דיכטער און אַ בעלעטריסט סיי אין לעבן און סיי אין שרייבן. ער איז אַ סענטימענטאַלער דיכטער און בעלעטריסט און ער איז נישט געאייגנט צו זיין אַ היסטאָריקער. אויף צו שרייבן געשיכטע, דאַרף מען קענען זיין אָביעקטיוו און דאָס דאָזיקע וויל און קען סעגאַלאָוויטש נישט זיין. און זיין בוך וועגן טלאָמאַצקע דרייצן איז נישט קיין געשיכטע פון אַ לאָקאַל פון איינציקן גרויסן יידישן ליטעראַטן פאַראיין אין דער וועלט, נאָר עס איז אַ בוך מיט סענטימענטאַלע זכרונות און אימפּרעסיעס. ווען מען וועט אָנשרייבן די געשיכטע פון טלאָמאַצקע דרייצן וועלן הלל צייטלין און י. י. זינגער און י. באַשעוויס און נח פּרילוצקי און אפרים קאַגאַנאָווסקי און נאָך אַסך אַנדערע גרעסערע און קלענערע יידישע שרייבער פאַרנעמען מער פּלאַץ ווי זיי פאַרנעמען ביי סעגאַלאָוויטשן אין בוך און דער אייגנאַרטיקער און קוריאָזער דיכטער הערשעלע און דער מאָדנער טעאַטער טיפּ (טשעכאָוו וואָלט אים גערופן טעאַטער מויז) אַרנאָלד און דער איבערזעצער זאַקס וועלן פאַרנעמען אַסך ווייניקער פּלאַץ, אָבער סעגאַלאָוויטש האָט נישט געקענט אַנדערש שרייבן ווי ער האָט געשריבן. ער האָט געשריבן נישט ווי אַ היסטאָריקער, נאָר ווי אַ שריפטשטעלער און ער האָט דערציילט וועגן די דאָזיקע, וואָס זענען אים געווען צום נאָענטסטן און וואָס האָבן גערעגט זיין שרייבערישע פאַנטאַזיע.

טלאָמאַצקע דרייצן האָט געהאָלפן אויסשמידן דעם יידישן גייסט אין דער גאַנצער וועלט. אין טלאָמאַצקע דרייצן זענען דורכגעפירט געוואָרן די אָנהויבן פון אַלע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע קאַמפן אין אונדזער לעבן. אויף טלאָמאַצקע דרייצן זענען באַרימטע שרייבער נאָך באַרימטער געוואָרן און אָנפאַנגער זענען געוואָרן רייף און זיי האָבן געקראָגן אַ נאָמען אין דער וועלט. אויף טלאָמאַצקע דרייצן האָבן געפירט קאַמפן בונדיסטן מיט פּועלי ציון און יידישיסטן מיט העבראַיסטן און רעוואָלוציאָנערן מיט קאָנסערוואַטאָרן. געזעלשאַפטלעכע קאַמפן זענען דאָרט געפירט געוואָרן נישט ווייניקער ווי ליטעראַרישע. דעם אָטעם פון אָט די קאַמפן האָט סעגאַלאָוויטש אין אַ היפּשער מאָס געוויזן, דעם אינהאַלט זייערן — נישט. איך וואָלט געזאָגט, אַז אין סעגאַלאָוויטשעס בוך איז פאַראַן די טעמפּעראַטור פון טלאָמאַצקע דרייצן און דער אָטעם, אָבער עס איז פאַראַן נאָר אַ טייל פון דאָרטיקן גייסט. די אַטמאָספערע איז פאַראַן אינגאַנצן, אָבער די פּערזאָנען זענען נישט אַלע פאַראַן און אויך די דאָזיקע, וואָס זענען פאַראַן זענען נישט גאַנץ. ווייסנבערגס דאָן קיכאָטישע, אָבער ווייט נישט זינלאָזע קאַמפן זענען געוויזן נאָר טיילווייז און אַזעלכע שרייבער ווי זינגער, פּערלע, אהרן צייטלין אא"וו אא"וו זענען אינגאַנצן נישט פאַראַן!

וועלן מיר נישט מאָנען ביי סעגאַלאָוויטש דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט נישט געקענט געבן; און מיר וועלן אויסדריקן אונדזער דאַנק פאַר דעם, וואָס ער האָט געגעבן. ווייל ער האָט געגעבן זייער אַ סך. ער האָט געגעבן דעם פּאָן פון טלאָמאַצקע דרייצן און די אַטמאָספע־ע. דער היסטאָריקער פון דעם דאָזיקן לאָקאַל עט מוזן אַ סך איבערדערציילן און אַ סך ציטירן פון דעם, וואָס סעגאַלאָוויטש האָט דערציילט.

וואָלטער האָט געזאָגט, אַז אַלע קונסטן זענען אינטערעסאַנט אויסער די לאַנגווייליקע. ז. סעגאַלאָוויטש, דער האַרציקער און סענטי־

מענטאַלער דיכטער און דערציילער, וואָס האָט זיין טרויעריקן תיקון געהאַט אין די עלעגיעס און קינות אויף דעם אומגעבראַכטן יידישן לעבן, האָט קיינמאָל נישט געזינדיקט מיט קיין לאַנגוויליקייט און זיין בוך „טלאָמאַצקע 13" איז פשוט אָטעם פאַרכאַפּנדיק. מ׳קען זיך פון דעם דאָזיקן בוך נישט אָפּרייסן, ווען מען הייבט עס אָן לייענען. פאַראַן אין דעם שטעלן, וואָס דערמאָנען אין די בעסטע שטעלן פון סעגאַלאָוויטשעס דערציילונגען און ראָמאַנען און פאַראַן שטעלן, וואָס דערמאָנען אין זיינע לעצטע טרויעריקע לידער. דאָר גאַנצע בוך איז געשריבן אין פּראָזע און עס פילט זיך אין דעם דער עלעגישער ריטם פון זיין „נישטאָ".

דאָס בוך „טלאָמאַצקע 13" איז ממש מחיה מתים אַ גאַנץ לעבן. עס וואַקסט אויס דער לאָקאַל פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין דער מיט פון אַ גאַנץ לעבן אין וואַרשע און אין גאַנץ פּוילן. עס וואַקסט אויס די גאַנצע יידישע פּראָווינץ פון פּוילן. די כשרע און פרומע פּראָווינץ פון קרוינפּוילן און פון די קרעסן וואַקסט אויס. טלאָמאַצקע דרייצן, די אָרעמע בודע, וואָס זעט אויס ווי אַ וואָקזאַל, ווערט ווי אַ פאַרכישופטער פּאַלאַץ אין דער מיט פון אַ גרויס לעבן. די כשרע פּראָווינצלער האָבן געחלומט וועגן ליטעראַטור און וועגן שרייבער. זיי האָבן געדאַרפט ברענגען גרויסע קרבנות, בכדי צו קריגן די שרייבער צו זיך און די שרייבער האָבן אויך געדאַרפט ברענגען גרויסע קרבנות צו קומען צו זיי! די מאַכט־האָבער פון פּוילן האָבן אָפּט נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס דאַרפן יידן אַזויפיל רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס און סעגאַלאָוויטש דערציילט ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען צו איבערציינגן אַ פּוילישן קאָמאַנדאַנט אין אַ קליין שטעטל, אַז די יידן לעבן זיך אויס קולטורעל, ווייל זיי שיכורן נישט און בויאַנעווען נישט. דער פּוילישער קאָמאַנדאַנט האָט מסתמא דרך ארץ געקראָגן פאַר יידן, אָבער ער האָט זיי געוויס אויך געקראָגן מער פיינט!




סעגאַלאָוויטש שילדערט דעם גאַנצן אַרום און דעם גאַנצן אינעווייניק פון ליטעראַטן פאַראיין. ער שילדערט אפילו דעם רעסטאָראַן און אפילו די קאַץ, וואָס האָט געהייסן פּיפּי. די קעץ האָבן זיך אין משך פון דער עקזיסטענץ געביטן, אָבער דער נאָמען „פּיפּי" איז קיינמאָל נישט פאַרשוווּנדן.

פאַראַן זייער אַ סך מאָמענטן, וואָס שניידן זיך אַריין אין געמיט ביים לייענען „טלאָמאַצקע דרייצן". עס שניידן זיך אַריין די באַגעגענישן צווישן שלום אַש, וואָס איז געוואָרן וועלט־מענטש און צווישן ווייסנבערגן, וואָס איז געבליבן דער קליינשטעטלדיקער און נאָמבערג, וואָס איז געוואָרן אַ וועלט־מענטש און איז דאָך געבליבן אַ היימישער,

לעבט כסדר און ווייטער, כאָטש זיין טויט און זיין לויה ווערן געשילדערט. עס שניידט זיך אַריין אין געמיט דער אָנקום פון איציק מאַנגער, וואָס האָט גערודערט אַ געוויסע פאַרגליווערטקייט און וואָס האָט געבראַכט נישט נאָר דעם אומרו פון אַ נייער באַלאַדע, נאָר סתם דעם אומרו, אומפאַרשטענדלעכע פּרעטענזיעס און דעקיטשלעוודיקייט. פון אַ פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט קומט ביי סעגאַלאָוויטשן שטאַרק אינטערעסאַנט אַרויס דער דיכטער הערש דאַניעלעוויטש, וואָס איז באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים הערשעלע. אַ פאָלקס־דיכטער איז הערשעלע געווען און ער איז געווען דער עכטסטער אויסדרוק פון דיכטערישער הילפלאָזיקייט. סעגאַלאָוויטש שילדערט ווי אַזוי ער האָט אַמאָל געטראָפן הערשעלען שטיין אויף דער עסטראַדע, ווען דער לאָקאַל איז געווען ליידיק און ער האָט גערעדט צו די נישט־באַזעצטע בענקלעך. ער האָט צו זיי געזאָגט:

„אָרעמקייט איז רייכער פאַר דער רייכקייט, אָרעמקייט איז שעפעריש. די אָרעמקייט מאָלט שיינע בילדער, כדי צו באַפּוצן דעם דלות, די רייכע קויפן די בילדער צו פאַרדעקן זייער פּוסטקייט. די אָרעמקייט זינגט. אַלע פאָלקסלידער קומען פון פאָלק און פאָלק איז שטענדיק אין נויט. פאָלק איז שטענדיק אָפּגענאַרט. די רייכע גייען אין קאָנצערט־זאַלן און באַצאָלן עטלעכע גילדן פאַר געזאַנג. אַליין האָבן זיי גאָרנישט. זיי מוזן אַלץ קויפן...”

ווען הערשעלע האָט באַמערקט סעגאַלאָוויטשן, האָט ער איבערגעריסן די רעדע. „איין מענטש — באַמערקט סעגאַלאָוויטש — האָט אים געשטערט, דריי הונדערט ליידיקע שטולן האָבן אים צוגעהאָלפן”... און ווען דער מחבר האָט באַמערקט דעם קינדישן דיכטער, אַז ער איז אַן אמתער רעדנער, האָט יענער געענטפערט, אַז ער איז אַן אמתער קבצן.

מער אינטערעסאַנט איז די דערציילונג פון אונדזער מחבר וועגן דעם ווי אַזוי דער דייטשער שריפטשטעלער האַנס עווערס, וואָס איז דערנאָך געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע הויפּדיכטער ביי היטלערן, האָט פאַרבראַכט אַן אָוונט אין ליטעראַטן פאַראיין און ער האָט מיטגעזונגען יידישע לידער, געטאַנצט און זיך געקושט מיט יידישע שרייבער.

דאָס ניינטע בוך, וואָס דער צענטראַל פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן האָט אַרויסגעגעבן, איז אויסערלעך אַ מאָזאַיק. באַזונדערע שטיקלעך רופן מיט זייערע קאָלירן. מען זעט די שרייבער בעת זיי פאַרברענגען, דיסקוטירן, שרייבן, לייענען, קריגן זיך, טאַנצן, שפּילן שאַך, שפּילן קאָרטן, זענען פריילעך, זענען טרויעריק, האַלטן רעדעס, פאָרן אין פּראָווינץ, פאָרן קיין אויסלאַנד, האָבן זיך ליב, האָבן זיך פיינט אא״וו... און די אַלע שטיקלעך ווערן פונדעסטוועגן איין גאַנץ בילד — אַ בילד פון אַ גרויסער גרופּע שעפערישע מענטשן, וואָס האָבן הינטער און אַרום זיך אַ פאָלק. און עס קלעמט ביים האַרצן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס פאָלק איז שוין נישטאָ און די שרייבער זענען שוין נישטאָ.

סעגאַלאָוויטש שילדערט דעם באַרג אַראָפּ צום תהום. דער אומקום האָט אָנגעהויבן גראָען נאָך פאַר 1939 און דער ליטעראַטן פאַראיין האָט אָנגעהויבן ווערן קלענער און ער האָט זיך געמוזט אַריבערציען אין אַ קלענער לאָקאַל. עס איז געקומען דערצו, אַז אַדאַנק דעם, וואָס קיינער איז שוין נישט געקומען, האָט דער אַרבעטער־טוער הערשל הימלפאַרב געמוזט שפּילן שאַך מיט זיך אַליין און ער האָט געשריען צו זיין צווייטער האַנט: „לאַכודרע,

פֿלאָקן־שיסער, פּושער... האָסט נישט פֿאַרזיכערט די מלכּה, שטיק האָלץ...״ און ווען דער מחבּר האָט אים געפֿרעגט, צי ער שפּילט אַליין, האָט ער געענטפֿערט, אַז ער האָט נישט קיין ברירה, ווייל אַלע זענען זיך צעלאָפֿן...

פֿון סעגאַלאָוויטשעס באַשרייבונג וועט בלייבן אַן אייביקער זאָג פֿון דעם שוין דערמאָנטן טעאַטער־מענטש אַרנאָלד, פֿאַר וועלכן די וועלט האָט זיך בכּלל געטיילט אויף דערפֿאָלגרייכע און דורכגעפֿאַלענע פּיעסן. ווען סעגאַלאָוויטש איז אַנטלאָפֿן פֿון וואַרשע, האָט אים אַרנאָלד געזאָגט, אַז „די פּיעסע איז דורכגעפֿאַלן״. די פּיעסע איז דאָס מאָל געווען די גאַנצע וועלט און באַזונדער דאָס יידישע לעבן. אין ערשטן וואַריאַנט האָט סעגאַלאָוויטש דערציילט, אַז אַרנאָלד האָט געזאָגט, אַז דאָס פּיעסעלע איז דורכגעפֿאַלן. דער דאָזיקער וואַריאַנט האָט מער טרויעריקן חן...

און דאָך איז דאָס פּיעסעלע נישט אינגאַנצן דורכגעפֿאַלן. עס זענען געבליבן מענטשן, וואָס דערציילן מעשׂיות און זינגען לידער און אַז עס זענען דאָ מעשׂיות און לידער, וועט זיין אַ פּיעסעלע...

ז. סעגאַלאָוויטשעס „טלאָמאַצקע 13״ איז אַן אָנהויב און אַ גוטער אָנהויב. עס וועלן קומען נאָך און נאָך ביכער, סוביעקטיווע און אָביעקטיווע, סענטימענטאַלע און פֿאַקטישע און ווען דער מאַטעריאַל וועט שוין זיין אינגאַנצן צונויפֿגעקליבן, וועט מען שרייבן די געשיכטע און עס וועט אייביק זיין ווען צו דערציילן די געשיכטע —

דאָס לעבן רייסט זיך דאָך
נישט איבער!
אַ וועלט פֿאַרלוירן,
אַ וועג פֿאַרהוילן,
עס טאַנצט פֿאַר אונדז בלויז
אַ וואָרט,
אַרומגעהילט מיט פֿלאַמען
און מאָרד
אַ סיגנאַל, אַן אַקאָרד:
פּוילן...

☆

**ש. ל. שניידערמאַן** שרייבט וועגן זרובבֿלס „באַרג הורבן״ — דאָס ערשטע יידישע בוך וועגן חורבן־פּוילן („פּראָלעטאַרישער געדאַנק״, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1946):

דער צופֿאַל האָט געוואָלט, אַז דאָס פּוילן־בוך פֿון ח׳ זרובבֿל זאָל מיר קומען אין האַנט אַריין באַלד אויף צומאָרגנס נאָך דעם, ווי איך האָב געהערט דעם דריי־שעהדיקן מייסטער־רעפֿעראַט פֿון אָט דעם גרויסן יידישן אָראַטאָר.

זרובבֿל האָט אין זיין רעפֿעראַט וועגן פּוילן געשילדערט דעם באַרג־חורבן פֿון וואַרשעווער געטאָ, פֿון וואַנען איך בין ערשט געהאַט צוריקגעקומען. ער האָט געשילדערט גאַסן און פּלעצער, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהאַט באַטראָטן. ער האָט דערציילט וועגן מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך נאָך אים באַגעגנט. ער האָט גערעדט וועגן זאַכן, וועלכע זענען מיר גוט באַקאַנט, אָבער איך האָב מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעפֿאָלגט זיין דערציילן און דאָס דערפֿאַר, ווייל עס האָט מיך מיטגעריסן די סוגעסטיווע, קינסטלערישע פֿאָרם, די אומגעפֿאַלשטע, עכטע איבערלעבונג און די טיפֿע ליבשאַפֿט צו די מענטשן אויפֿן פּוילישן באַרג־חורבן.

ווען איך האָב אונטערן איינדרוק פֿון רעפֿעראַט גענומען לייענען דאָס

בוך און אָנגעהויבן פון דער אַפּאָסטראָפישער הקדמה, וואָס איז אַ מין ווענדונג צו די לעבנגעבליבענע רעשטלעך פון פוילישן יידנטום, האָב איך געטראַכט, צי אויך די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך וועלן אַמאָל נישט זיין אַ מין זאַמלונג פון רעדעס.

איך בין דעריבער געווען איבעראַשט, ווי אַזוי, באַלד פון דער ערשטער שילדערונג — אַ נאַכט אין בערלין — האָט זרובבל מיטאַמאָל זיך פאַרוואַנדלט פון אַ גרויסן אָראַטאָר אין אַ רעפּאָרטער פון גרויסן שניט. איך האָב געשטוינט, ווי אַזוי דער פּובליציסט און פּראָבלעמען־שטעלער, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער איינלייטונג, פאַרוואַנדלט זיך מיטאַמאָל אין אַ גלענצנדן שילדערער פון קלייניקייטן, — די „קלייניקייטן", וואָס זענען טאַקע גאַנץ אָפּט אַזוי שווער צו באַשרייבן און שטעלן מיט זיך פאָר אַ שטרויכלונג פאַר פיל פּובליציסטן. די געשיקטקייט, מיט וועלכער זרובבל פלעכט דורך דעם דיאַלאָג מיט שילדערונגען, די נאַטירלעכקייט פון איבערגעבן אַ סיטואַציע, האָט מיך איבעראַשט און איך האָב מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געלייענט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן ערשטן בוך וועגן חורבן פוילן.

אין דער לעצטער צייט זענען דערשינען אַסך שילדערונגען פון פוילן. אַלע זענען זיי געלייענט געוואָרן מיט דעם גרעסטן אינטערעס, אומאָפּהענגיק פון דער קוואַליטעט. אייניקע יידשע שרייבער, וועלכע זענען געפאָרן קיין פוילן, האָבן נאָך אין דער היים געהאַט פאַרטיק זייערע קאָנקלוזיעס; אַנדערע האָבן די טראַגעדיע פוילן באַאַרבעט מיט זייער אייגענעם פּאַטאָס. אין זרובבלס טיף רירנדע שילדערונגען וועגן פוילן פילט זיך דער צוגאַנג פון אַ יידישן פירער, וועלכער פאַרשטייט, אַז די לעבנגעבליבענע יידן אין פוילן, וועלכע האָבן אויסגעוויינט שוין אַלע טרערן, דאַרפן נישט אונדזער טרער, נאָר אונדזער רעאַליסטישע ברידערלעכע הילף, אונדזער פעסט־אויסגעשטרעקטע האַנט פון דערמונטערונג.

זרובבל גייט איבער די חורבות פון געטאָ און זעט פאַר זיך די אַמאָליקע לעבהאַפטע גאַסן פון וואַרשע, דאָס פאַרביקע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, די קאַרמעליצקע־גאַס, ווו די לינקע פּועלי־ציון האָבן געהאַט זייער פעסטונג, און ער קומט צום אויספיר, אַז „עס וועלן נאָך ווייטער זיין יידן דאָ און דאָרט אין פוילן, צענדליקער און הונדערטער, צי גאָר אַ פּאָר הונדערט טויזנט. עס וועט אָבער מער נישט זיין קיין פּויליש יידנטום, קיין קאָנצענטרירטער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם..."

דאָס זעלבע טראַכט אויך זרובבל וועגן אַלע אַנדערע יידישע ישובֿים אין אייראָפּע: „דאָס איז ריכטיק אויך לגבי פראַנקרייך, בעלגיע און אַנדערע לענדער, ווו עס קען זיך וועמען דוכטן, אַז די יידן, וואָס קערן זיך אום פון דעפּאָרטאַציע, פון לאַגערן, פון באַהאַלטענישן, ווילן צוריק אויפלעבן זייער אייגענע קולטור, שפּראַך, קונסט".

זרובבל פירט אויס: „קאַפּיטל גלות ווערט אָפּגעהאַקט".

ביז גאָר מיטרייסנד איז זרובבלס שילדערונג פון זיינע באַזוכן אין די יידישע יתומים־הייזער אין פוילן. דער געוועזענער וויצע־פּאָרזיצער פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן, וועלכער איז מיט לייב און לעבן געווען פאַרבונדן מיט די משהלעך און שלמהלעך, שילדערט זיינע באַגעגענישן מיט די רעשטלעך פון די לעבנגעבליבענע קינדער אין פוילן, פון וועלכע די מערהייט קען נישט רעדן קיין יידיש, אָבער זיי ווייסן, אַז עס איז פאַראַן אַן ארץ ישראל, וואָס איז זייער אייגנטלעכע היים. אַלע האָבן זיי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי מיטנעמען קיין ארץ ישראל.

זרובבל האט אין פוילן זיך באַגעגנט מיט די העכסטע פירער פון דער מלוכה. ער האט געזען דעם פרעזידענט, דעם פרעמיער־מיניסטער, די מיניסטאָרן, אָבער דאָס דערמאָנט ער בלויז פאַרבייגייענדיק אין זיין בוך. דערגעגן דערציילט ער אָבער באריכות וועגן זיינע באַגעגענישן מיט די פשוטע מענטשן פון גאַס. ער שילדערט אויספירלעך זיינע געשפּרעכן מיט יידישע קינדער, מיט געוועזענע געטאָ־קעמפער, מיט די „מאַראַנען", וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. דאָס איז אַ באַווייז, אַז בעת זיין רייזע איבער פוילן האט אין זרובבלען דער שרייבער מנצח געווען דעם פּאָליטיקער. זיינע קאָנקלוזיעס וועגן דער לאַגע אין פוילן מאַכט ער נישט אויפן סמך פון דערקלערונגען, וואָס ער האָט באַקומען פון די פירנדיקע מלוכה־לייט, נאָר אויפן סמך פון דעם, וואָס עס האָט אים דערציילט דער פּשוטער מענטש פון גאַס. דאָס גיט צו וואָג דעם בוך און פאַרשטאַרקט דעם דויערהאַפטן ווערט פון די שילדערונגען וועגן חורבן פוילן.

ביז גאָר רירנד איז די שילדערונג וועגן דער באַגעגעניש, וואָס זרובבל האָט געהאַט מיט יאַנקל וויערניק, דעם לעבנגעבליבן העלד פון טרעבלינקע, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיט אַ פּלאַן וועגן אויפשטעלן אַ דענקמאָל פאַר טרעבלינקע. יאַנקל וויערניק, וועלכער איז אַ בוי־מייסטער פון באַרוף, וויל צוריק אויפבויען אין מיניאַטור דעם שרעקלעכן טויטן־לאַגער, מיט אַלע אָפּטיילונגען פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריומס. ער האָט וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן זיך פאַרטרויט פאַר זרובבלען און אים דערביי דערציילט אַלע שרעקלעכע איבערלעבונגען.

„ער האָט געוויינט —שרייבט זרובבל— און איך האָב מיטגעוויינט מיט מיין עלטערן ברודער, וואָס האָט אַליין געטרונקען דעם גיפט און גאַל פון אונדזער יידישן נסיון אין טרעבלינקע".

בעת זיין רייזע איבער פוילן האָט זרובבל זיך געפילט נישט נאָר בלויז



ווי אַ ברודער פון די לעבנגעבליבענע יידן, נאָר אויך אַלס פאָטער פון די טויזנטער יונגעלייט און מיידלעך, וועלכע זענען געקומען אים באַגעגענען, נאָך דעם ווי זיי האָבן זעקס יאָר צייט נישט געהערט קיין יידיש וואָרט.

ער האָט אין פוילן אויך באַגעגנט די קליינע רעשטלעך פון די אַמאָליקע תלמידים פון די יידישע פאָלקס־שולן, וועלכע האָבן דורך דער צייט פון קריג זיך פאַרוואַנדלט אין פּאַרטיזאַנען און געטאָ־קעמפער.

זרובבל האָט באַזוכט פוילן אין ווינטער פון יאָר 1945־46 און טראָץ דעם שווערן וועטער, שניי־זאַווערוכעס און פרעסט איז ער געפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און די שילדערונגען פון די דאָזיקע רייזעס

דערגרייכן אפט צו שרייבערישער מייסטערשאפט.

צום טויטן־לאגער אין אשוויענטשים איז זרובבל געפארן אין א קאסטאוויטא פון דער ארץ ישראלדיקער יידישער בריגאדע, וועמענס אן אפטיילונג האט זיך גראד געפונען אין פוילן. זרובבל שילדערט מיט אלע איינצלהייטן די דאזיקע טויטן־פאבריק מיט אירע שרעקלעכע אקצעסוארן און ווען ער פארלאזט דעם לאגער, שווינדלט אים אין קאפ פון די בערג מענטשלעכע קעפ, ביינער, האר, קליידער און קינדערשע שיכלעך. ער איז אין דרויסן געבליבן שטיין א צעמישטער, אבער דאן באמערקט ער: „איך בין אנגעשפארט אין אויטא פון דער יידישער ארץ ישראל בריגאדע. ס'איז זיך גוט אנצולענען אן אים, כדי איבערקומען דעם קאפשווינדל".

זרובבל האט אין פוילן איבערגעלעבט אויך מאמענטן פון דערמוטיקונג. ער האט אויך בייגעוווינט אלס גאסט דעם צוזאמענפאר פון דער פוילישער ארבעטערפארטיי „פ.פ.ר.", צו וועלכער עס זענען געקומען די פירער פון דער מלוכה־מאכט, ציווילע און מיליטערישע. מיט אן אויג פון א שארפן אבסערוואטאר ברענגט זרובבל פאלגנדע טרעפלעכע שילדערונג:

„דער ריזיקער זאל איז געווען איינגעטונקען אין רויטס. אבער איבער דער פלאטפארמע, ווו עס איז געזעסן דאס פרעזידיום און ווו עס זענען אויפגעטרעטן די רעדנער, איז איבערן גאנצן פארנעם פון דער מזרח־וואנט געווען אויסגעהאנגען די פוילישע מלוכה־פאן — ווייס־אמאראנט. דאס איז געווען דער גרונט־טאן. און ערשט איבער דעם ווייס־אמאראנט האט זיך אויסגעשפרייט די רויטע פאן. מען האט גערעדט קלארע דבורים: דער פונדאמענט איז דאס פאלק און אויף אים איז באזירט דער קלאס. דער קלאס בויט דאס פאלק. פארשווונדן דער אמאליקער לאזונג, אז דער ארבעטער האט נישט קיין פאטערלאנד".

זרובבל מאכט אבער א ביטערן פארוואורף די יידישע סאציאליסטן און קאמוניסטן, וועלכע האבן נישט געלערנט פון דער מלחמה דאס „וואס עס האבן געלערנט די רעוואלוציאנערע אוואנגארד־עלעמענטן פון יעדן אנדערן פאלק".

„וואס פארא זין — פרעגט זרובבל — האט ביים היינטיקן טאג דער „בונד" אין פוילן? וואס מיינט „יעווסעקציע"? וואס איז זייער פערספעקטיוו פארן יידישע פאלק? קען מען דען אויך היינט לייקענען אז עס איז דא א יידיש פאלק אין דער וועלט?".

זרובבל פירט אבער אויס מיט באפרידיקונג, אז דער פרעזידענט פון דער פוילישער מלוכה און אנדערע פירנדיקע מלוכה־פערזענלעכקייטן האבן אים מיט דער גרויסער אנטשלאסנקייט אונטערגעשטראכן, אז זיי פארשטייען גאנץ גוט דעם ווילן פון די יידישע מאסן „אויפצוריכטן זייער נאציאנאל לעבן אין זייער פאטערלאנד, אין ארץ ישראל; זיי וועלן אט די באוועגונג שטיצן און העלפן אין איר רעאליזירונג".

זרובבל שטעלט דאן די פראגע:

„איך ווייס נישט, דעם אמת געזאגט, צי איז אזא דערקלערונג צום הארצן די סאציאליסטן און קאמוניסטן אין פוילן. עס איז אין דעם, אומגערן, פאראן א פארוואורף זיי: פארוואס זענען זיי מפקיר זייער יידיש פאטערלאנד? פארוואס ווילן זיי נישט אפגעבן דאס לעבן פאר דער איינריכטונג פון זייער נאציאנאלן לעבן, ווי עס טוען איצט די סאציאליסטן און קאמוניסטן פון אלע לענדער און פעלקער?".

זרובבל דערציילט דאן וועגן זיינע באגעגענישן מיט פאליאקן, וועלכע האבן די מלחמה־יארן דורכגעמאכט אין ארץ ישראל און געזען

די גוואַלדיקע אויפטוען פון פּוילישע יידן ביים בויען דעם דאָרטיקן ישוב. די דאָזיקע דעמאָקראַטישע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך איצטער אומגעקערט קיין פּוילן און נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער איצטיקער רעגירונג, ווייזן אַרויס גרויס סימפּאַטיע פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

ווען איך וואָלט געדאַרפט איצט צונויפשטעלן אַן אַנטאָלאָגיע פון די בעסטע שילדערונגען וועגן איצטיקן פּוילן, וואָלט איך פון זרובבלס בוך אויסגעקליבן דאָס קאַפּיטל „אין דער שניי־זאַווערוכע קיין לובלין". אַ שווידער גייט דורך די ביינער, ווען זרובבל דערציילט ווי אַזוי זיין אויטאָמאָביל איז ביינאַכט שטיין געבליבן אויפן שאָסיי און ער האָט געמוזט איבערנעכטיקן אין אַ דאָרפישער כאַטע. די אָטעם־פאַרכאַפּנדע שפּאַנונג פון אַזאַ מאָמענט קען נאָר פאַרשטיין אַ מענטש וועלכער האָט איצט באַזוכט פּוילן.

לייענענדיק זרובבלס שילדערונגען וועגן פּוילן, האָב איך נישט איינמאָל באַוווּנדערט זיין זעלטענעם מוט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אַרומפאָרנדיק איבער פּוילן, בפרט נאָך ווען זרובבל איז אַ ייד מיט אַ באָרד און דאָס מיינט אין פּוילן און ספּעציעל אין דער פּוילישער פּראָווינץ ווי אַ רויטער טוך פאַר אַן אָקס...

זרובבל דערציילט פאַרבייגייענדיק, אַז אויף זיין פאָרלעזונג אין לובלין האָט ער צווישן די דורכגעפרווירענע, צונויפגעטוליעטע צוהערער אין זאַל פון פּרץ־הויז דערזען אין דער ערשטער ריי אַ ייד מיט אַ באָרד. דאָס איז געווען די ערשטע יידישע באָרד, וואָס ער האָט געטראָפן אין פּוילן. ער האָט אָבער אָפּנים פאַרגעסן, אַז דאָס זעלבע האָט אויך זיכער געטראַכט דער דאָזיקער צוהערער זיינער, וועלכער האָט דערזען זרובבלען אויף דער טריבונע, עס זענען אַלזאָ געווען צוויי יידן מיט בערד אין לובלין, צוויי יידן אין דאָפּלט געפאַר.

דער איינציקער לעבנגעבליבענער מיטגליד פון אַמאָליקן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אין פּוילן איז ד"ר אַדאָלף בערמאַן, וועלכן זרובבל באַצייכנט מיט רעכט אַלס „אַן אידעלע קרישטאָל־ריינע פיגור". מיט דער זעלבער באַגייסטערונג רעדט אויך זרובבל וועגן אַדאָלף בערמאַנס באַגלייטערין, באַשע, וועלכע האָט איר חבר און מאַן באַגלייט אויף אַלע וועגן פון טויט־געפאַר, אין געטאָ און אויסערן געטאָ. זרובבל איז שטאָלץ פון די דאָזיקע צוויי פירנדע קעמפער און ער רעדט וועגן זיי מיט דעם שטאָלץ פון אַ לערער און אַ חבר.

דער קעמפערישער טאָן פון זרובבלס שילדערונגען ברעכט זיך אָבער איין, ווען ער דערמאָנט די אומגעקומענע פּועלי־ציון פירער און אין דער ערשטער ריי וועגן שכנא זאַגאַן און נתן בוקסבוים. איר פילט דאַן, אַז די דאָזיקע שורות זענען געשריבן מיט טרערן.

„באַרג־חורבן" פון זרובבלען איז דאָס ערשטע יידישע בוך וועגן חורבן פּוילן און עס איז מאָדנע סימבאָליש דער פאַקט, וואָס דאָס דאָזיקע בוך איז געשריבן געוואָרן דורך אַ יידישן שרייבער און אַרבעטער־פירער פון ארץ ישראל. דאָס בוך איז פּרעכטיק אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, וואָס אַנטוויקלט אַ ברייטע פאַרלאַגס־טעטיקייט, שטעלנדיק אין שאָטן אַלע געזעלשאַפטלעכע יידישע פאַרלאַגן אין אַמעריקע. דער רעדאַקטאָר פון דעם פאַרלאַג איז דער באַקאַנטער יידישער שרייבער פון פּוילן, מאַרק טורקאָוו, און דער לייטער פונעם פאַרלאַג איז אַן אַקטיווער חבר פון די לינקע פּועלי ציון — אברהם מיטלבערג.

די זאָרגפעליקייט, מיט וועלכער דאָס דאָזיקע רייך־אילוסטרירטע פּוילן־בוך פון זרובבלן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, פאַרדינט פולע אַנערקענונג.

**נח גריס** שרייבט וועגן מאַרק טורקאָווס „מלכה אָוושיאַני דערציילט"
אין אַן אַרטיקל א. נ. „אַ מייסטערהאַפטער רעפּאָרטאַזש" („נייע פּרעסע", פּאַריז, דעם 15טן יאַנואַר 1947):

אַ כראָניק פון אונדזער צייט! לעבעדיקע עדות, וואָס טראָגן אויף זיך און אין זיך סמנים פון אונדזער צייט האָבן מיר נישט קיין ספק אין פאַרגלייך מיט דער טיפקייט פון די איבערלעבונגען און זייער פאַרנעם.

מיר האָבן קאָמיסיעס, וואָס רעגיסטרירן אויף אַ מער אָדער ווייניקער דאָקומענטאַרן אופן די גבית־עדות פון די קרבנות. עס איז זיך אויך פונאַנדערגעוואַקסן די מעמואַריסטיק און כראָנאָגראַפיע פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. זיי לייענען זיך מיט טיפן צער און ווייטיק און מיר פאָדערן נישט פון די דאָזיקע ביכער, זיי זאָלן זיין „אינטערעסאַנט".

עס קומען און וועלן נאָך מיט צענדליקער, אויב נישט מער, יאָרן קומען שרייבער, וואָס וועלן אין די געשעענישן פון די יאָרן 1939-1945 געפינען אינספּיראַציע פאַר זייערע גרויסע ליטעראַרישע שאַפונגען.

אין דעם בוך האָבן מיר צו טון מיט אַ ווערק וואָס געפינט זיך צווישן אַ טרוקענעם באַריכט און אַ קינסטלעריש ווערק, מיט אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש.

דער מחבר האָט פאַרשטאַנען פון אַ דערציילונג וואָס מלכה אָוושיאַני האָט אים איבערגעגעבן וועגן אירע איבערלעבונגען, צו שאַפן אַ ווערק, וואָס איז מער ווי אַ גבית־עדות. ער האָט זיך טיף אַריינגעלעבט אין דער נשמה פון דער דערציילערין און מיט זיין שרייבערישער אינטואיציע אַרויסגעבראַכט מאָמענטן וואָס פאַרשטאַרקן דעם גרויל פון דער תקופה און די ליידן פון די יחידים אָבער זענען פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט נישט מאַקאַבריש.

ווי אַזוי האָט דער מחבר דאָס דערגרייכט?

ער שילדערט די געשיכטע פון מלכה אָוושיאַני אויף אַ פאָן פון יידישן שטעטלדיקן לעבן פאַר דער




מלחמה. מיר באַקומען ווערטיקאַלע רעפּאָרטאַזשן, וואָס נעמען אַרום די פאַרמלחמהדיקע פּראָבלעמען פון שטעטל, דעם לעבנס־שטייגער. אין אַספּעקט פון די לעצטע יאָרן זעט יענעם לעבן אויס ווי אַן אידיליע. דאָס איז איינער פון די קינסטלערישע מיטלען נאָך בולטער אַרויסצוברענגען די דייטשע אכזריות. אָבער פון דער צווייטער זייט ווירקט עס מילדערנדיק אויפן געמיט פון לייענער, באַרואיקט די נערוון, כדי זיי מאַכן עמפּפינדלעכער אויף די גרויל־מאָמענטן. וואָלט ער די גאַנצע צייט געשילדערט בלויז טראַגישע מאָמענטן, וואָלט די עמפּפינד־

לעבקייט פֿון לייענער אָפּגעטעמפּט געוואָרן.

דער ספּור־המעשה גופא איז, ווי אַ סינטעז פֿון אַלע צרות, און אַלע ליידן, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט דורכגעמאַכט. מיר געפֿינען אין בוך שילדערונגען פֿון געטאָס, פֿון לאַגערס, פֿון אויסבאַהאַלטן זיך אין וואַלד, ביי „אַריער" פֿון אָשוויענטשים, ראַוועגסברוק, פֿון טראַנספּאָרטן אין פֿאַרמאַכטע וואַגאָנען, סעלעקציעס. מיר האָבן אויך מאָמענטן פֿון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און ווידערשטאַנד ווי: נישט־וועלן אָננעמען פּרעמיעס פֿאַר אַרבעט, סאַבאָטאַזש אין פּראָדוקציע אא"וו.

עס איז אַ פֿאַרדינסט פֿון מחבר, וואָס האָט באַוויזן צו טיפּיזירן די געשעענישן אויפֿן גרונד פֿון אַיבערדערציילונג פֿון אַ פּרט.

נאָך איין מעלה האָט דאָס בוך: דער מחבר האָט אין דער אָביעקטיווער שילדערונג אַריינגעלייגט אַ סך האַרץ. מען פֿילט אַז דער ענין פּוילן איז אים נישט פֿרעמד. הערנדיק די דערציילונג פֿון מלכהן, האָט פֿאַר זיינע אויגן וואַרשיינלעך געשוועבט די געשטאַלט פֿון אַ שוועסטער, אַ מוטער, אַ פֿריינט. די וואַרעמקייט מיט וועלכער ער שרייבט לאָזט זיך אָנשטויסן, אַז דער מחבר איז נישט נאָר אַ פּראָטאָקאָלאַנט, נאָר אַ נוגע בדבר. און דעריבער האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוּבאַקומען פֿון איין מענטשן אַזאַ שפֿל פֿון פֿאַקטן, איינדרוקן און באַשרייבונגען, וואָס לייענען זיך מיט אינטערעס און וווּיטיק און קריצן זיך טיף איין אין מוח נישט לאָנגדיק פֿאַרגעסן די, וועלכע מיר קענען נישט און טאָרן נישט פֿאַרגעסן.

☆

**פּנחס ביזבערג** שרייבט וועגן דעם בוך „פּוילן — 1946" פֿון ד"ר ח. שאָשקעס אין אַן אַרטיקל „נאָך אַלעמען" („דער שפּיגל", בוענאָס איירעס, יאַנואַר 1947):

שוין דאָס אַכטע בוך פֿון דער סעריע ביכער געהייליקט דעם אָנדענקען פֿון פּוילישן יידנטום; דאָס אַכטע ספֿר וואָס דער פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע גיט אַרויס מיט אַזאַ פֿאַרנעם, אָנשטרענגונג און פּיעטעט.

דאָס מאָל איז עס אַ רייזע־בוך, אַ נסיעה איבערן גי־צלמות, וואָס מיר האָבן צו פֿאַרדאַנקען דעם חסד־לאומים. אָ, די „גענאָד" פֿון די פֿעלקער מיט אונדז איז די לעצטע יאָרן זייער גרויס. זי האָט אונדז געגעבן גענוג שטאָף כדי צו רייזן און האָבן וואָס צו שרייבן, בכדי אָנצושרייבן אונדזערע שוואַרצע ביכער מיט פֿאַרסמטער געשיכטע. זאָל דער דאָזיקער גיפֿט אויך זיין פֿאַר די שוימיקע פּיסקעס פֿון די רוצחים און אויך פֿאַר די וואָס פּרעטענדירן מיט אונדז צו טון חסד.

ד"ר שאָשקעס האָט געהאַט די טרויעריקע זכיה צו „וואַנדלען אַיינעם טאָל פֿון טויט" באַלד אויף דער הייסער מינוט, ווען אין לופֿט האָט זיך אפֿשר נאָך געפֿילט דער ריח פֿון אָפּגעסמאַליעטע קערפּערס, ווען דאָס אש פֿון די זעקס מיליאָן קדושים אונדזערע איז אפֿילו נאָך נישט געוואָרן ווי געהעריק אויסגעמישט מיט דער שיכט באַפּרוכפּערנדיקער ערד. שאָשקעס רייזע איז נישט ווי אַמאָל אַ גיין אויף קבר־אָבות אויף אַן עלעגיש רואיק הייליק אָרט פֿון אַ יידיש שטעטל, — דאָס איז אַ בראָדזשען איבער טייכן

בלוט, איבער גופים צעריסענע
אברים פון דעם ריזיקן שעכט־הויז,
אין וועלכן ס'איז געוואָרן פאַרוואַנ־
דלט פוילן פאַרן אויסגעהרגעטן
יידישן פאָלק.

דאָס דאָזיקע געוואַלדיקע בית
השחיטה האָט זיך נאָך נישט גע־
האַט באַרואיקט אין די ערשטע
חדשים פון 1946, ווען שאָשקעס
מאַכט זיין נסיעה. אמת, די פגרים
פון די אפּאָקאַליפּטישע חיות האָבן
שוין געעיפּושט, אָבער ס'האָט נאָך
געווימלט מיט אַלערליי גיפטיקע
שלענג, מיט גערייצטע ווילדע
שטשורעס, וואָס האָבן נאָך גע־
טשאַטעוועט אויף דעם ביסל אי־
בערגעבליבענע.

ד"ר שאָשקעס מאַכט זיך נישט
קיין אילוזיעס, ער זאָגט עס אָן פּלי־
טערלעך:

„אַ מיליאָן אַזעלכע שלענג
וואָלטן באַדאַרפט פאַרניכטעט
ווערן, אויב פוילן זאָל זיך
קענען רואיק בויען, אָט די אַלע
וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן יידן
פאַר צוקער און צוליבן ספּאָרט;
אָט די אַלע, וועלכע האָבן מיט־
געאַרבעט מיטן דייטש, איבער־
גענומען דורך אים הייזער און
געשעפטן און פעט געוואָרן
אויפן פאָלקס אומגליק, אָט די
יעניקע וואָס אויף יעדן שריט
און טריט קלאָגן זיי נאָך איצט
עפנטלעך אויף דער יידישער רע־
גירונג, אויף צופיל יידן אין
שטעט און שטעטלעך..."

מ'שטיינס געזאָגט וויפל יידן
האָבן זיך דאָס געראַטעוועט אין
פוילן, ווו „מלאכים" זענען געווען
אַזוי ווינציק; נישט געווען צופיל
גוטהאַרציקע מענטשן־פּאָליאַקן וואָס
זאָלן זיך וועלן מוסר־נפש זיין כדי
ראַטעווען די שכנים־יידן; בשעת
דער מגפה פון די נאַציס האָט מען
געהאָלפן הרגענען און שפּעטער
האָט מען אויך גע'ירשנט און דער־
ווייל איז אין פוילן נישטאָ אַזאַ גע־
ווויסנהאַפטער נביא וואָס זאָל מאַ־
נען גערעכטיקייט מיטן מאָטיוו
הרגת וגם ירשת. די מיליאָנען יידי־
שע איינוווינער זענען אומגעקומען
און די געבליבענע פּאָליאַקן ווילן
ירשענען אונדזער טויזנט־יעריקע
האָרעוואַניע, קיין מאָנערס זענען
נישטאָ.

דאָס ביסל יידן קומט צוריק פון
די בונקערס, וועלדער און אַלערליי
אויסטערלישע באַהעלטענישן, קומט
צוריק און מוז לעבן פאַרשטעלט
אונטער פרעמדע נעמען.

אַזאַ איז געווען די לאַגע אין די
ערשטע חדשים 1946, ווען די „יונ־
גען פון וואַלד", די באַנדיטן, וואָס
רופן זיך פּאַטריאָטן, האָבן נאָך גע־
נוג כוח צו שלעפּן יידן פון באַנען,
צו פּאָגראָמירן און צו מאַכן אומ־
זיכער דאָס לעבן פון די קליינע
אויסגעמוטשעטע הייפעלעך יידן
אין שטעט און שטעטלעך.

אויך גייסטיקע באַשיצער האָבן
די „פּאַטריאָטן" אין די פיינשמע־
קער, געוועזענע אַמבאַסאַדאָרן וואָס
געבן אַרויס ביכער, ווו זיי פאַרגיסן,
נעבעך, ביטערע קראָקאָדיל־טרערן
אויף דעם גורל פון דעם אָרעמען
פוילן, וואָס איז „אוי וויי, געוואָרן
פאַרשקלאַפט פון אומציוויליזירטן
רוסלאַנד". אויף דעם „רחמנות"־
געפיל פון דעם שונא פון ראַטנ־
פאַרבאַנד און כלומרשטן פריינט
פון די פּאָליאַקן, קענען מיר יידן
זאָגן, אַז ס'איז פיין צו האָבן אַן
אויג וואָס וואַכט און אַ שטאַרקע
האַנט וואָס וועט זיך נעמען צו די
העלדזער פון די וואַלד־באַנדיטן.

נאָר ווי זאָגט דאָס פאָלקס־
ווערטל: „ביז מ'זעט די נחמה גייט
אַרויס די נשמה". דערווייל האָט
דער מחבר פון „פוילן 1946" זיך
באַגעגנט מיט די געראַטעוועטע פון
די אַלערליי מיתות משונות, דער־
ווייל זענען זיי דאָ מיט זייער וויי,
מיט זייער פיין, מיט זייערע איבער־
מענטשלעכע איבערלעבענישן. ד"ר
שאָשקעס איבערצייגט זיך אויפן
אָרט פון דער „שחיטה־שטאָט", אַז

אַלץ וואָס מ׳האָט דערציילט „וועגן
דעם שוחט וואָס האָט געשאָכטן
בעת די זון האָט געלויכטן״ איז
גאָרנישט איבערגעטריבן. עס איז
נאָך מער און נאָך ערגער ווי די
פאַנטאַזיע האָט זיך פאָרגעשטעלט.
אָט איז די פרוי וואָס האָט אויסגע־
ברענט אויף דער ווייסקייט פון איר
עלנבויגן אַן אויפשריפט „יודענ־
הור״, אָט איז דער ייד וואָס איז
געווען באַהאַלטן גאַנצע 22 חדשים
צוזאַמען מיט זיין פרוי אין אַ טאָ־
פלטער וואַנט פון זיין אייגן הויז;
אָט איז די יונגע פרוי וואָס דער־
ציילט אַ שוידערלעכע געשיכטע
וועגן ספּעציעל דרעסירטע הינט,
וואָס פלעגן צערייסן מענטשן לע־
בעדיקערהייט. אָט גייען פאַרביי ווי
אין אַ קאַליידעסקאָפּ געוועזענע
יידישע שטעטלעך אָן יידן, יעדעס
שטעטל מיט זיין גרויליקער געשיכ־
טע, די עדי־ראיה האָבן געזען זיך
„באַוועגנדיקע״ קברים, מאַסן־צע־
שיסונגען, טראַנספּאָרטן צו די
טויט־פּלעצער. די „גוטהאַרציקע״
שכנים האָבן איבערגענומען דאָס
האָב און גוטס און אַפילו געראַטע־
וועט אביסל נפשות, פאַר גוט געלט,
צירונג און ווען דאָס האָט זיך
אויסגעלאָזט האָט מען די זיי אָנ־
פאַרטרויטע קינדערלעך ווי איבע־
ריקע עסערס דערטרינקען אין נאָ־
ענטסטן טייכל ווי קליינע קעצלעך.
דאָס ביסל „צדיקים״ אין פּוילן בעת
דער נאַציישער פּעסט איז גאָר ווינ־
ציק געווען. דעריבער זענען די יוצא
מן הכלל ממש הייליקע. יידן וועלן
געדענקען אַזאַ גויאישע דינסט יו־
זשע, וואָס איז געגאַנגען צוזאַמען
מיט איר יידישער באַלעבאָסטע אין
די גאַז־קאַמערן. מיר וועלן אָבער
בשום אופן נישט פאַרגעסן די פאַר־
רעטער וואָס האָבן אונדז איבערגע־
געבן פאַר אַנדערהאַלבן קילאָ צוקער
אין די אָרעמס פון אומקום.

נישט קיין פרייליכע נסיעה. האָט
דאָך שאָשקעס ווי יעדער ייד אין
פּוילן אויך געצאָלט זיין בלוטיקן
צושטייער צו די זעקס מיליאָן, אין
זיין הרובער ביאַליסטאָק ווערט ער
געוויר ווי אַזוי זיי זענען אומגע־
קומען די שוועסטער זיינע. וויפל
פיין, וויפל צער מוז מען זיין בכוח




אין זיך איינצוזאַפּן, ווען מ׳קומט
אַליין אַ זאַטער, אַן אָנגעגעסענער,
אַן אָפּגעהיטער, אַן אָנגעטוענער אין
אַזאַ ים פון עלנט, אויסגעוואָרצלט־
קייט; ווען מ׳מוז טאָג נאָך טאָג באַ־
געגענען אַזוי פיל געפּייניקטע פאַר
דער צייט גרוי־געוואָרענע פריינט,
וואָס שטרעקן די האַנט נאָך הילף
און דער צער איז אַזוי גרויס.

אַזעלכע ביכער וועלן מיר לאַנג
מוזן לייענען, ווער ווייס וויפל שווי־
דערלעכע פּרטים די צייט וועט נאָך
אַרויסברענגען וועגן דער פּחדימ־
דיקסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע
פון דער מענטשהייט, אפילו ווען
אַלץ וועט זיין פאַרהיילט, וועלן מיר
אָבער נישט קענען פאַרגעסן וועגן
דעם מוראדיקן פאַרברעכן וואָס מען
איז קעגן אונדז באַגאַנגען.

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
31טן יאַנואַר 1947 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ אַ ן " —פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 7752 - 47: בוענאָס איירעס.

Este libro terminóse de imprimir
el día 31 de enero de 1947 en los
Tall. Gráficos HEUMAN, Pasteur 333
U. Teléf. 47 - 7752 - Buenos Aires